STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05708

KINE

Yuri Olyosha

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יודי אָליאָשאַ

קנאה

(ראָמאַן)

אַרויסגעגעבן דורך די „ליטעראַרישע בלעטער״

וואַרשע 1934

פון רוסיש
צווייטע אויפלאַגע. — 1000 עקז.

PRINTED IN POLAND

Jury Oliosza — Kine
Nakładem tyg. „Literarisze Bleter“, Warszawa, 1937
Druk. „Grafia“, Nowolipki 7.

יורי אָליאָשאַ און זיין „קנאה"

יורי אָליאָשאַ איז ערשט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געקומען אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור. דער ראָמאַן „קנאה" איז, דוכט זיך, זיין ערשט ווערק. מיט אָט דעם ראָמאַן האָט ער זיך דערוואָרבן אַ נאָמען און אַן אָרט אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור. עס איז אַרום אָט דעם ווערק פיל געשריבן געוואָרן. די מיינונגען פון דער קריטיק זענען געווען גאָר־פאַרשיידן, און ביז איצט האָט זיך די דעבאַטע איבער „קנאה" נאָך נישט פאַרענדיקט.

אין איינער אַן אויטאָביאָגראַפישער דערציילונג זיינער זאָגט יורי אָליאָשאַ וועגן זיין דור: „די רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכן אין דעם מאָמענט, ווען מיר האָבן פאַרענדיקט די גימנאַזיע און באַקומען די רייף־צייגניש". אָט דער דור, וואָס האָט באַקומען די מעגלעכקייט אריינצוטרעטן אין אוניווערסיטעט, האָט געהאַט פאַר זיך אַ פאַרטיקן און באַקאַנטן וועג, אויסגעטראָטן דורך דורות פאַר אים אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט. אָבער די סאָציאַלע רעוואָלוציע האָט מיטאַמאָל, גאָר־אומגעריכט אַלץ איבערגעדרייט, און דער אינטעליגענט איז געבליבן שטיין אין גרויס פאַרלעגנהייט, מיט שווערע פּראָבלעמען אין האַרץ און מוח. אינגאַנצן נישט צוגעגרייט צו דעם אַלעם, וואָס דאָס נייע לעבן האָט אים צוגעטראָגן, איז דאָס געשעענע געווען פאַר אים אַ קאַטאַסטראָפע. דער פּראָצעס פון צופּאַסן זיך צו דעם נייעם לעבנס־שטייגער איז געווען אַ שווערער. נישט אַלע האָבן געקענט אָט דעם פּראָצעס לייכט אַדורכמאַכן. אַ טייל איז פאַרבליבן פון דרויסן, אַרויסגעשטויסן פון דעם לעבנס־גאַנג. אַזאַ איז ניקאָלאַי קאַוואַלעראָוו, דער הויפּט־העלד פון „קנאה", וואָס איז שוין געוואָרן אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור אַ שם־דבר. עס איז דער רוסישער אינטעליגענט, וואָס פלאָנטערט זיך אַן איבעריקער אַרום די רוסישע פאַסירונגען פון ראַטנפאַרבאַנד.

קאוואלעראָוו טראָגט אין זיך שטימונגען, באַגערן, וואָס זענען נישט אין איינ־קלאַנג מיט דער ארומיקער ווירקלעכקייט. ער פירט זיך פסדר זיין אייגענעם חשבון־הנפש, איז קרענקלעך, איז אינגאַנצן צעשרויפט. די קאָפּיקע מאָסקווע דאַרף אים נישט האָבן, — אים מיט זיינע אינדיווידואַליסטישע קווענקלענישן.

כּדי וואָס־שאַרפער אונטערצושטרייכן די געשטאַלט פון דעם ארויסגע־שטויסענעם, קרענקלעכן ניקאָלאַי קאוואַלעראָוו, ברענגט יורי אָליאָשא אין זיין ווערק א צווייטן העלד, אַנדרעי באַביטשעוו, וואָס איז מיט לייב און לעבן אריינגעצויגן אין דער סאָוועטישער ארבעט און איז דערפון איבערגליקלעך. ער פירט אָן מיט אייניקע פּראָדוקטן־פאַבריקן, ער אָרגאַניזירט א נייעם רעסטאָראַן, וואָס וועט ארויסגעבן גאַר־ביליקע מיטאָגן, ער שאַפט עפּעס א נייעם מין וווּרשט, —הכּלל, ער איז פאַרקאָכט אין זיינע ארבעטן און איז צופרידן און באַפרידיקט.

דער צופאַל פירט צונויף אָט די צוויי קעגנזאַצן, — קאוואלעראָוון און באַביטשעוון — אין איין הויז. קאוואַלעראָוון האָט מען נאָך איינעם א סקאַנדאַל ארויסגעוואָרפן פון א רעסטאָראַן אויף דער גאַס. דער פריילעכער, מונטערער באַביטשעוו האָט אויף אים רחמנות, ברענגט אים צו זיך אַהיים, און לייגט אים אַוועק אויף דער סאָפע ביי זיך אין צימער. באַביטשעוו איז צופיל פאַרנומען מיט זיך, ער זאָל טראַכטן וועגן אָט דעם איבעריקן מענטשל. קאוואַלעראָוו אָבער קוקט מיט פאַרשנדיקע אויגן אויף דעם צופרידענעם באַביטשעוו. קאוואַ־לעראָוו לעסטערט, מאָנט און וואָרנט, און באַביטשעוו — זינגט, לאַכט, שפּריצט מיט פרייד. קאוואלעראָוו רעדט, פילאָזאָפירט, און באַביטשעוו — טוט, ארבעט. קאוואַלעראָוון באַליידיקט באַביטשעווס גלייכגילטיקייט צו אים און צו זיינע רייד.

אין זיין גרויס פאַרצווייפלונג טרוימט קאוואַלעראָוו וועגן אייראָפּע, וואָס איז פאַר אים דער היפּוך פון סאָציאַליזם. אין אייראָפּע — טענהט קאוואַלע־ראָוו — האָט דער באַגאַבטער מענטש א ברייט פעלד צו דערגרייכן רום. דאָרט פאַרשטייט מען דעם צווייטנס רום... און דאָ, אין ראַטנפאַרבאַנד, איז נישטאָ קיין מעגלעכקייט צו דערגרייכן אינדיווידועלן ערפאָלג... ער טרוימט וועגן דעם, אַז ווי גוט וואָלט געווען, ווען ער וואָלט געבוירן געוואָרן אין א קליין פראַנ־צויזיש שטעטל, געוואַקסן דאָרט, און אין איינעם א טאָג וואָלט ער זיך אַוועק־געלאָזט אין דער הויפּטשטאָט און דאָרטן וואָלט ער זיך דערשלאָגן צו זיין ציל. און דאָ — האַלט מען אים אין איין טענהן, אַז פערזענלעכקייט איז גאָרנישט...

ער זעט, ווי באַביטשעוו קוועלט אָן פון דעם נייעם סאָרט וווּרשט, וואָס מען לאָזט ארויס. פאַר יענעם איז עס א יום־טוב, אָבער קאוואַלעראָוון איז

פרעמד אַט די פרייד, ער פאַרשטייט נישט די שמחה צוליבן וורשט, און עס וואַקסט וואָס־ווייטער אַלץ־מער דער האַס פון קאַוואַלעראָוון צו באַביטשעוון, און ער דריקט אוים אַט די פאַראַכטונג צו אים אין אַ לאַנגן בריוו, וואָס ער שרייבט אים אָן. ער זידלט אים און שפּאָט פון אים. ער איז אין זיינע אויגן אַ הויכשטאַפּלער, אַן עם־הארץ, און ווי אַלע הויכטשטאַפּלער — אויך אַ סאַמאָדור...

ניקאָלאַי קאַוואַלעראָוו טרעפט זיך צונויף מיט אַנדרעי באַביטשעווס אַ ברודער—איוואַן באַביטשעוו. ווי קאַוואַלעראָוו, אַזוי איז אויך איוואַן באַביטשעוו אַן אומצופרידענער, אַן ארויסגעשטויסענער. דער קרענקלעכער איוואַן באַביטשעוו וויל צונויפזאַמלען אַרום זיך אַלע אומצופרידענע און מיט זיי אינאיינעם אַרויס־טרעטן קעגן די הייַנטיקע הערשער. ער וויל אַרויסטרעטן אין נאָמען פון ליבע, פון געפיל, וואָס זענען איצט, לויט זיין מיינונג, פאַרטריבן געוואָרן. „דער סוף פון דער עפּאָכע, די איבערגאַנגס־צייט — פּריידיקט ער — פאַרלאַנגט אירע לע־גענדעס, אירע מעשהלעך,” און ער, איוואַן באַביטשעוו, וויל ווערן דער העלד פון אַט דער לעגענדע. „זאָל די תקופה שטאַרבן מיט מיין נאָמען אויף די ליפּן!”

קאַוואַלעראָוו באַפריינדעט זיך מיט איוואַן באַביטשעוו, זיי געפינען איי־נער אינם אַנדערן אַ שטיץ־פּונקט, אַ הילף אין זייער פאַרלוירנקייט. זיי טרוי־מען בײדע וועגן אויפשטאַנד קעגן די צופרידענע, קעגן די מענטשן־מאַשינעס, וועלכע זענען אויפגעשטאַנען אויף די חורבות פון דער פּערזענלעכקייט. זיי פאַנטאַזירן וועגן עפּעס אַ מאַשין, וואָס איוואַן באַביטשעוו דאַרף אויסטראַכטן; אַט די מאַשין וועט עס ברענגען די אויסלייזונג, וועט אומברענגען, וועט צו־נישט מאַכן די אַלע הערשער, די אַלע פּראָיעקטן זייערע, די אַלע בנינים זייערע...

איוואַן באַביטשעוו האָט איין טאָכטער, וואַליאַ, אַ צאַרטע געשטאַלט, וועמען ער שענקט זיין האַרץ, זיינע טרוימען, זיין פאַנטאַזיע. אָבער אויך די טאָכטער רייסט ביי אים אַוועק זיין ברודער אַנדרעי. וואַליאַ געפעלט שטאַרק קאַוואַלעראָוון. אין די שנאה און פאַרדרוס פון זיי ביידן קעגן דעם צופרידענעם אַנדרעי באַביטשעוו וואַקסט און וואַקסט. אַנדרעי איז אין זייערע אויגן דער סימבאָל פון דער נייער צייט, וואָס וויל זיי נישט אָנערקענען, וואָס שטויסט זיי אַוועק אָן אַ זייט. זיי באַשליסן זיך נוקם צו זיין אין דער נייער צייט, אין דער נייער אָרדענונג, און זיי באַשליסן צו דערמאָרדן אַנדרעיען.

ביים גליקלעכן אַנדרעי באַביטשעוו לעבט דער יונגער וואָלאָדיאַ מאַקאַ־ראָוו. ער איז אַ קינד פון דער רעוואָלוציע אויסגעוואַקסן מיט איר און איז פאַרליבט אין איר. ער איז אַ פוטבאָליסט, ער איז פריש און געזונט, אַ שטיק

סימבאָל פון דעם יונגן דור, וואָס וואַקסט אין ראַטנפאַרבאַנד, וועלכער ווייסט גאָרנישט וועגן דער גרויסער וועלט.

דאָס איז אין קורצן דער אינהאַלט פון דעם ראָמאַן, וואָס מיר ברענגען איצט פאַר אונזער יידישן לעזער.

דער סוף פון דער דערציילונג — ביידע, די איבעריקע ווערן נאָך מער ארויסגעשטויסן פונם לעבן. די זיגער זענען אַנדרעי באַביטשעוו און וואָלאָדיאַ מאַקאַראָוו. איוואַן באַביטשעוו און ניקאָלאַי קאָוואַלעראָוו בלייבן אָן דער זייט, קומען-אום דורך די שטאַרקע קלעפּ פונם ראַטנפאַרבאַנדישן לעבן. עס העלפן נישט זייערע פּראָטעסטן, זייערע רופן צום ווידערשטאַנד.

פאַרפאַלן, זיי זענען פאַראורטיילט אויף אומקום.

ז. מ.

ערשטער טייל

1

אין די פרימאָרגנס, ווען ער זיצט אין קלאָזעט, זינגט ער דאָרטן לידער. איצט קאָנט איר זיך שוין פאָרשטעלן, סאַראַ לעבנס־לוסטיקער, געזונטער מענטש דאָס איז. דער ווילן צו זינגען לידער ווערט ביי אים געבוירן רעפלעקטאָריש. דידאָזיקע לידער זיינע, וואָס פאַר־מאָגן נישט קיין מעלאָדיע, נישט קיין ווערטער, וואָס פאַרמאָגן בלויז איין טאַ־ראַ־ראַ, וועלכן ער שרייט אויס אויף פאַרשידענערליי אופנים, קאָנען אָט ווי אַזוי אויסגעטייטשט ווערן:

„ווי אָנגענעם מיר איז צו לעבן... טאַ־ראַ! טאַ־ראַ!... מיינע קישקעס זענען שטייפע... ראַ־טאטאַ־טאַ־טאַ־ראַ־רי... גוט פליסן אין מיר די זאַפטן... ראַ־טאַ־טאַ־רו־טאַ־טאַ... אַרבעט, קישקע, אַרבעט... טראַם־באַ־באַ־בום!"

אינדערפרי, ווען ער גייט פון זיין שלאָפצימער פאַרביי מיר (איך מאַך זיך, אַז איך שלאָף) צו דער טיר, וואָס פירט אין די טי־פענישן פון דער דירה, אין קלאָזעט, שלעפט זיך נאָך אים מיין פאַנטאַזיע. איך הער זיך צו צום שאָרך אין דער ענגער פאַר זיין גרויסן גוף קלאָזעט־קאַבינקע. זיין פלייצע רייבט זיך אָן דער אינע־ווייניקסטער זייט פון דער פאַרהאַקטער טיר, און די עלנבויגנס זיינע האַקן זיך אָן די ווענטלעך. ער שמאָדערט מיט די פיס. אין דער טיר פון קלאָזעט איז אַריינגעפּאַסט אַ מאַטאָווע אָוואַלע שויב. ער גיט אַ דריי דעם עלעקטרישן קנעפּל, דער אָוואַל ווערט פון אינעווייניק באַ־לויכטן און ווערט פרעכטיק, באַקומט אַן אָפּאַל־קאָליר און די פאָרם פון אַן איי. אין מיין פאָרשטעלן זע איך אָט דאָס איי, וואָס הענגט אין דער פינסטערניש פונם קאָרידאָר.

ער וועגט זעקס פֿוד. אַנומלט, ווען ער איז ערגעץ געגאַנגען אַראָפּ מיט טרעפּ, האָט ער באַמערקט, אַז אין טאַקט צו זיינע טריט הוידען זיך ביי אים זיינע בריסטן, האָט ער באַשלאָסן צו נעמען זיך אַ נייע פּאָרציע גימנאַסטישע איבונגען.

דאָס איז אַ מוסטערהאַפטער מאַנספּאַרשוין.

געוויינטלעך מאַכט ער זיינע גימנאַסטישע איבונגען נישט ביי זיך אין שלאָף-צימער, נאָר אין יענעם צימער, וואָס האָט נישט קיין באַשטימטע פונקציע — אין דעם צימער, ווו איך געפין זיך. דאָ איז גרוימער, לופטיקער, מער ליכט, מער שיין. אין דער אָפענער טיר פונם באַלקאָן גיסט זיך אַ קילקייט. אויסער דעם שטייט דאָ דער וואַש-טיש. פון שלאָף-צימער ווערט אַהער געבראַכט אַ שטרויען טעפּיכל. ער איז נאַקעט ביזן גאַרטל, אין געשטריקטע גאַטקעס, וואָס זענען פאַרשפּיליעט אויף איין קנעפּל אויף מיטן בויך. דאָס בלויע און ראָזעווע וועלטל, וואָס געפינט זיך אין צימער, דרייט זיך אינם פּערל-מוטערנעם אָביעקטיוו פונם קנעפּל. ווען ער לייגט זיך אַנידער מיט דער פּלייצע אויפן שטרויענעם טעפּיכל און הויבט אָן הויבן די פיס איינע נאָך דער אַנדערער, האַלט דאָס קנעפּל נישט אויס. עס דעקט זיך אָפּ זיין פּאַכווע. די פּאַכווע זיינע איז גרויסאַרטיק. זי איז צאַרט אונטערגעסמאַליעט. ס'איז אַ פּרעכטיק ווינקעלע. ס'איז אַ פּאַכווע פון אַ מוסטערהאַפטן „ער". אָט אַזאַ מין פּאַכווע מיט אַזאַ מין צאַרטער מאַטאָווער זאַמש-ווייכקייט האָב איך געזען ביי אַן אַנטילאָפּער. איך בין זיכער, אַז די מיידלעך, סעקרעטאַרינס און קאַנטאָר-אַרבעטערינס זיינע ווערן דורכגעדרונגען מיט ליבע-שטראָמען פון איין בליק זיינעם.

ער וואַשט זיך, ווי אַ ייִנגל. ער פּייפט, טאַנצט-אונטער, שפּריצט זיך, לאָזט אַרויס אַזעלכע מאָדנע קולות, וואָס זענען גלייכצייטיק ענ-לעך אי אויף אַ געיאָמער, אי אויף אַ געלעכטער. ער כאַפּט אָן פולע הויפנס וואַסער און, נישט דערטראָגנדיק צו זיין לייב, צעשפּריצט ער עס אויפן שטרוי-טעפּיכל. דאָס וואַסער צעשיט זיך איבערן שטרוי אין פולע, ריינע טראָפּנס. דער שוים פאַלט אין שיסל אַריין און זידט דאָרטן אויף, ווי אַ בלינצע. אָפּט פאַרשפּריצט אים די זייף די אויגן. ער זידלט זיך און שילט זיך דעמאָלט, רייסט אויף מיט די גרויסע פינגער די אויגן-לעפּעלעך. ווען ער שווענקט דעם האַלז, הערט זיך אַזאַ מין קלאָקטשעניש, אַז מענטשן אויף דער גאַס, אונטערן באַלקאָן, שטעלן זיך אָפּ און פאַרייסן די קעפּ.

אַ האָזעווער, שטילסטער פרימאָרגן. דער פרילינג איז אין פולן ברען. אויף אַלע פענסטער שטייען בלומען-טעפּ. פון צווישן די שפּאַרונעס שפּאַרן די פאַרבן פון דעם בליעכץ.

(די זאַכן האָבן געוואָרפן אויף מיר אַן אומחן. דאָס מעבל זוכט רק אונטערצושטעלן מיר אַ פיסל. עפּעס איינער אַ לאַקירטער ראָג פון בופעט האָט מיך איינמאָל בוכשטעבלעך אַ ביס געטון. מיט דער קאָלדרע זענען שטענדיק ביי מיר קאָמפּליצירטע צווישנבאַציִונגען. די זופּ, וואָס ווערט מיר דערלאַנגט, ווערט קיינמאָל נישט אָפּגעקילט. אויב עפּעס אַ שטיקל בעבעכע מיינע — אַ מטבע אָדער אַ שפּאָנקע — פאַלט אַראָפּ פון טיש, פאַרקייקלט זיך עס שטענדיק גראָד אונטער אַזאַ מין שטיק מעבל, וואָס איז זייער שווער איבערצורוקן. איך קריך צרום איבערן דיל, און ווען איך הויב אויף דעם קאָפּ, זע איך, ווי דער בופעט לאַכט מיך אויס).

די בלויע שעלקעס זיינע הענגען אים ביי די זייטן. ער גייט אין זיין שלאָף-צימער, געפינט דאָרט אויף דעם שטול זיינע פּענ:נע, שטעלט זיך אַקעגן שפּיגל, טוט זיי אָן און קומט צוריק צו מיר אין צימער. דאָ, ביי מיר אין צימער, גיט ער זיך אַ שטעל אינמיטן, גיט אַ הויב זיינע שעלקעס,ביידע מיטאַמאָל מיט איין באַוועגונג אַזאַ, ווי ער וואָלט אַרויפגעוואָרפן עפּעס אַן אוצר אויף די פּלייצעס. מיט מיר רעדט ער קיין וואָרט נישט אויס. איך מאַך זיך, אַז איך שלאָף. אין די מעטאַלענע בלעכלעך פון זיינע שעלקעס קאָנצענטרירט זיך די זון אין צוויי בלענדנדיקע ליכט-סנאָפּלעך (זאַכן האָבן אים ליב).

ער דאַרף זיך נישט פאַרקעמען און ברענגען אין אָרדענונג זיין באָרד מיט די וואָנצעס. זיין קאָפּ איז קורץ געשוירן, די וואָנצעלעך זענען ביי אים אויך קורצינקע — אונטער דער סאַמע נאָז. ער איז ענלעך אויף אַ גרויסן, דיקן יינגלינג.

ער נעמט דעם פלאַקאָן; עס טוט אַ קריץ אין זיינע הענט רער גלעזערנער קאָרעק. ער גיסט אָן אין זיין הויפן אָדעקאָלאָן און גיט אַ פיר מיטן הויפן איבערן האַלב-קיילעך פון זיין קאָפּ, פון שטערן צו דער פּאָטיליצע און צוריק.

אינדערפרי טרינקט ער אויס צוויי גלעזער קאַלטע מילך. ער נעמט אַרויס פון בופעט דאָס קריגעלע, גיסט זיך אָן און טרינקט עס שטייענדיקערהייט.

דער ערשטער איינדרוק, וואָס ער האָט אויף מיר געמאַכט, איז

געווען אַ דערשיטערנדיקער. איך האָב זיך אָזוינס גאָרנישט געקאָנט פאָרשטעלן, נישט געקאָנט משער זיין. ער איז געשטאַנען אַנטקעגן מיר אין אַ גרויען, עלעגאַנטן, שמעקעדיקן קאָסטיום, די ליפּן זענען ביי אים געווען פרישע, עטוואָס אַרויסגעסטאַרטשעטע. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז ער איז גאָר אַן עלעגאַנט.

זייער אָפט וועקט מיך אויף ביינאַכט זיין כראָפּעניש. אַ מטורפּער כאַפּ איך זיך אויף פון שלאָף און באַנעם נישט, וואָס דאָ טוט זיך. מיר דוכט זיך, אַז עמעצער שרעקט מיך און לאָזט אַרויס אַלץ איין און דעמזעלבן קלאַנג: „קראַקאָטאָו... קררראַ... קאַ... טאָוווו...“

אַ זעלטענע דירה האָט מען אים געגעבן. סאַראַ וואַזע עס שטייט נעבן דער טיר אויפן באַלקאָן אויף אַ לאַקירטער טומבע! פון פיינסטן פאָרצעליי איז די וואַזע, אַ פאַרקיילעכיקטע, אַ הויכע, אַ דורכזיכטיקע, מיט צאַרטער בלוט-רויטקייט אונטער איר הויט. זי איז ענלעך אויפן פויגל פלאַמינגאָ, די וואַזע זיינע. די דירה איז אויפן דריטן שטאָק. דער באַלקאָן הענגט אין לופטיקן רוים. די ברייטע הינטערשטאָטיקע גאַס איז ענלעך אויף אַ שאָסיי. אַנטקעגנאיבער, אונטן — אַ סאָד. אַ שווערער, טיפּישער פאַר די מאָסקווער פאָרשטעט סאָד. אין אומ-אָרדענונג שטייען דאָ די ביימער צעוואָרפן, די ביימער, וואָס זענען אויסגעוואַקסן אויף אַ פוסטן פלאַץ צווישן דריי ווענט, ווי אין אַן אויוון.

ער איז אַ פרעסער. מיטאָג עסט ער נישט אינדערהיים. נעכטן אין אָוונט איז ער געקומען אַהיים אַ הונגעריקער און באַשלאָסן אי-בערבייסן. אין בופעט האָט ער גאָרנישט נישט געפונען. ער איז אַראָפּ אויף דער גאַס (אויפן ראָג שטייט אַ קראָם) און געבראַכט צו שלעפן מיט זיך אַ גאַנצן באַרג עסנוואַרג: צוויי הונדערט און פופציק גראַם אויפשניט, אַ באַנקע שפּראָטן, אַ קאָנסערווירטע סקומבריע, אַ גרויסע האַלבע לבנה האָלענדישן קעז, פיר עפּל, אַ צענדליק אייער און מאַר-מעלאַד, „פּערסישע אַרבעס“. עס איז באַשטעלט געוואָרן אַ פיינקוכן און טיי (די קיך איז אין שטוב אַ געמיינזאַמע, די קיך ווערט באַדינט דורך צוויי קעכינס, וועלכע ביטן זיך לויט דער ריי נאָך).

— פרעסט, קאַוואַלעראָוו, — האָט ער מיך געלאַדן און גלייך זיך אַ וואָרף געטון אויף דער אַכילה. דעם פיינקוכן האָט ער געגעסן פון דער בראָטפאַן אַרויס, שיילנדיק שטיקער ווייסל, ווי מען שיילט עמאַל. די אויגן זיינע האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט. ער האָט אַראָפּגענומען

און אָנגעטון צוריק די פענסנע, געקייט, געסאָפּעט, די אויערן האָבן זיך אַזש ביי אים באַוועגט.

איך פאַרברענג די צייט אין באָבאַכטונגען. האָט איר זיך אַמאָל צוגעקוקט דערצו, ווי אַזוי דאָס זאַלץ שיט זיך אַראָפּ פון שפּיץ מעסער ביזן לעצטן קריסטאַלעכל און לאָזט לחלוטין נישט איבער קיין שום שפּורן אויפן מעסער, — דאָס מעסער בלאַנקט, ווי אויף אים וואָלט קיינמאָל קיין גרייפּעלע זאַלץ נישט געווען; האָט איר געזען, אַז די פענסנע רייט, ווי אַ וועלאָסיפּעד, ביים מענטשן אויף דער נאָז; האָט איר באַמערקט, ווי דער מענטש איז אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט קליינינקע אויפשריפטן, אַ גאַנצער מוראַשניק אויפשריפטלעך, וואָס זענען זיך צעקראָכן איבער די גאָפּל, לעפל, טעלער, אויף דעם רעמל פון די פענסנע, אויף די קנעפּלעך, אויף די בלייערס? קיינער באַמערקט זיי נישט. זיי פירן אַ קאַמף פאַר עקזיסטענץ. זיי פאַרוואַנדלען זיך פון איין מין אין דעם אַנדערן, ביז די ריזיקע שילד-בוכשטאַבן איינגעשלאָסן! זיי הויבן אויפשטאַנדן אויף — קלאַס קעגן קלאַס: די בוכשטאַבן פון די עמאַלירטע שילדעלעך אויף די ראָגן (נעמען פון די גאַסן) פירן אַ מלחמה מיט די בוכשטאַבן פון די אַפישן.

ער האָט זיך אָנגעגעסן ביז איבערן האַלז אַריבער. ער האָט זיך נאָך געהאַט אַ צי געטון מיטן מעסער צו די עפּל, אָבער ער האָט בלויז צעהאַקט די געלע באַק פון עפּל און אַוועקגעוואָרפן אים.

אַ פאָלקס-קאָמיסאַר האָט אין איינער אַ רעדע זיינער אים זייער הויך געריסט. ער האָט געזאָגט:

— אַנדריי באַביטשעוו איז איינער פון די אויסגעצייכנסטע מענטשן פון אונזער מלוכה.

ער, אַנדריי פּעטראָוויטש באַביטשעוו, פאַרנעמט דעם פּאָסטן פון אַ דירעקטאָר אין אַ טרעסט פון דער שפּייז-אינדוסטרי. ער איז דער גרויסער קאָלבאַסניק, בעקער און קאָכער. און איך, ניקאָליי קאַוואַלעראָוו, בין דער שטוב-פּאַיאַץ זיינער.

2

ער פאַרוואַלטעט מיט אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צום פּרעס.

ער איז גייציק און קנאהדיק. אים וואָלט זיך געוואָלט אַליין, מיט זיינע אייגענע הענט פּרעגלען, קאָכן און באַקן אַלע פּיינקוכנס, פּיראָגעס, קאָטלעטן, ברויטן; אים וואָלט זיך געוואָלט געבוירן אַלע שפּייזן. ער האָט געבוירן „דאָס פּערטעלע”.

עס וואַקסט זיין קינד. דאָס „פּערטעלע”—דאָס וועט זיין אַ שטוב אַ גיגאַנט, די גרעסטע קיך, די גרעסטע פּרעסאַרניע אין דער וועלט. אַ מיטאָג פון צוויי געריכטן וועט קאָסטן אַ „פּערטעלע”.

עס איז דערקלערט געוואָרן אַ קריג די קיכן.

טויזנטער קיכן קאָן מען שוין רעכענען פאַר באַזיגט.

ער טראָגט מיט זיך אַ טויט דער קוסטאַרעריי, דאָס אַכטעלע, די פלעשעלעך. ער וועט פאַרייניקן אַלע פלייש-מילכלעך, אַלע פּרימוסן, אַלע בראָט-פאַנען, אַלע וואַסער-לייטונג-קראַנען... אויב איר ווילט, וועט דאָס זיין די אינדוסטריאַליזאַציע פון דער קיך.

ער האָט אָרגאַניזירט אַ גאַנצע ריי קאָמיסיעס. די מאַשינען, וואָס זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן אויף אַ סאָוויעטישן זאַוואָד אויף אָפּצו-רייניקן די גרינסן פון זייערע שאָלעכצן, האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס אויסגעצייכנטע מאַשינען. אַ דייטשישער אינזשיניער בויט די קיך. אַסאַך אונטערנעמונגען אַרבעטן אויף אויספילן באַביטשעווס באַשטעלונגען.

איך האָב זיך וועגן אים אָט וואָס דערוווּסט:

ער, דער דירעקטאָר פון אַ טרעסט, איז איינמאָל אינדערפרי, מיט אַ טעקע אונטערן אָרעם — אַ בירגער זייער אַ סאָלידער, מיט אַן אויסגעשפּראָכן מלוכהשן אויסזען, — אַוועק מיט אומבאַקאַנטע טרעפּ, וואָס פירן צו די הינטער-טירן, און אָנגעקלאַפּט אין דער ערש-טער בעסטער קיך-טיר. ווי אַ האַרון-אַל-ראַשיד האָט ער באַזוכט איינע פון די קיכן אין אַ הינטערשטאָטישער שטוב, וואָס איז באַזעצט גע-ווען מיט אַרבעטער. ער האָט דאָרט געפונען רויך און שמוץ, מטורפּע פוריעס האָבן זיך געטראָגן אין רויך, קינדער האָבן געוויינט. אַלע

האָבן זיך גלייך אייף אים אַ וואָרף געטון. ער האָט אַלעמען גע־שטערט. ער, אַ ריזיקער, האָט אָפּגענומען ביי זיי אַסאַך אָרט, ליכט, לופט. אויסער דעם איז ער געווען מיט אַ טעקע, מיט פּענסנע אויף דער נאָז, אַן עלעגאַנטער און ריינער. און די פּוריעס האָבן באַשלאָסן: פאַרשטייט זיך, דאָס איז אַ מיטגליד פון עפּעס אַ קאָמיסיע. די באַ־לעבאָסטעס האָבן זיך צו אים אַ נעם געטון. ער איז אַוועק, צוליב אים (האָבן זיי אים נאָכגעשריען) האָט זיך דער פּרימוס אויסגעלאָשן, האָט אַ גלאָז געפּלאַצט, איז די זופּ איבערגעזאַלצן געוואָרן. ער איז אַוועק און נישט געזאָגט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן. ער האָט נישט קיין פאַנטאַזיע. ער וואָלט געדאַרפט צו זיי אַזוי זאָגן:

„פרויען! מיר וועלן אָראָפּבלאָזן פון אייך די סאַזשע, מיר וועלן אויסרייניקן דעם רויך פון אייערע נאָזלעכער, דעם געפּילדער פון אייערע אויערן. מיר וועלן צווינגען די קאַרטאָפּל, זי זאָל אין איין אויגנבליק, ווי דורך אַ כּישוף, אַראָפּוואַרפן פון זיך די שאָלעכץ; מיר וועלן אייך אומקערן צוריק די שעהן, וואָס די קיך גנבעט ביי אייך אַוועק — דאָס האַלבע לעבן, וואָס איר פאַרברענגט אויף דער קיך, וועט איר באַקומען צוריק. דו, יונג ווייב, קאָכסט זופּ פאַרן מאַן און דער קאַלוזשע זופּ גיסטו אָפּ אַ האַלבן פון דיין טאָג! מיר וועלן פאַרוואַנדלען אייערע קאַלוזשעס אין פינקלדיקע ימען, אַן אָקעאַן באָרשט וועלן מיר אָנגיסן, אַ גאַנצן באַרג קאַשע וועלן מיר אָנשיטן, אַ גאַנצן גלעטשער קיסיעל וועלן מיר אַ שטעל טון! הערט, באַלעבאָסטעס, וואַרט! מיר זאָגן אייך צו: דער קאַכלענער דיל וועט מיט זון זיין באַגאָסן, עס וועלן פלאַמען די קופּערנע פאַנען, ווי ליליען וועלן די טעלער זיין ריין, די מילך וועט זיין שווער, ווי קוועקזילבער, און פונם זופּ וועט זיך צעטראָגן אַזאַ מין גערוך, אַז די בלומען אויף די טישן וועלן זיי אָנהייבן מקנא זיין״.

ווי אַ פאַקיר איז ער אין צען פאַרשידענע ערטער איינצייטיק.

אין זיינע געשעפט-צעטעלעך באַנוצט ער זיך אָפט מיט קלאָ־מערן, אונטערשטרייכונגען, — ער האָט מורא, אַז מען וועט אים ניש באַנעמען און אָנפּלאָנטערן.

אָט זענען מוסטערן פון זיינע צעטעלעך:

„דעם חבר פאָגינסקי.

באַפעלט, אַז אין יעדן טעלער פון דער ערשטער געריכט (סיי פונם פופציק: סיי פונם פינפאונזיבעציק-קאָפּיקענעם מיטאָג) זאָל מען

אַרײַנלייגן אַ שטיקל פלייש (גלאַט אָפּגעשניטן, ווי ביים פּריוואַטניק). גיט גוט אַכטונג דערויף, צי איז אַן עמעס, אַז: 1) דאָס צובייסן צום ביר דערלאַנגט מען אָן אַ טעצל? 2) דער אַרבעס איז אַ קלײנער און שלעכט אויסגעווייקט?"

„דעם כאַווער פּראָקודין.

די פּאַפּירלעך צו די קאָנפּעטן מאַכט לויטן קונה נאָך (צוועלף מוסטערן) (שאָקאָלאַד, געפּילטע), אָבער אויף אַ נייעם שטייגער. נאָר נישט „ראָזע לוקסעמבורג" (כ'האָב זיך דערוווּסט, אַז אַזוינס איז פאַראַן — פּאַסטילאַ!) — בעסער פון אַלץ איז נעמען עפּעס אַ נאָמען פון דער וויסנשאַפט (פּאָעטישעס — געאָגראַפיע? אַסטראָנאָמיע?), מיט אַ נאָמען אַן ערנסטן ווילקלינגענדיקן: „עסקימאָס"? „טעלעסקאָפּ"? גיט צו וויסן דורכן טעלעפאָן, מאָרגן, מיטוואָך, צווישן איינס און צוויי, מיר, אין פאַרוואַלטונג. אומבאַדינגט".

ער מישט זיך אין יעדער קלייניקייט, ער האָט קיין טראָפּן צוטרוי נישט און איז פאַרטון ווי אַ באַלעבאָסטע פון אַ גרויסער באַלעבאַטישקייט.

צען אַזייגער אינדערפרי איז ער געקומען צו פאָרן פון דער שאַכטל-פאַבריק. אויף אים האָבן געוואַרט אַכט מענטשן. ער האָט אויפגענומען: 1) דעם פאַרוואַלטער פון וועגדזלעריי, 2) דעם באַפולמעכטיקטן פונם ווייט-מזרחדיקן קאָנסערוון-טרעסט (ער האָט אַ כאַפּ געטון אַ שאַכטל קראַבן און איז אַרויסגעלאָפן פון קאַבינעט עמעצן ווייזן. ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט, האָט ער עס אַוועקגעשטעלט נעבן זיך, אויפן טיש, ביים עלנבויגן, און לאַנג נישט געקאָנט באַרויִקן זיך, די גאַנצע צייט געקוקט אויף דעם בלויען שאַכטעלע, געלאַכט, גערקראַצט זיך די נאָז), 3) דעם אינזשיניער, וואָס האָט געבויט דעם סקלאַד, 4) אַ דייטש — וועגן לאַסט-אויטאָמאָבילן (גערעדט אויף דייטש; ער האָט פאַרענדיקט דאָס געשפּרעך, ווייזט אויס, מיט אַ שפּריכוואָרט, מחמת עס האָט זיך באַקומען אַ גראַם און ביידע האָבן זיך צעלאַכט), 5) אַ קינסטלער, וואָס האָט געבראַכט אַ פּראָיעקט פון אַ רעקלאַמע-פּלאַקאַט (עס איז אים נישט געפעלן געוואָרן, — ער האָט געזאָגט, אַז עס דאַרף זיין אַ טויבער קאָליר — אַ כעמישער און נישט קיין ראָמאַנטישער), 6) עפּעס איינעם אַ קאָנטראַגענט אַ רעסטאָראַטאָר, מיט ספּינקעס אויף די מאַנזשעטן אין דער פאָרם פון מילך, ווייסע גלעקלעך, 7) עפּעס אַ חלוש אַ מענטשל מיט אַ געקרייזלטער באָרד,

וואָס האָט געדערט וועגן פּי-קעפּ, און, לסוף, 8) עפּעס איינעם אַן אַנטציקנדיקן דאָרף-איינוווינער. דידאָזיקע לעצטע באַגעגעניש האָט געטראָגן אַ באַזונדערן כאַראַקטער. באַביטשעוו האָט זיך אויפגעהויבן און אַ לאָז געטון זיך דעם מענטשן אַנטקעגן מיט כמעט צעעפנטע אָרעמס. יענער האָט מיט זיך פאַרפולט דעם גאַנצן קאַבינעט, — אַזאַ מין באַצויבערנדיק-נישט-גראַבנער, שעמעוודיקער, שמייכלדיקער, פאַר-ברוינטער, העלאויגיקער, — אַזאַ מין לעווין טאָלסטאָיס. געשמעקט האָט פון אָט דעם מענטשן מיט פעלד-בלומען און מילכיקע געריכטן. עס איז געגאַנגען אַ שמועס וועגן אַ ראַטנווירטשאַפט. די פּנימער פון די שמועסנדיקע האָבן באַקומען אַ טרוימערישן אויסדרוק.

פיר אַזייגער מיט צוואַנציק מינוט איז ער אַוועקגעפאָרן אויף אַ זיצונג אינם העכסטן ראַט פון דער פאָלקסווירטשאַפט.

3

אינאָוונט, אינדערהיים, זיצט ער ביי זיין טיש אַ באַשיינטער מיט דער פאַלמע-גרינקייט פון זיין אבאזשור. פאַר זיינע אויגן ליגן אויפן טיש בויגנס פּאַפּיר, נאָטיץ-ביכלעך, קליינינקע בלעטלעך מיט קאָלאָנקעס ציפערן. ער בלעטערט זיין טיש-קאַלענדאַר, שפרינגט אויף, זוכט עפּעס אויף דער עטאַזשערקע, נעמט אַרויס פון די שיפלאָדן פעקלעך פּאַפּיר, שטעלט זיך מיט די קני אויפן שטול און מיטן בויך וואַלגערט ער זיך אַרויף אויפן ראַנד פון טיש, שפּאַרט אונטער זיין דיקן פּנים מיט די הענט. לייענט. דער גרינער אויבער-פלאַך פון זיין טיש איז באַדעקט מיט אַ גלעזערנעם טאָוול. סוף-כל-סוף, וואָס איז דאָ דער חידוש? אַ מענטש אַרבעט, אַ מענטש אַרבעט ביי זיך אינדער-היים, אינאָוונט. אַ מענטש האָט זיך אָנגעבויגן, מיט זיינע אויגן אין בויגן פּאַפּיר און קאָלופּעט מיט אַ בליישטיפט אין אויער. קיין שום אויסערגעוויינלעכס איז דאָ נישטאָ, נאָר די גאַנצע אויפפירונג זיינע רעדט: דו ביסט אַ באַלעבעסל, קאָוואַלעראָוו, פאַרשטייט זיך, ער זאָגט עס נישט, זייער מעגלעך, אַז ער טראַכט עס אפילו נישט, אָבער דאָס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אָן ווערטער אפילו. עפּעס עמעצער אַ דריטער זאָגט מיר וועגן דעם. עפּעס עמעצער אַ דריטער צווינגט מיך פון די כלים אַרויס, ווען איך זיץ און באַטראַכט אים.

— אַ פּערטעלע! אַ פּערטעלע — שרייט ער. — אַ פּערטעלע!

ער הויבט פּלוצלונג אָן לאַכן. עפּעס אויסערגעווייגלעך־קאָמישעס האָט ער איבערגעלייענט אין זיינע פּאַפּירן אָדער געפונען אין די קאָלאָנקעס ציפערן. ער גיט מיך אַ רוף, שטיקנדיק זיך פון געלעכ־טער. ער הירזשעט, טייט מיט אַ פינגער אין בויגן פּאַפּיר. איך קוק און זע גאָרנישט. וואָס האָט אויף אים אָנגעטריבן אַזאַ מין געלעכ־טער? דאָרט, ווו איך קאָן אַפילו נישט געפינען דעם פּונקט, פון וועלכן מען זאָל קאָנען פירן קאָמישן פאַרגלייך, דאָרט זעט ער אַזוינס אויסטערלישעס, אַזוינס אויסערגעווייגלעכס, אַז ער פּלאַצט פון געלעכטער. מיט אַ פּחד קוק איך זיך צו צו אים. אַזוי לאַכט אַ פּאַנאַ־טיקער. איך הער זיך צו צו זיין געלעכטער, ווי אַ בלינדער הערט זיך צו צום אויפרייס פון אַ ראַקעטע.

„דו ביסט אַ באַלעבעסל, קאַוואַלעראָוו. די פאַרשטייסט גאָר־נישט נישט".

ער זאָגט עס נישט אַרויס, אָבער דאָס איז פאַרשטענדלעך אָן ווערטער.

אַמאָל קומט ער נישט אַהיים ביז אין דער שפּעטער נאַכט אַריין. דעמאָלט באַקום איך דורכן טעלעפאָן אַ פאַראָרדענונג:

— דאָס איז קאַוואַלעראָוו? הערט, קאַוואַלעראָוו! מע וועט מיר קלינגען פון ברויט־פּראָדוקט. זאָל מען אָנקלינגען 2-73-05, צוגאָב 62, פאַרשרייבט. פאַרשריבן? צוגאָב 62, הויפּטקאָנצעסקאָם. גרוס.

ווירקלעך, מען קלינגט אים פון ברויט־פּראָדוקט.

איך גיב אַ פרעג:

— ברויט־פּראָדוקט? דער חבר באַביטשעוו איז אין הויפּט־קאָנצעסקאָם... וואָס? אין הויפּטקאָנצעסקאָם, 2-73-05, צוגאָב 62, פאַר־שריבן? צוגאָב 62, הויפּטקאָנצעסקאָם. גרוס.

ברויטפּראָדוקט רופט אַרויס דעם דירעקטאָר פון טרעסט — באַ־ביטשעוון. באַביטשעוו איז אין הויפּטקאָנצעסקאָם. וואָס גייט עס מיך אָן? אָבער איך דערשפּיר אַן אַנגעגעמקייט דערפון, וואָס איך נעם אַן אומדירעקטן אַנטייל אינם גורל פון קאָנצעסקאָם און אין באַבי־טשעווס גורל. איך דערשפּיר אין זיך אַן אַדמיניסטראַטיווע אַנטצי־קונג. אָבער די ראָלע מיינע איז דאָך אַ נישטיקע, אַ לאַקעישע ראָל. אין וואָס זשע גייט עס דאָ? איך שעץ אים? איך האָב מורא פאַר אים? ניין, איך האַלט, אַז איך בין נישט ערגער פאַר אים. איך בין נישט קיין באַלעבעסל. איך וועל עס דערווייזן.

מיר ווילט זיך אים פּאַקן ביי עפּעס וואָס, אַנטפּלעקן אַ שוואַכ־קייט זיינע, אַ ווייטיקדיק פּינטל. ווען איך האָב אים צום ערשטן מאָל דערזען, בעת ער האָט זיך פאַרנומען מיט זיין פרימאָרגן־טואַלעט, בין איך געווען זיכער, אַז איך האָב אים געפּאַקט, אַז איך האָב געפונען דעם דורכרייס פון זיין פּאַנצער.

ווען ער האָט זיך געוואַשן נאָך דער פרימאָרגן־גימנאַסטיק, איז ער אַרויס פון זיין צימער צו דער שוועל פון באַלקאָן און געבליבן שטיין אַנדערהאַלבן מעטער ווייט פון מיר, ווישנדיק זיך און גראַבלענדיק זיך מיטן האַנטוך אין זיינע אויערן. ער איז געשטאַנען צו מיר מיט דער פּלייצע. איך האָב דערזען אָט די פּלייצע, אָט דעם דיקן טאָרס, איך האָב עס דערזען אין דער זונען־שיין און שיר נישט אויסגע־שריען. די פּלייצע זיינע האָט אַלץ אַרויסגעגעבן. צאַרט האָט זיך גע־געלט דאָס פעטס פון זיין קערפּער. איך האָב דערזען זיין פּלייצע אין איר אמתן געשטאַלט. באַביטשעווס עלטער־זיידע האָט גוט געפּילעוועט זיין הויט, ווייך און גלאַט האָט זיך אויסגעשפּרייט דאָס פעטס אונ־טער דער הויט פון באַביטשעווס עלטער־זיידע. דער דאָזיקער קאָמיסאַר האָט באַקומען בירושה פון זיין עלטער־זיידן די דינקייט פון דער הויט, דעם פיינעם קאָליר און די ריינע פּיגמענטאַציע. און די הויפּט־זאַך, וואָס האָט אַרויסגערופן מיין נצחונדיקע אַנטציקונג, איז געווען דאָס, וואָס אויף זיין רוקן האָב איך באַמערקט אַ פּינטעלע, אַן אייגנ־אַרטיק, פּריציש ירושה־פּינטעלע, — יענץ סאַמע פּינטעלע, אַ פול־אַנגעגאָסנס מיט בלוט, אַ דורכזיכטיק צאַרט בראָדאַווקעלע, וואָס הענגט ווי אַ קנאָספּעלע אויפן גוף. לויט אָט אַזעלכע מינים בראָדאַוו־קעלעך דערקאָנט אַ מוטער איר אַוועקגעגנבעט קינד אין צענדליקער יאָרן אַרום.

„איר זענט אַ פּריץ, אַנדריי פּעטראָוויטש! איר מאַכט זיך!״ — האָט זיך שיר נישט אַרויסגעריסן דעמאָלט אַ געשריי פון מיין מויל.

נאָר ער האָט זיך אומגעדרייט צו מיר מיטן פּנים.

אויף זיין ברוסט, אונטערן רעכטן שולטער איז געווען אַ שראַם. אַ קיילעכדיקער, עטוואָס איינגעפּרעסטער און פאַרוואַקסענער, ווי די אָפּשטעמפּלונג פון אַ מטבע אויף וואַקס. ווי אויף דעם אָרט וואָלט אַמאָל געוואַקסן אַ צווייג, וועלכע מען האָט דערנאָך אָרונטערגעזעגן. באַביטשעוו איז געווען אויף קאַטאָרגע. ער איז פון דאָרטן געלאָפן, און מען האָט אין אים געשאָסן.

— ווער איז עס יאָקאסטע? — האָט ער איינמאָל פּלוצלונג מיר גישט דיר־נישט אַ פרעג געטאָן ביי מיר. פון אים שפּרינגען אַרויס (איבערהויפּט אין די אָוונטן) אויסערגעוויינלעכע לויט זייער אומדערוואַרטקייט פראַגעס. אַ גאַנצן טאָג איז ער פאַרנומען, אָבער די אויגן זיינע גליטשן זיך איבער די אַפישעס, איבער די וויטרינעס, אָבער די שפּיץ אויערן זיינע כאַפּן אויף ווערטער פון פרעמדע גשפּרעכן. ער באַקומט רוי־שטאָף. איך בין דער איינציקער נישט געשעפטלעכער מיטשפּרעכער זיינער. ער דערשפּירט אַ נויטווענדיקייט צו פאַרבינדן אַ געשפּרעך. אויף אַן ערנסטן געשפּרעך האַלט ער מיך פאַר אומפּעיק. אים איז באַוווּסט, אַז ווען מענטשן רוען אָפּ, פּלאַפּלען זיי. ער באַשליסט זיך אָפּגעבן אַ געוויסן צינז די אַלגעמיין־מענטשלעכע רעגילעסן. דעמאָלט שטעלט ער מיר פּוסטע פראַגעס. איך ענטפער אויף זיי. איך בין זיין נאַר. ער מיינט, אַז איך בין אַ נאַר.

— איר האָט ליב מאַסלינעס? — פרעגט ער ביי מיר.

„יאָ, איך ווייס, ווער איז עס יאָקאסטע! יאָ, איך האָב ליב מאַסלינעס, אָבער איך וויל נישט ענטפערן אויף קיין נאַרישע פראַגעס. איך האַלט זיך נישט נאַרישער פאַר אייך“. אַזוי וואָלט איך אים באַדאַרפט ענטפערן. אָבער עס קלעקט מיר נישט קיין מוט דערצו. ער דריקט מיך.

4

איך ווין אונטער זיין דאַך צוויי וואָכן. מיט צוויי וואָכן צוריק האָט ער מיך געפונען אַ שיכּורן, ביינאַכט, אויפן שוועל פון אַ ביר־האַלע...

פון דער ביר־האַלע האָט מען מיך אַרויסגעשליידערט.

די קריגעריי אין דער ביר־האַלע האָט זיך פאַרקאָכט פאַמעלעך. לכתחילה זענען קיין שום סמנים אויף אַן אָנקומענדיקער קריג נישט געווען, — פאַרקערט, עס האָט זיך געקאָנט פאַרבינדן אַ גוטפריינטשאַפט צווישן צוויי טישלעך: שיכּורע זענען צוגעלאָזן; יענע גרויסע קאָמפּאַניע, ווו די פרוי איז געזעסן, האָט מיך געלאַדן צו איר טישל, און איך בין שוין גרייט געווען אָנצונעמען די איינלאַדונג, נאָר די פרוי, וואָס איז מיט זיי געזעסן — זי איז געווען זייער שיין, מאָגער, אין אַ בלויער זיידענער בלוזקע, וואָס האָט זיך נעבאָמבלט אויף אירע

שולטערן, — די פרוי האָט אַ זאָג געטאָן עפּעס אַ וויצעלע וועגן מיר, — און איך האָב זיך באַליידיקט און פון האַלבן וועג אומגעקערט זיך צוריק צו מיין טישל און געטראָגן פאָרויס מיין קופּל ביר, ווי אַ לאָמטערן.

דעמאָלט האָט זיך אַ שאָט געטאָן אויף מיין קאָפּ אַ גאַנצער האָגל וויצן. איך האָב אינדערראַמתן געקאָנט מאַכן זייער אַ קאָמישן איינדרוק: אַזאַ מין געקרייזלטער פּאַרשוין. דער מאַנספּאַרשוין האָט מיר נאָכגעלאַכט מיט זיין באַס. מען האָט אין מיר אַ וואָרף געטאָן אַן אַרבעסל. איך בין אַרומגעגאַנגען מיין טישל אַרום און אַ שטעל געטאָן זיך מיטן פּנים צו זיי, — דאָס ביר האָט געכליופּעט אויפן מירמל פון טישל — איך האָב נישט געקאָנט באַפרייען מיין גרויסן פינגער פון דעם הענטל פון מיין קופּל, — אַ שיכּורער, האָב איך זיך גענומען אַרויסזאָגן: זעלבסטדערנידערונג און גדלות האָבן זיך אויסגעמישט אין איין ביטערן שטראָם, וואָס איז פון מיין מויל געפלאָסן. איך האָב געזאָגט:

— איר זענט... אַ טרופּע פּאַרזעעניש... אַ וואַנדערנדיקע טרופּע פּאַרזעענישן, וואָס האָבן אַוועקגערויבט אַ מיידל (דער עולם אַרום האָט זיך צוגעהערט: דער געקרייזלטער פּאַרשוין האָט זיך מאָדנע אויסגעדריקט, זיין שפּראַך איז נישט געווען ענלעך אויף דער שפּראַך פונם אַלגעמיינעם געטומל)... איר, וואָס זיצט רעכטס, אונטער דעם פּאַלמעלע, איר זענט — פּאַרזעעניש נומער איינס. הויבט זיך אויף און באַווייזט זיך, זאָלן אייך אַלע זען... קוקט זיך צו, חברים, געערטעס פּובליקום... שטילער! אָרקעסטער, אַ וואַלס! אַ מעלאָדישן, נייטראַלן וואַלס! אייער פּנים שטעלט מיט זיך פאָר אַ געשפּאַן. די באַקן אייערע זענען צונויפּגעצויגן אין קנייטשן, אָבער נישט קיין קנייטשן איז עס, נאָר לייצעס; די קין אייערע איז דער אָקס; די נאָז—דער אָנטרייבער, וואָס איז קראַנק אויף אַן אויסשלאָג, און דאָס איבעריקע איז — די משא אויפן וואָגן... זעצט זיך. ווייטער: פּאַרזעעניש נומער צוויי... דער מענטש מיט די באַקן, וואָס זענען ענלעך אויף קני... זייער שיין! קלויבט נחת, בירגער, פּאַרבייפאָרנדיק האָט זיך ביי אונז אָפּגעשטעלט אַ טרופּע פּאַרזעענישן... און איר? ווי זענט איר אַריין דורך דער טיר? איר האָט זיך נישט פּאַרפּלאָנטערט מיט די אויערן? און איר, יענער אָט, וואָס האָט זיך צוגעשאַרט צום מיידל, וואָס איר האָט צוגעגנבעט, גיט אַ פרעג ביי איר, וואָס טראַכט זי וועגן אייערע פּריש·

טשעס? חברים... (איך האָב זיך אַ קער געטאָן אין אַלע זייטן...) זיי... אָט דידאָזיקע... זיי האָבן געלאַכט פון מיר? און יענער האָט געלאַכט... ווייסטו כאָטש, ווי דו האָסט געלאַכט? דו האָסט אַרויסגעלאָזט פון זיך יענע קלאַנגען, וועלכע עס לאָזט אַרויס פון זיך אַ פוסטער קליסטיר... מיידל... „אין די סעדער, באַפוצטע מיט פרילינג, קעניגן, וואָס איז שענער פון אַלע רויזן...” מיידל! שרייט! רופט צוהילף! מיר וועלן אייך ראַטעווען. וואָס האָט פאַסירט מיט דער וועלט? ער טאַפּט אייך און איר הויקערט זיך? ס'איז אייך אַנגענעם? (איך האָב געמאַכט אַ פויזע און דערנאָך פייערלעך געזאָגט): איך רוף אייך. זעצט זיך דאָ מיט מיר. פאַרוואָס האָט איר געלאַכט פון מיר? איך שטיי אַנטקעגן אייך, אומבאַקאַנט מיידל, און בעט ביי אייך: פאַרלירט מיך נישט. פשוט, הויבט זיך אויף, שטויסט זיי אַלעמען אָפּ און קומט אַהער. וואָס דערוואַרט איר פון אים, פון זיי, פון אַלעמען?... וואָס?... צאַרט־קייט? שכל? לאַסקעס? טרייהייט? קומט צו מיר. מיר איז לעכערלעך אַפילו צו גלייכן זיך מיט זיי. איר וועט ביי מיר באַקומען אַנגעהויצר מער...

איך האָב גערעדט און געשווידערט דערפון, וואָס איך האָב אַרויס־גערעדט. איך האָב זיך שאַרף דערמאָנט יענע אייגנאַרטיקע חלומות, ווען דו ווייסט: דאָס איז אַ חלום, און פונדעסטוועגן טוסטו, וואָס דו ווילסט, מחמת דו ווייסט, אַז דו וועסט זיך אויפכאַפּן. אָבער אין דעם פאַל האָט זיך קלאָר געזען: דו וועסט זיך נישט אויפכאַפּן. שווידער־לעך האָט זיך געוויקלט דער קנויל אומפאַריכטבאַרע טאַטן.

מען האָט מיך פון דער ביר־האַלע אַרויסגעוואָרפן.

איך בין געלעגן פאַרחלשט. דערנאָך, ווען איך בין צו זיך גע־קומען, האָב איך געזאָגט:

— איך רוף זיי, און זיי גייען נישט. איך רוף אָט דידאָזיקע אויסוואורפן, און זיי גייען נישט. (צו אַלע פרויען מיטאַמאָל האָבן זיך באַצויגן אָט די ווערטער מיינע).

איך בין געלעגן אויף אַ ליוק, מיטן פּנים צו דער ריטשע. אַ דומפּע פאַרשטונקענע לופט האָט געטראָגן פון ליוק. איך האָב אָט די לופט אַריינגעאָטעמט; אינם שוואַרצן ברונעם פון ליוק האָט זיך עפּעס באַוועגט—דאָס מיסט האָט דאָרטן געלעבט. ווען איך בין געפאַלן, האָב איך אויף אַ ווײַלע דערזען דעם ליוק, און די דערינערונג וועגן אים האָט געבראַכט מיט זיך דעם חלום, וואָס איך האָב געזען, ווען איך

בין איבערן ליוק איינגעשלאָפן, דער חלום איז געווען אַ קאָנדענסאַציע פונם אומרו און פחד, וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין דער בירהאַלע, פון דער דערנידערונג און מורא פאַר דער שטראָף, און אין חלום האָט זיך עס אויסגעפורעמט אין אַ פאַבולע פון פאַרפאָלגונג, — איך בין געלאָפן, געראַטעוועט זיך פון די פאַרפאָלגער, און אויפגעכאַפּט זיך.

איך האָב געעפנט די אויגן און געצאַפּלט זיך אין אַ דערלייזונג־פרייד. אָבער די וואָר איז געווען אַזאַ נישט־פולע, אַז איך האָב עס אויפגענומען אַלס איבערגאַנג פון איין זעונג צו דער צווייטער, און אין דער נייער זעונג האָט געשפילט די הויפּט־ראָלע דעם דערלייזער מיינער, דער, וואָס האָט מיך געראַטעוועט פון פאַרפאָלגונג, דער עמעצער, וועמענס הענט און אַרבל איך האָב באַשאָטן מיט קושן, מיינענדיק, אַז דאָס קוש איך אים אין חלום, — דער עמעצער, וועמען איך האָב געהאַלזט און ביטער זיך באַקלאָגט פאַר אים:

— פאַרוואָס בין איך אַזוי אומגליקלעך?... ווי שווער עס איז מיר צו לעבן אויף דער וועלט!

— לייגט אַנידער זיין קאָפּ אַ ביסל העכער — ... דער דערלייזער מיינער אַ זאָג געטון.

מען האָט מיך אַוועקגעפירט אין אַן אויטאָמאָביל. ווען איך האָב אָנגעהויבן קומען צו זיך, האָב איך דערזען דעם הימל, דעם בלייכן, אויפלייכטנדיקן הימל; ער האָט זיך געטראָגן פון אונטער די פּיאַטעס ביז איבערן קאָפּ אַריבער. דידאָזיקע זעונג איז געווען אַ דונערנדיקע, דער קאָפּ האָט זיך פון איר געדרייט, און אַלע ווײַלע האָט געאיבלט. ווען איך האָב זיך אינדערפרי אויפגעכאַפּט, האָב איך אין שרעק אויסגעצויגן די הענט צו די פיס. איך האָב זיך נאָך נישט פאַנאַנדערגעקליבן, ווו איך בין, וואָס איז מיט מיר, און דערמאָנט זיך אָן די שטויסן און הוידעניש אין אויטאָמאָביל. עס האָט מיך אין פחד אַרייַנגעוואָרפן דער געדאַנק, אַז געפירט האָט מען מיך אין אַ קאַרעטע פון דער גיכער הילף, אַז שיכורערהייט בין איך ערגעץ אונטער אַ טראַמווײַ אַרונטערגעפאַלן און עס האָט מיך אָפּגעשניטן ביידע פיס. איך האָב אויסגעצויגן די הענט אין דער זיכערקייט, אַז איך וועל באַלד אָנטאַפּן די דיקע פעסלדיקע קיילעכדיקייט פון די פאַרבונדענע פיס. אָבער, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז די זאַך אַסאַך פּשוטער: איך ליג אויף אַ דיוואַן אין אַ גרויסן, ריינעם און ליכטיקן צימער, וואָס

האָט אַ באַלקאָן און צוויי פענסטער. עס האָט זיך געריוטלט און פריידלעך געוואַרעמט דער שטיינערנער דיל פונם באַלקאָן.

ווען מיר האָבן זיך אינדערפרי באַקענט, האָב איך אים דערציילט וועגן זיך.

— אַ נעבעכדיקן אויסזען האָט איר געהאַט, — האָט ער אַ זאָג געטון, — עס האָט מיך אַ גרויס רחמנות אָנגעכאַפּט אויף אייך. איר באַליידיקט זיך אפשר: אַ מענטש, הייסט עס, מישט זיך אַריין אין אַ פרעמדן לעבן? איז דעמאָלט — אַנטשולדיקט. נאָר אויב איר ווילט, לעבט אָפּ אַ שטיקל צייט נאָרמאַל. דאָס וועט מיך זייער פרייען. אָרט איז פאַראַן אַסאַך. ליכט און לופט. און ס'איז דאָ אַן אַרבעט פאַר אייך: אָט אַביסל קאָרעקטורן, אַביסל סטאַטיסטיק. איר ווילט?

סאַראַ סיבות האָבן געצווונגען אַ באַרימטע פערזענלעכקייט זיך אַראָפּלאָזן אויף אַזויפיל צו אַן אומבאַקאַנטן, יונגן מענטשן, מיט אַזאַ מין פאַרדעכטיקן אויסזען?

5

אין איין אָוונט האָבן זיך מיטאַמאָל צוויי סודות אַנטפּלעקט.

— אַנדריי פּאַװלאָוויטש, — האָב איך אַ פרעג געטון, — ווער איז עס דער אין רעמל?

ביי אים אויפן טיש שטייט אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ שוואַרץ־חנעוודיקן יינגלינג.

— וואָ־אָס? — שטענדיק פרעגט ער איבער. די געדאַנקען זיינע קלעפּן זיך צום פּאַפּיר, מיטאַמאָל קען ער זיי פון דאָרטן נישט אָפּרייסן. — וואָ־אָס? — און ער איז נאָך נישט הי.

— ווער איז דער יונגערמאַן?

— אַ... דאָס איז איינער אַ וואָלאָדיע מאַקאַראָוו. אַ זעלטענער יונגערמאַן. (קיינמאָל רעדט ער מיט מיר נישט נאָרמאַל, ווי איך וואָלט וועגן קיין שום ערנסטעס נישט געקאָנט אַ פרעג טון ביי אים. מיר דוכט זיך שטענדיק, אַז אָנשטאָט אַן ענטפער, וועל איך באַקומען פון אים אַ שפּריכוואָרט, אָדער אַ קופּלעט, אָדער — פּשוט אַ שטומען ריטש. אָט איצט, למשל, איז אָנשטאָט צו ענטפערן מיט אַ געוויינלע·

כער מאַצוליאַציע: „אַ זעלטענער יונגערמאַן”, סקאַנצירט ער, זאָגט עס אַרויס כמעט מיט אַ רעטשיטאַטיוו: יונ-גער-מאַ-אַן!

— אין וואָס-זשע באַשטייט די זעלטנקייט זיינע?—פרעג איך און נעם אין אים נקמה מיטן בייזן טאָן מיינעם. אָבער ער באַמערקט נישט קיין שום בייזקייט אין מיין טאָן.

— ניין, פּשוט, אַ יונגער מענטש, אַ סטודענט. איר שלאָפט אויף זיין דיוואַן, — זאָגט ער. — די זאַך באַשטייט דערין, וואָס ער איז אַ מין זון מיינער. שוין צען יאָר, אַז ער לעבט ביי מיר, וואָלאָדיע מאַקאַראָוו. איצט איז ער נישטאָ. אַוועקגעפאָרן צו זיין פאָטער קיין מוראָם.

— אַך, אָט וואָס...

— אָטאָ.

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט, אַדורכגעגאַנגען זיך איבערן צימער.

— ער איז אַלט אַכצן יאָר. ער איז אַ באַוווסטער פוטבאָליסט.

(„אַ, אַ פוטבאָליסט”, — האָב איך אַ טראַכט געטון.)

— יאָ, — האָב איך אַ זאָג געטון, — דאָס איז טאַקע אינדעראמתן אַ זעלטענע זאַך! זיין אַ באַוווסטער פוטבאָליסט — דאָס איז אינדעראמתן אַ גרויסע זאַך („וואָס רעד איך?”).

ער האָט נישט געהערט. ער איז אין דער נעץ פון זיינע זיסע מחשבותן. פון באַלקאָן-שוועל קוקט ער אין דער ווייט, אין הימל. ער טראַכט וועגן וואָלאָדיע מאַקאַראָוון.

— דאָס איז גאָר אַ באַזונדער סאָרט יינגלינג, — האָט ער פּלוצלונג אַ זאָג געטון, אומדרייענדיק זיך צו מיר (איך זע, אַז דאָס, וואָס איך בין איצט דאָ, ווען ער טראַכט וועגן זיין וואָלאָדיע מאַקאַראָוו, דוכט זיך אים אויס, ווי עפּעס אַ מין באַליידיקונג פאַר אים).

— אַ דאַנק אים לעב איך איצט, דאָס איז ערשטנס. מיט צען יאָר צוריק האָט ער מיך געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט. מען האָט מיך געדאַרפט אַנידערלייגן מיטן נאַקן אויף אַ קאָוואַדלע און מיט אַ האַמער אַ זעץ טון איבערן פּנים. ער האָט מיך געראַטעוועט דערפון (אים איז אָנגענעם צו רעדן דערפון. עס זעט זיך אָן, אַז אָפט דערמאָנט ער עס). אָבער דאָס איז נישט וויכטיק. וויכטיק איז אַ צווייטע זאַך. ער איז פולשטענדיק אַ נייער מענטש. נו, מילא (און ער האָט זיך צוריקגעקערט צו זיין ט״ש).

— צו וואָס האָט איר מיך אויפגעהויבן און געבראַכט אַהער?

— וואָ-אָס? האַ? — ער מרוקעט. ערשט אין אַ סעקונדע אַרום וועט ער דערהערן מיין פראַגע. — צו וואָס געבראַכט? אַ נעבעכדיקן איוסזען זייער האָט איר געהאַט. ס׳האָט נישט געקאָנט נישט רירן. איך האָט געיאָמערט. עס האָט אַ שוידערלעכער רחמנות אָנגעכאַפּט.

— און דער דיוואַן?

— וואָס דער דיוואַן?

— און ווען ס׳וועט זיך צוריקקערן אייער יינגלינג?

נישט פאַרטראַכטנדיק זיך, ענטפערט ער פראָסט און פריילעך:

— דעמאָלט וועט אייך אויסקומען דעם דיוואַן באַפרייען...

איך וואָלט זיך באַדאַרפט אויפהויבן און אויספּאַטשן אים די צורה. ס׳האָט אים, פאַרשטייט איר מיך, אַ רחמנות אַרומגעכאַפּט. ער, אַ באַרימטע פּערזענלעכקייט, האָט רחמנות געקריגן אויף אַן אומגליקלעכן, יונגן מענטשן, וואָס איז פון דרך-הישר אַראָפּ. אָבער אויף אַ צייט האָט ער אויף אים רחמנות געקריגן, ביז עס וועט זיך אומקערן דער הויפּט-ליבלינג זיינער. אים איז פּשוט לאַנגווייליק אין די אָוונטן. און דערנאָך וועט ער מיך אַרויסטרייבן. מיט אַן אָפענעם ציניזם זאָגט ער עס.

— אַנדריי פּעטראָוויטש, — זאָג איך צו אים, — איר באַנעמט, וואָס איך האָב נאָר וואָס געזאָגט? איר זייט אַ כאַם!

— וואָ-אָס? האַ? — די געדאַנקען זיינע רייסן זיך אָפּ פון פּאַפּיר. באַלד וועט דער געהער אים איבערחזרן מיין פראַזע. איך בעט די מזלות מיינע, אַז זיין געהער זאָל אַ טעות האָבן. נישט שוין-זשע האָט ער געהערט? נו, איז מיילע, פאַריינס.

אָבער עס מישט זיך אַריין אַ דריטע פּערזאָן. מיר איז נאָך דערווייל נישט באַשערט אַרויסצופליען פון אָט דער שטוב.

אויף דער גאַס, אונטערן באַלקאָן, שרייט עמעצער:

— אַנדריי!

ער דרייט אום דעם קאָפּ.

— אַנדריי!

ער גיט זיך ענערגיש אַ הויב אויף, אָפּשטופּנדיק זיך פון טיש מיט די דלאָניעס.

— אַנדריושאַ! טייערער!

ער גייט אַרויס אויפן באַלקאָן. איך גיי צו צום פענסטער. מיר

ביידע קוקן אַרויס אויף דער גאַס. אַ פּ׳נסטערניש. די פענסטער באַלייכטן נאָר ווי ס׳נישט איז דעם ברוק. אינמיטן גאַס שטייט אַ נידעריק און ברייט מענטשעלע.

— גוטנאָוונט, אַנדריושאַ. וואָס מאַכסטו? וואָס מאַכט דאָס „פּערטעלע״?

(איך זע דורכן פענסטער דעס באַלקאָן און דעם ריזיקן אַנדריושאַ. ער סאָפּעט, הער איך).

דער מענטש אויף דער גאַס הערט נישט אויף אויסצורופן, נאָר עטוואָס שטילער.

— פאַרוואָס שווייגסטו? איך בין געקומען דערציילן דיר אַ נײַס. איך האָב דערפונדן אַ מאַשין. די מאַשין הייסט „אָפּעליע״.

באַביטשעוו דרייט זיך פלינק אום. דער שאָטן זיינער פאַרוואָרפט זיך אין דער קרום פון דער גאַס און ברענגט שיר נישט מיט זיך אַ שטורם אין די בלעטער פונם קעגנאיבערדיקן סאָד. ער זעצט זיך צום טיש, פויקט מיט די פינגער אין גלעזערנעם טאָוול.

— היט זיך, אַנדריי! — הערט זיך אַ געשריי. — פאַרייס נישט די נאָז! איך וועל דיך אומברענגען, אַנדריי...

דעמאָלט שפּרינגט באַביטשעוו ווידער אַרויס אויפן באַלקאָן — דאָס מאָל מיט צונויפגעדריקטע פויסטן. די ביימער צעבושעווען זיך ממש. דער שאָטן זיינער הענגט ווי בודע איבער דער שטאָט.

— קעגן וועמען גייסטו אין אַ מלחמה אַרויס, אויסוווּרף? — זאָגט ער. דערנאָך טרייסלען זיך די באַלוסטראַדן פון באַלקאָן. ער קלאַפּט אַהין מיט דער פויסט. — קעגן וועמען האַלטסטו מלחמה, אויסוווּרף? טראָג זיך אָפּ פונדאַנען. איך וועל הייסן דיך אַרעסטי-י-רן!

— צום ווידערזען, — דערהערט זיך פון אונטן.

דאָס נידעריק מענטשל נעמט אַראָפּ זיין הוט פון קאָפּ, ציט אויס זיין האַנט, פאָכעט מיט זיין הוט (אַ האַרטער הוט? דאַכט זיך, אַז יאָ, אַ האַרטער הוט!), די איידלקייט זיינע איז אַפעקטירט. אַנדריי איז שוין אויפן באַלקאָן נישטאָ. דאָס מענטשעלע אונטן, אויף דער גאַס, שטעלט זיינע גיכע טריטעלעך, דערווייטערט זיך, שפּאַנט אַוועק מיט דער מיט פון דער גאַס.

— אָט! — שרייט אויף מיר באַביטשעוו, — אָט, קלויבט נחת. דער ברודער מיינער איז עס, איוואַן. סאַראַ מין אויסוווּרף!

ער גייט אַרום אַ צעקאָכטער איבערן צימער, און ווידער שרייט ער אויף מיר:

— ווער איז ער — איוואַן? ווער? אַ פּוילער, אַ שעדלעכער, אַן אָנשטעקנדיקער מענטש. מען דאַרף אים צעשיסן!

(דער שוואַרץ־חנעוודיקער בחור אויפן פּאָרטרעט שמייכלט. ביי אים איז אַ פלעגמאַטישע צורה. אויף עפּעס אַ באַזונדערן מאַנסבילשן אופן באַווייזט ער זיינע גלאַנציקע ציין. דאָס גאַנצע גלאַנציקע רעמל פון זיינע ציין שטעלט ער אַרויס ווי אַ יאַפּאַנער).

6

אָוונט. ער אַרבעט. איך זיץ אויפן דיוואַן. צווישן אונדז שטייט די לאָמפּ מיטן אַבאַזשור. דער אַבאַזשור (אַזוי זעט זיך מיר) פאַרניכטעט דעם אויבערשטן טייל פון זיין פּנים. נישטאָ קיין אויבערשטער טייל. אונטערן אַבאַזשור הענגט נאָך דער אונטערשטער האַלבקיילעך פון זיין קאָפּ. אינגאַנצן גענומען איז אָט דער טייל קאָפּ זיינער ענלעך אויף אַ ליימענער געפאַרבטער שפּאָר־פּושקע.

— מיין יוגנט איז צונויפגעפאַלן מיט דער יוגנט פון אונזער יאָרהונדערט, — זאָג איך.

ער הערט עס נישט. זיין גלייכגילט צו מיר איז באַליידיקנדיק.

— איך טראַכט אָפט וועגן אונזער יאָרהונדערט. אַ באַרימטער יאָרהונדערט. דאָס איז אַ זעלטענער מזל — נישט אמת? — אויב עס פאַלט אַזוי צונויף: די יוגנט פון יאָרהונדערט מיט דער יוגנט פון אַ מענטשן: אָט דער מענטש איז געבענטשט.

דער געהער זיינער רעאַגירט אויף אַ גראַם. אַ גראַם — דאָס איז אַ קאָמישע זאַך פאַר אַן ערנסטן מענטשן.

— מענטש — געבענטשט! — חזרט ער איבער (אָבער פּרוּוו, זאָג אים, אַז ער האָט נאָר וואָס געהערט און איבערגעחזרט צוויי ווערטער, — וועט ער נישט גלויבן).

אין איי־ראָפּע האָט אַ טאַלענטירטער מענטש אַ גרויסן רוים אויף צו שניידן רום. דאָרטן האָט מען ליב פרעמדן רום. מיטן גרעסטן כּבוד! דו טו נאָר אָפּ עפּעס אַזוינס אויסגעצייכנטס, און מען וועט דיך גלייך אונטערכאַפּן אונטער די הענט און אַוועקפירן אויפן וועג

זן רום... און ביי אונז זענען נישטאָ קיין וועגן אויף צו דערגרייכן ינדיווידועלן דערפאָלג. ס'איז דאָך אַן אמת?

עס באַקומט זיך דאָסזעלבע, ווי איך וואָלט גערעדט בלויז מיט זיך אַליין. איך קלינג, זאָג אַרויס ווערטער, — נו, איז קלינג זיך. און דיין קלינגעריי שטערט מיר נישט.

— אין אונזער לאַנד זענען די וועגן צום רום פאַרצוימט מיט שלאָג-ביימער. אַ טאַלענטירטער מענטש איז פאַרמשפט אָדער פאַרוויאַנעט צו ווערן, אָדער מיט אַ גרויסן סקאַנדאַל דעם שלאָג-בוים אויפצוהויבן. אָט מיר, למשל, ווילט זיך דיסקוטירן. מיר ווילט זיך באַווייזן דעם כוח פון מיין פערזענלעכקייט. איך וויל באַקומען מיין אייגענעם שטיקל רום. ביי אונז האָט מען מורא צו לייגן אַכט אויף אַ מענטשן. איך פאָדער מער אַכטונג צו זיך. איך וואָלט געוואָלט געבוירן ווערן אין אַ קליין פראַנצויזיש שטעטל, וואַקסן אין חלומות, שטעלן זיך אַ וועלכן נישט איז הויכן ציל, און אין איינעם אַ שיינעם טאָג אַוועק פון שטעטל און צופוס קומען אין דער הויפּט-שטאָט, פאַנאַטיש דאָרטן אַרבעטן איבער מיין אידעע און דערשלאָגן זיך מיין ציל. אָבער איך בין נישט געבוירן געוואָרן אויפן מערב. איצט האָט מען מיר געזאָגט: נישט נאָר דו — די סאַמע זעלטענע פערזענלעכקייט איז איצט גאָרנישט מיט גאָרנישט. און ביסלעכווייז הויב איך זיך אָן צוגעוווינען צו אָט דעם אמת, וועלכער קאָן באַשטרייט ווערן. איך מיין אפילו אָט וואָס: נו, מען קאָן באַרימט ווערן, ווערנדיק אַ מוזיקאַנט, שרייבער, שלאַכטמאַן, ווען מען גייט אַריבער די ניאַגאַרע אויף אַ דראָט... דאָס אַלץ זענען געזעצלעכע וועגן צום רום, דאָ סטאַרעט זיך די פערזענלעכקייט צו אַנטפּלעקן זיך... אָבער אָט שטעלט זיך פאַר, אין דער צייט, ווען מען רעדט ביי אונז אַזויפיל וועגן ציל-אָנגעוועַנדקייט, נויטיקייט און נוצלעכקייט, ווען פון מענטשן פאָדערט זיך אַ ניכטערער, רעאַליסטישער צוגאַנג צו זאַכן און געשעענישן, — פּלוצלונג נעמען און אָפּטון עפּעס אַזוינס, וואָס איז אָפן אומגעלומפּערט, אָפּטון עפּעס אַ געניאַלע שטיפעריי און זאָגן דערנאָך: „יאָ, אָט איר טוט אַזוי, און איך טו אַזוי". אַרויסגיין אויפן פּלאַץ, אָפּטון עפּעס מיט זיך און פאַרנויגן זיך: איך האָב געלעבט, איך האָב אָפּגעטון דאָס, וואָס איך האָב געוואָלט.

ער הערט קיין וואָרט נישט.

— כאָטשבי נעמען און אָפּטון אָט דאָס: ענדיקן מיט זיך. אַ

זעלבסטמאָרד אָן קיין שום סיבה. פון שטיפעריי. אויף צו דערווייזן, אַז יעדער האָט דאָס רעכט צו טון מיט זיך וואָס ער וויל. אַפילו איצטער. אויפהענגען זיך איבער אייער טויער.

— הענגט זיך בעסער אויף אויפן טויער פון וועסענכא אויפן חאַרוואָרער פּלאַץ, איצט הייסט ער — נאָגינס פּלאַץ. דאָרט איז אַ רייזיקע אָרקע. געזען? דאָרט וועט זיך באַקומען עפעקטפול.

אין צימער, ווו איך האָב געלעבט איידער מען האָט מיך געבראַכט אַהער, שטייט אַ שוידערלעך בעט. איך האָב מורא געהאַט פאַר אָט דעם בעט, ווי פאַר אַ נישטגוטן. דאָס בעט איז אַ האַרטס, ווי אַ פעסל. אין דעם בעט בריאַזגען די ביינער. אויף דעם בעט ליגט אַ בלויע קאָלדרע, וואָס איך האָב געקויפט אין כאַרקאָוו, אויפן בלאַגאָוועשטשענער מאַרק, אין אַ הונגער־יאָר. עפּעס אַ סעדעכע האָט דאָרט געהאַנדלט מיט פּיראָזשקעס. די פּיראָזשקעס זענען באַדעקט געווען מיט אַ קאָלדרע. זיי, די פּיראָזשקעס, וואַרעמע נאָך, מיט דער היץ פון לעבן אין זייערע טייגענע געדערים, האָבן כמעט ווי געבאָלבעט, געפּלאַפּלט אונטער דער קאָלדרע, געשטיפט דאָרטן, ווי די הינטלעך. אין יענער צייט האָב איך געלעבט שלעכט, ווי אַלע, און דידאָזיקע קאָמפּאָזיציע האָט געאָטעמט מיט אַזאַ מין וואַרעמקייט, היימישקייט, מחיהדיקייט, אַז אין זעלבן טאָג האָב איך אָנגענומען אַ פעסטן באַשלוס: קויפן זיך פונקט אַזאַ קאָלדרע. מיין טרוים איז פאַרווירקלעכט געוואָרן. אין איינעם אַ שיינעם אָוונט בין איך אַרונטערגעקראָכן אונטער דער בלויער קאָלדרע. איך האָב געזאָטן אונטער איר, אַרומגעפּאָרעט זיך, די וואַרעמקייט האָט מיך באַוועגט, ווי איך וואָלט געווען אַ זשעלאָטינאָוועס. דאָס איז געווען אַ וווּנדערלעך איינשלאָפן. אָבער די צייט איז געגאַנגען און די אוזאָדן פון דער קאָלדרע זענען אָנגעשוואָלן געוואָרן און פאַרוואַנדלט זיך אין בייגל.

איצט שלאָף איך אויף אַן אויסגעצייכנטן דיוואַן.

איך רודער זיך אומישנע אויף אים, כדי אַרויסצורופן דעם קלונג פון זיינע נייע, שטייפע, נישט־באַרירטע ספּרוזשינעס. ס'באַקומען זיך אָפּגעריסענע טראָפּנדלעך קלונגען, וואָס לויפן פון דער ווייכער טיפקייט. ס'שווימט אַלץ אין זכרון די פאָרשטעלונג וועגן בלעזעלעך לופט אין וואַסער, וואָס רייסן זיך אַרויפצו, צו דער אויבערפלאַך. איך שלאָף איין, ווי אַ קינד. אויפן דיוואַן פלי איך אין דער קינדהייט אַריין. אַ תענוג כאַפּט מיך אַרום. ווי אַ קינד באַנוץ איך זיך

ווידער, ווי מיר גלוסט זיך, מיט דעם פּיצעלע צייט, וואָס טיילט אָפּ די ערשטע פּאָר פּאָכען מיט די ברעמען פונם אָנהויב עכטן שלאָף. איך קאָן ווידער אויסציען דאָסדאָזיקע פּיצעלע צייט, פאַרלענגערן עס, פאַסמאַקעווען זיך מיט דעם, אָנשטאָפּן עס מיט אַזעלכע געדאַנקען, וועלכע ס׳גלוסט זיך מיר צו האָבן אין קאָפּ אין דערדאָזיקער רגע, און, נישט איינגעזונקען ווערנדיק נאָך אין שלאָף, באַנוצנדיק זיך נאָך מיטן קאָנטראָל פון דעם וואַכעדיקן באַוווסטזיין, — צוקוקן זיך, ווי די געדאַנקען קליידן זיך אָן אין אַ חלום-הייטל, ווי די בלעזעלעך קלינגען פון די אונטערוואַסערדיקע טיפענישן, ווי זיי פאַרוואַנדלען זיך אין פלינקקוילערנדיקע זיך וויינטרויבן, ווי עס וואַקסט אויס אַ שווער צווייגל וויינטרויבן, אַ גאַנצער, געדיכטער געפלעכט פון וויינטרויבן-צווייגן, אַ גאַנצער, לאַנגער, לעבעדיקער פּלויט פון וויינטרויבן-צווייגן. דער וועג פּאַזע די וויינטרויבן-צווייגן איז אַ זוניקער, אַ ליכטיקער, אַ הייסער וועג...

איך בין אַלט זיבנאונצוואַנציק יאָר.

בייטנדיק איינמאָל דאָס וועש, האָב איך זיך דערזען אין שפּיגל אין פלוצלינג ווי געכאַפּט אויף זיך די אויסערגעוויינלעכע ענלעכקייט מיינע צו מיין פאָטער. אינדעראמתן איז קיין שום ענלעכקייט אין מיר צו מיין פאָטער נישט געווען. פאַר מיינע אויגן האָט זיך אַ שטעל געטון דער שלאָף-צימער פון מיינע עלטערן, און איך, אַ ייִנגל, קוק אויפן טאַטן, ווי ער בייט דאָס וועש. אַ רחמנות האָט מיך דאַן אָנגענומען אויף אים. ער קאָן שוין נישט זיין שיין, ער קאָן שוין נישט זיין באַרימט, ער איז שוין פאַרטיק, פאַרענדיקט, ער קאָן איצט זיין נישט מער, ווי דאָס, וואָס ער איז. אַזוי האָב איך געטראַכט, האָבנדיק רחמנות אויף אים און אין דער שטיל שטאָלצירנדיק מיט זיך, וואָס איך האָב לגבי אים אַ פאָר — איך קאָן נאָך יאָ זיין, וואָס איך וויל. און איצט האָב איך דערקאָנט אין זיך דעם פאָטער. דאָס איז נישט געווען קיין ענלעכקייט פון פאָרמען, — ניין, דאָס איז געווען עפּעס אַנדערש: איך וואָלט געזאָגט, אַז דאָס איז געווען אַ געשלעכטלעכע ענלעכקייט: ווי איך וואָלט פּלוצלינג דעם פאָטערס זוימען דערשפּירט אין זיך, אין מיין סובסטאַנץ, און ווי עמעצער וואָלט מיר אַ שעפּטשע געטון אויפן אויער: דו ביסט פאַרטיק, פאַרענדיקט. מער עסטו שוין גאָרנישט נישט זיין, האָב אַ זון.

איך וועל שוין נישט זיין שיין און נישט באַרימט. איך

וועל שוין נישט קומען פון דעם קליינעם שטעטל אין דער הויפּט-שטאָט אַריין. איך וועל נישט זיין נישט קיין מאַרשאַל, נישט קיין פּאָלקס-קאָמיסאַר, נישט קיין געלערנטער, נישט קיין באַרימטער לויפער, נישט קיין אַוואַנטוריסט. אַ גאַנץ לעבן האָב איך געחלומט וועגן אַן אויסערגעוויינלעכער ליבע. איינגיכן וועל איך זיך אומקערן צוריק אויף דער אַלטער דירה, אינם צימער מיט דעם שוידערלעכן בעט. דאָרט האָב איך אַ טרויעריקע שכנהשאַפט: די אַלמנה פּראָקאָפּאָוויטש. זי איז אַלט אַ יאָר פינפאונפערציק, און אין הויף רופט מען זי „אַניטשקע״. זי קאָכט מיטאָגן פאַרן שערער-אַרטעל. די קיך אירע האָט זי איינגעאָרדענט אין קאָרידאָר. אין אַ טונקעלער לאָך שטייט די קיך-פּליטע. זי קאָרמעט קעץ. שטילע, מאָגערע קעץ פליען מיט גאַלוואַניזירטע באַוועגונגען פון הינטער אירע הענט אַפּער. זי וואַרפט זיי צו פאַרשידענע פּאָטראָוועס. דער דיל איז דעריבער דאָרט באַפאַרבט ווי מיט פּערל-מוטערנע שפּייען. איינמאָל האָב איך זיך אויסגעגליטשט דאָרטן און שיר נישט געפאַלן — איך האָב אָנגעטראָטן מיט אַ פוס אויף עמעצנס אַ האַרץ. דאָס הערצל איז געווען אַ קליינס און שטייף אויסגעפוירעמט, ווי אַ קאַשטאַן. זי גייט אַרום אין אַרומגעפּלאָכטענע מיט קעץ און מיט אָדערן פון בעלי-חיים. אין די הענט אירע בלאַנקט דער מעסער.

די אַלמנה פּראָקאָפּאָוויטש איז אַלט, פעט און צעשוואומען. מען קאָן זי אויסקוועטשן, ווי ליווערנע קישקע. אינדערפרי פּלעג איך זי טרעפן נעבן דעם וואַש-שיסל אין קאָרידאָר. זי פּלעגט זיין האַלב-נאַקעט און פלעגט צו מיר שמייכלען מיט אַ פּרויען-שמייכל. נעבן איר טיר, אויף אַ טאַבורעטקע, איז געשטאַנען אַ שיסל, און דאָרט פּלעגן אַרומשווימען די אויסגעקעמטע האָר אירע.

די אַלמנה פּראָקאָפּאָוויטש — דאָס איז דער סימבאָל פון מיין מאַנסבילשער דערנידערונג. עס באַקומט זיך אַזוי: מאַכעטייסע, איך בין גרייט, מאַכט אַ קליינעם טעות ביינאַכט אין די טירן, איך וועל אומישנע מיין טיר נישט פאַרשליסן, איך וועל אייך אויפנעמען. מירן לעבן און הנאה האָבן, און די חלומות וועגן דער אויסערגעוויינלעכער ליבע פאַרוואַרפט. אַלץ איז פאַרביי. גיט אַליין אַ קוק אויף זיך, שכן, סאַרא איר זענט געוואָרן: אַ דיקינקער, אין פאַרקירצטע הויזלעך. נו, וואָס באַדאַרפט איר נאָך? יענע? די דינהעלענטיקע? די אויסגעטרוימטע? מיטן וואַלן פּנימל? לאָזט אָפּ. איר זענט שוין אַ פּאַפּאַ. איז קומט איר, האַ? די בעט איז ביי מיר אַן אויסגעצייכנטע.

ער, עליו-השלום, האָט זי אין דער לאָטעריע אויסגעשפּילט. די קאָלדרע איז אַ געשטעפּטע. כ׳וועל אייך אויפּפּאַסן. זשאַלעווען אייך, האַ?

אָפּט פּלעגט איר בליק אויסדריקן אַן אָפענע פּאַסקודסטווע. אַן אַנדערשמאָל פּלעגט זיך ביי איר באַגעגעניש מיט מיר אַרויסקוילערן פון איר האַלדז אַזאַ מין קליינלינק קלאַנגעלע, אַ קיילעכדיק שטים-טראָפּנדל, וואָס פּלעגט פון איר אינעווייניק אַרויסגעשטויסן ווערן דורך דער אַנטציקונג, וואָס פּלעגט זי בעת-מעשה אָנכאַפּן.

איך בין דיר נישט קיין פּאַפּאַ, קיך-מויד! איך בין דיר נישט קיין פּאָר, פּאַסקודע!

איך שלאָף אויף באַביטשעווס דיוואַן.

מיר חלומט זיך, אַז אַ גאָלדן מיידעלע לאַכט מיט אַ דריבנעם געלעכטערל און קריכט צו מיר אונטער דעם ליילעך. מיינע חלומות הויבן אָן פאַרווירקלעכט ווערן. אָבער מיט וואָס וועל איך דעם באַ-דאַנקען? אַ פּחד כאַפּט מיך אַרום. קיינער האָט נאָך מיך אומזיסט נישט ליב געהאַט. אַפילו די פּראָסטיטוטקעס — און יענע האָבן זיך געסטאַרעט צו באַרייסן מיך וואָס מער, — וואָס-זשע וועט דאָס שוין פאַרלאַנגען פון מיר? ווי עס פּאַסט פּאַר אַ חלום, טרעפט עס, וואָס איך טראַכט, און זאָגט צו מיר:

— אָ, באַאומרויק זיך נישט. אינגאַנצן אַ פּערטעלע!

כ׳דערמאָן זיך פון אַמאָל: איך, אַ גימנאַזיסטל, בין געבראַכט געוואָרן אין אַ מוזיי פון וואַקסענע פיגורן. הינטער אַ גלעזערנעם קוב שטייט דאָרט אַ שיינער מאַנספּאַרשוין אין אַ פראַק, מיט אַ בלוטנדי-קער וווּנד אין דער ברוסט און שטאַרבט דאָרט אויף עמעצנס הענט.

— דאָס איז דער פראַנצויזישער פּרעזידענט קאַרנאָ, אַ פאַרוווּנ-דעטער דורך אַן אַנאַרכיסט, — האָט מיין פאָטער מיר געגעבן צו דערקלערן.

דער פּרעזידענט איז אויסגעגאַנגען, געאָטעמט, די אויגן פאַר-גלאָצט. פאַמעלעך, ווי אויף אַ זייגער, איז געגאַנגען דעם פּרעזידענטס לעבן. איך האָב געקוקט אַ באַצויבערטער. אַ זעלטן-שיינער מאַנספּער-שוין איז געלעגן מיט אַ פאַרריסענער באָרד הינטער דעם גרינלעכן גלאָז. דאָס איז געווען פּרעכטיק. דעמאָלט האָב איך צום ערשטן מאָל דערהערט דעם הודזשען פון דער צייט. די פאַרגאַנגענע צייטן האָבן זיך איבער מיין קאָפּ געטראָגן. איך האָב געשלונגען די טרערן פון אַנטציקונג. איך האָב באַשלאָסן צו ווערן אַ באַרימטהייט, כדי אַמאָל,

אין די קומענדיקע צייטן, זאָל אונטער אַזאַ מין גרינלעכן גלאָז ליגן די וואַקסענע געשטאַלט אויך פון מיין איך, מיין וואַקסענע געשטאַלט, אַן אָנגעפּילטע מיט דער הודזשעניש פון יאָרהונדערטן, און זאָלן זיך דעמאָלט צוהערן צו אָט דער הודזשעניש די יעניקע ווייניקע מענטשן, וואָס קאָנען אַזאַ מין הודזשעניש אויפנעמען.

איצט שרייב איך רעפּערטואַר פאַר די עסטראַדניקעס: מאָנאָלאָגן און קופּלעטן וועגן פּינינסעקטאָר, מאַשיניסטקעס, נעפּמאַנעס און אַלימענטן.

א רעש, א טומל אין אנשטאַלט,
א געפּילדער און א געוואַלד!
וואָס האָט פּאַסירט? וואָס איז געשען?
די מאַשיניסטקע ט׳מען מיטן זאַוו געזען...

און פונדעסטוועגן וועט דאָך ווען ס׳נישט איז אין גרויסן פּאַנאָפּטיקום שטיין די וואַקסענע פיגור פון אַ מאָדנעם מענטשן מיט אַ גראָבער נאָז, מיט אַ בלייכן גוטמוטיקן פּנים, מיט צעשויבערטע האָר, מיט אַ טאַליע פון אַ דיקלעכן יינגל, אין אַ רעקל, מיט איין איבערגעבליבענעם קנעפּל אויפן בויך, און אויפן גרינלעכן גלאָז וועט הענגען אַ שילדל:

ניקאָלאַי קאָוואַלעראָוו

און מער גאָרנישט. און גאָר. און יעדער איינער, וואָס וועט דערזען אָט די פיגור, וועט אַ זאָג טאָן: „אָך!“ און וועט זיך דערמאָנען אָן אייניקע מעשיות, אפשר לעגענדעס: „אָך, דאָס איז אָטאָ דער, וואָס האָט געלעבט אין דער בארימטער צייט, אַלעמען פיינט געהאַט און אַלעמען מקנא געווען, זיך באַרימט, פאַריסן די נאָז, טראָגעדיק געווען מיט גרויסע פּלענער, געוואָלט אַסאַך אויפטאָן און גאָרנישט גישט אָפּגעטאָן — און פאַרענדיקט דערמיט, וואָס ער איז באַגאַנגען אַ נידערטרעכטיקן, העסלעכן פאַרברעכן...“

ז

פון טווערסקאיא האָב איך פאַרקערעוועט אין אַ ליקל. איך האָב געדאַרפט אויף ניקיטסקע. פריער פרימאָרגן. דער ליקל איז גע־בויגן, ווי אַ קני. ווי אַ בלייענער רעוומאַטיזם באַוועג איך זיך אין דער קני. זאַכן האָבן מיך נישט ליב. דער ליקל איז קראַנק — איך בין זיין באַציל.

אַ קליין מענטשעלע אין אַ האַרטן הוט איז געגאַנגען פאַרויס מיר.

לכתחילה האָב איך געמיינט: דער מענטש איילט, — אָבער אין קורצן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער אייליקער טראָט מיטן אונ־טערוואַרפן דעם גאַנצן קערפער זיינעם איז בכלל אַ רגילות ביי אָט דעם מענטשן.

ער האָט געטראָגן אַ קישן. ער האָט פאַר אַן אויער געהאַלטן אין דער לופטן אַ גרויס קישן אין אַ געלער ציך. דאָס קישן האָט זיך געקלאַפּט אָן זיין קני. פון די קלעפּ פלעגן אין קישן זיך באַ־וויזן גריבער און גלייך פאַרשווונדן ווערן.

עס טרעפט אַמאָל, אַז אין צענטער שטאָט, ערגעצוו אין אַ ליקל, דערזעסטו פלוצלינג אַ בליענדיקן, ראָמאַנטישן פלויט. מיר זענען גע־גאַנגען ביי אַזאַ מין פלויט.

אַ פויגל אויף אַ צווייג האָט אַ גלאַנץ געטאָן, אַ ריס געטאָן זיך און אַ קנאַק געטאָן, דערמאָנענדיק דעם קלאַנג פון אַ מאַשינקע אויף צו שערן האָר. דער מענטש, וואָס איז פאַרויס מיר געגאַנגען, האָט זיך אומגעקוקט אויפן פויגל. איך בין געווען פון הינטן, און מיר איז געלונגען צו זען נאָר די ערשטע פאַזע, די האַלבע לבנה פון זיין פנים. ער האָט געשמייכלט.

„אמת, ס׳איז ענלעך״ — האָב איך שיר נישט אויסגעשריגן, אַ זיכערער דערין, אַז אויך ער האָט געכאַפּט די ענלעכקייט פון דעם פויגלס קנאַק צו דעם קלאַנג פון אַ שער־מאַשינקע.

אַ האַרטער הוט.

ער נעמט אים אַראָפּ און טראָגט אים, ווי אַ קוילעטש, אַרומ־גענומען. אין דער צווייטער האַנט — דאָס קישן.

די פענסטער זענען אָפן. אין איין פענסטער, אויפן צווייטן שטאָק, זעט זיך אַ בלוי וואַזעלע מיט אַ בלימל. דאָס מענטשל פאַר־קוקט זיך אויף דעם וואַזעלע. ער גייט אַראָפּ פון טראָטואַר, גייט אַרויס אויפן מיט פון דער גאַס און שטעלט זיך אָפּ אונטערן פענס־טער. ער הויבט אויף צום פענסטער זיין קאָפּ. דער האַרטער הוט זיינער איז אים אַראָפּגעפאָרן אויפן קאַרק, ער האַלט פעסט פאַרקלאַ־מערט דאָס קישן אין האַנט. זיין קני האָט זיך שוין צעבליט פון פוך

איך גיב אויף אים אַכטונג פון הינטערן ראָג אָפּער.

ער האָט אַ רוף געטאָן דאָס וואַזעלע:

— וואַליע!

אין דער זעלבער רגע באַווייזט זיך שטורמיש אין פענסטער אַ מיידל אין עפּעס ראָזעוון. זי וואַרפט אום דאָס וואַזעלע.

— וואַליע, האָט ער אַ זאָג געטאָן, — איך בין געקומען נאָך דיר.

שטיל, דאָס וואַסער פון דעם וואַזעלע שטראָמט איבערן קאַרניז.

— זע, איך האָב געבראַכט... דו זעסט? (ער האָט מיטביידע הענט אויפגעהויבן דאָס קישן איבערן בויך). דו דערקאָנסט? דו ביסט אויף אים געשלאָפן (ער האָט אַ לאַך געטאָן). קער זיך אום, וואַליע, צו מיר. דו ווילסט נישט? איך וועל דיר ווייזן מיין „אָפּעליע". דו ווילסט נישט?

ווידער שטיל. דאָס מיידל איז געלעגן אויפן שוועל פון פענס־טער. איר צעשויבערטער קאָפּ איז פון דאָרט אַראָפּגעהאָנגען. נעבן איר האָט זיך אַראָפּגעקוילערט דאָס וואַזעלע. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז אין אַ סעקונדע אַרום נאָכדעם, ווי דאָס מיידל האָט זיך אין פענס־טער באַוויזן, ווי נאָר זי האָט דערזען דאָס מענטשל אויף דער גאַס, איז זי גלייך אַוועקגעפאַלן מיט די עלנבויגנס אויפן פענסטער־שוועל, און די עלנבויגנס אירע האָבן זיך גלייך אונטערגעבראָכן.

איבערן הימל האָבן וואָלקנס אַרומגעבלאָנקעט, און אויף די שויבן, און אין די שויבן האָבן זיך זייערע וועגן געפּלאָנטערט.

— איך, וואַליע, בעט דיך, קער זיך אום! פּשוט: לויף אַראָפּ מיט די טרעפּ.

ער האָט געוואַרט.

ליידיקגייער האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

— דו ווילסט נישט? נו, איז צום ווידערזען.

ער האָט זיך אומגעדרייט, פאַרריכט זיין הוט אויפן קאָפּ און אַוועק מיט דער מיט גאַס אין מיין זייט.

— וואַרט צו! וואַרט צו, פּאַפּאַ! פּאַפּאַ! פּאַפּאַ!

ער האָט פאַרגיכערט זיינע טריט, אַוועקגעלאָפן. פאַרביי מיר. איך האָב געזען: ער איז נישט יונג. דער אָטעם האָט אים פאַרפעלט, און ער איז בלייך געוואָרן פון געלויף. אַ קאָמיש דיקלעך מענטשל איז געלאָפן איבער דער גאַס מיט אַ צוגעדריקטן קישן צו דער ברוסט. אָבער קיין שום מטורפת איז דערין נישט געווען.

דער פענסטער איז פוסט געוואָרן.

זי האָט זיך אַ לאָז געטאָן אים אָנ[illegible]. זי איז דערלאָפן ביז צום ראָג, — דאָרט האָט זיך אָנגעהויבן אַ רוישיקע גאַס מיט אַסאַך מענטשן: זי האָט אים נישט געפונען: איך בין געשטאַנען נעבן פּלויט. דאָס מיידל האָט זיך צוריקגעקערט. איך האָב אַ שפּאַן געטאָן איר אנטקעגן. איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איך קאָן איר מיט עפּעס העלפן, אַז איך ווייס עפּעס — און זי האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן מיר. אַ טרער איז אין זיגזאַגן געפלאָסן איבער איר באַק, ווי איבער דעם וואַזעלע. זי האָט זיך אַזש אונטערגעהויבן, גרייט געווען ליידנשאַפט-לעך אַ פרעג טאָן וועגן עפּעס, אָבער איך האָב איר איבערגעשלאָגן, געזאָגט צו איר:

— איר האָט פאַרבייגערוישט פאַרביי מיר, ווי אַ צווייַג אַ פולע מיט בלומען און בלעטער.

אין די אָוונטן קאָרעקטיר איך.

„...איז דאָס בלוט, וואָס ווערט צונויפגעקליבן ביים שעכטן, קאָן איבערגעאַרבעט ווערן אויף צו באַנוצן אין שפּייז אַריין, צו ווורשט, אָדער אויף אויסצואַרבעטן דערפון העלן און טונקעלן אַלבומין, קליי, קנעפּלעך, פאַרבן, באַמיסטיקונגען און נאַרונג פאַר פי, פייגל און פיש. רוי שמאַלץ פון פאַרשידענערליי סאָרטן פי און אָרגאַנישער אָפּפאַל, וואָס אַנטהאַלט אין זיך פעטס — אויף אויסצואַרבעטן דערפון שפּייז-פעטסן: שמאַלץ, מאַרגאַרין, קינסטלעכע פוטער און טעכנישע פעטסן: סטעאַרין, גליצערין און שמיר-אייל. די קעפּ און באָקענע פיסלעך ווערן איבערגעאַרבעט מיט דער הילף פון עלעקטרישע ספּיראַלע עק-בויערס, אויטאָמאַטישע אָפּרייניקונג-מאַשינען, גאַזאָווע סמאַליע-וואַר-שטאַטן, שנייד-מאַשינען און ברי-קעסלען אין שפּייז-פּראָדוקטן, די

טעכנישע בײנער-פּעטס, די אָפּגערײניקטע האָר און די בײנער אויף פאַרשידענערלײ אויסאַרבעטונגען"...

ער רעדט אין טעלעפאָן. אַ מאָל צען אויפן אָוונט רופט מען אים אַרויס. מאַלע מיט װעמען ער קאָן דאָרטן רעדן דורכן טעלעפאָן. נאָר פּלוצלינג דערטראָגט זיך צו מײן געהער:

— נײן, דאָס איז נישט קײן האַרצלאָזיקײט.

איך הער זיך צו.

— דאָס איז נישט קײן האַרצלאָזיקײט. דו פרעגסט בײ מיר, זאָג איך דיר, דאָס איז נישט קײן האַרצלאָזיקײט. נײן, נײן! דו קענסט זײן אינגאַנצן רויִק, דו הערסט? — ער דערנידעריקט זיך? װאָס? ער גײט אַרום אונטער די פענסטער? גלויב אים נישט. דאָס זענען זײנע שטיקלעך. ער גײט אַרום אונטער מײנע פענסטער אויך. דאָס געפעלט אים, װאָס ער גײט אַרום אונטער די פענסטער. איך קען אים. — װאָס? האַ? דו האָסט געװײנט? דעם גאַנצן אָװנט? אומזיסט האָסטו דעם גאַנצן אָװנט געװײנט. — ער װעט פון זינען אַראָפּ? װעלן מיר אים אָפּפירן אין קאַנאַטשיקאָװס משוגעים-הויז. אָפּעליע? װאָס פאַראַ אָפּעליע? אַ... שפּײ זיך אויס. אָפּעליע — דאָס איז זײן משוגעת. — װי דו װילסט זיך. נאָר איך זאָג: דו האַנדלסט ריכטיק. — יאָ, יאָ — װאָס? אַ קישן? נישט שװין-זשע? (אַ געלעכטער). איך שטעל מיר פאָר. װי? װי? אויף װעלכן דו האָסט געשלאָפן? — װײס איך. — װאָס? יעדעס קישן האָט זיך זײן געשיכטע. מיט אײן װאָרט, הער אויף צװײפלען.

װאָס? — יאָ — יאָ! (דאָ איז ער אַנטשװיגן געװאָרן און לאַנג געהערט. איך בין געזעסן אויף הײסע קוילן. ער האָט זיך צעלאַכט). אַ צװײג? װי? אַ װעלכע צװײג, פול מיט בלומען? — מיט בלומען און מיט בלעטער? װאָס דאָס איז געװיס אַן אַלקאָהאָליק פון זײן קאָמפּאַניע.

8

שטעלט זיך פאָר אַ געװײנלעך שטיקל װורשט: „ דיקער פּאַרקײ־לעכיקטער פּענעץ, אָפּגעשניטן פון אַ גרויסן, שװערן בײגל. אויף אײן עק פון אַט דעם דיקן פּענעץ הענגט אַן עקל פון אַ שטריקל,

מיט וועלכן די קישקע איז פאַרבונדן. אַ גאַנץ געוויינלעך שטיקל ווורשט. וועגן וועגט עס מסתמא עפּעס מער פון אַ קילאָ. דאָס הייטל איז פעט פאַרשוויצט. פון אונטער דעם הייטל לייכטן זיך אַדורך די געלע בלעזעלעך פעטס. אינם אויפשניט זעען אויס דיזעלבע שטיקלעך פעטס, ווי ווייסע גרייפלעך.

באַביטשעוו האָט געהאַלטן אָט דאָס שטיקל ווורשט ,י דער דלאָניע. ער האָט גערעדט. די טירן האָבן זיך געעפנט. מענטשן זענען אַריינגעקומען. אין צימער איז אַזש ענגלעך געוואָרן. דאָס שטיק ווורשט איז אַראָפּגעהאָנגען פון באַביטשעווס היכער אָמט-דלאָניע, ווי עפּעס לעבעדיקס.

— ווי געפעלט עס אייך? — האָט ער אַ פרעג געטון ביי אַלע-מען מיטאַמאָל, — ניין, איר גיט נאָך אַ קוק... אַ שאָד, וואָס שאַפּיראָ איז דאָ נישטאָ. מירן אומבאַדינגט אַ רוף טון אַהער שאַפּיראָן. כאַ-כאָ. אָט דאָס פאַרשטיי איך! איר האָט געקלונגען שאַפּיראָן? פאַרנומען? קלינגט אָן נאָכאַמאָל...

דערנאָך ווערט די ווורשט אַנידערגעלייגט אויפן טיש. באַבי-טשעוו שפּרייט עפּעס אונטער מיט ליבע אונטערן ווורשט. אַליין גייט ער זיך אָפּ אַ פּאָר הינטער-טריט פון טיש, לאָזט פון ווורשט קיין אויג נישט אַראָפּ, געפינט מיטן הינטן זיין שטול, זעצט זיך דאָרט אַנידער, שפּאַרט זיך איין מיט די פויסטן אין די לענדן און צעגיסט זיך אין אַ געלעכטער. ער הויבט אויף אַ פויסט, דערזעט דאָרט אַ פּיצעלע פעטס, גיט עס אַ לעק.

— קאַוואַלעראָוו! (נאָכן געלעכטער). איר זייט איצט פריי? גייט צו, איך בעט אייך, צו שאַפּיראָן. אויפן סקלאַד. איר ווייסט? גייט גלייך צו אים און טראָגט עס אים אַוועק. (מיט די אויגן ווייזט ער אויפן ווורשט) גיט עס אים אָפּ, — זאָל ער אַ קוק טון און אָנקלינגען מיר.

איך האָב עס אַוועקגעטראָגן די ווורשט צו שאַפּיראָן אויפן סקלאַד. און באַביטשעוו האָט אומעטום געקלונגען.

— יאָ, יאָ! — האָט ער געשריען, — יאָ! אַ פולקאָם אויסגעצייכנט שטיקל ווורשט! מירן עס שיקן אויף דער אויסשטעלונג. קיין מילאַן וועלן מיר עס שיקן! ס'האָט זיך באַקומען פונקט דאָס, וואָס מען באַדאַרף! יאָ! יאָ! זיבעציק פּראָצענט קעלבערנס. אַ גרויסער זיג... ניין, נישט קיין האַלבערובל, אַ מאָדנער איר זייט... אַ האַלבן רובל!

כאָ-כאָ! צו פינפאונדרייסיק. דאָס שמעקט אייך? אַ קראַסאַווע — אַ ווורשט.

ער איז אַוועקגעפאָרן.

זיין לאַכעדיק פּנים — אַ פאַרברוינט טעפּל — האָט זיך געהוידעט אין פענסטער פון אויטאָמאָביל. ווען ער איז געקומען אין אַנשטאַלט, האָט ער אין געלויף אַ שטופּ געטון דעם שווייצאַר די טיראַלקע, און אַרויסקוילערנדיק די אויגן, אַוועקגעלאָפן איבער די טרעפּ, אַ שווערער, אַ טומלדיקער און היציקער, ווי אַ וועפּר. אַ ווורשט! — האָט זיין קול געקלונגען אין אַסאַך קאַבינעטן. — דווקא סאַמע די ווורשט, וואָס מיר האָבן באַדאַרפט, האָט זיך באַקומען... איך האָב דאָך אייך געזאָגט... אַן אַנעקדאָט!... ווען איך האָב אָבער די זוניקע גאַסן מיט ווורשט צו שאַפּיראָן געשפּאַנט, האָט ער דערווייל פון יעדן קאַבינעט צו אים געקלונגען:

— מען טראָגט אים צו אייך! סאָלאָמאָן, איר וועט זעען! איר וועט פּלאַצן...

— מען האָט נאָך נישט געבראַכט? כאָ-כאָ, סאָלאָמאָן...

ער האָט געוווישט דעם שווייסיקן האַלז, טיף פאַרקראָכן מיטן טיכל הינטערן קאָלנער, כמעט צעפליקט דעם קאָלנער, געדרייט זיך, געפייניקט זיך פון היץ און געריסמט די ווורשט.

איך בין געקומען צו שאַפּיראָן. אַלע האָבן געזען, אַז איך טראָג די ווורשט און אַלע האָבן פאַר אונז (פאַר מיר מיט דער ווורשט) אַ וואַרע געמאַכט. דער וועג מיינער איז ווי דורך אַ כּישוף אָפּגעריייניקט געוואָרן. אַלע האָבן געוווּסט, אַז עס גייט דער שליח מיט באַביטשעווס ווורשט. שאַפּיראָ, אַ מעלאַנכאָלישער אַלטער ייד, מיט אַ נאָז, וואָס אין פּראָפיל איז זי ענלעך אויף דעם ציפער זעקס, איז געשטאַנען אונטער אַ דעכל אויפן הויף פון סקלאַד. די טיר, וואָס איז געווען אָנגעפּוילט מיט באַוועגלעכער, זומערדיקער פינסטערניש, ווי אַלע אָפענע סקלאַד-טירן, האָט געפירט אין אַ ריזיקער שטאַל. אויפן, ביישטידל, דרויסן, איז געהאָנגען דער טעלעפאָן. דאָ, דערנעבן, איז אויף אַ טשוואָק געהאָנגען אַ האַטשיקל, אויף וועלכן עס זענען אָנגעניזעווועט געווען פאַרשידענע געלע בלעטלעך — דאָקומענטן.

שאַפּיראָ האָט גענומען פון מיינע הענט דעם פענעץ ווורשט, אַ וועג אָפּ געגעבן עס אין זיינע הענט, אַ הוידע געטון עס אויף זיין דלאָניע (איינצייטיק אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ), צוגעטראָגן עס צו

דער נאָז, אַ שמעק געטון. דערנאָך איז ער אַרויס פון אונטערן דעכל, אַוועקגעלייגט די וווּרשט אויף אַ קאַסטן און מיט אַ טאַשן-מעסערל האָט ער פאָרזיכטיק אָפגעשניטן אַ קליין, ווייך פענעצל. אין פולשטענדיקער שטילקייט איז דאָס פענעצל געקייט געוואָרן, צוגעדריקט געוואָרן צום גומען, געזויגן געוואָרן און לאַנגזאַם דערשלונגען געוואָרן. די האַנט מיטן טאַשן-מעסערל איז אָפגעפירט געוואָרן אין אַ זייט, געצאַפלט זיך: דער מענטש, צו וועמען די האַנט האָט געהערט, האָט זיך צוגעהערט צום טעם פון דער וווּרשט.

— אַך, — האָט ער אַ זיפץ געטון, ווען ער האָט דאָס פיצל וווּרשט דערשלונגען. — אַ מאַלאָדיעץ איז באַביטשעוו! ער האָט געשאַפן וווּרשט. הערט, ס'איז דאָך אַן אמת: ער האָט זיך זיינס דערשלאָגן. פינפאונדרייסיק קאָפּיקעס אַזאַ מין וווּרשט — איר ווייסט, דאָס גלויבט זיך אַזש נישט.

דער טעלעפאָן האָט אַ קלונג געטון, שאַפּיראָ האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבן פון זיין אָרט און אַוועק צו דער טיר.

— יאָ, חבר באַביטשעוו, איך באַגריס אייך, און מיר ווילט זיך צעקושן זיך מיט אייך.

באַביטשעוו האָט דאָרט ערגעצוו געשריען אַזוי הויך, אַז דאָ, אויף אַ מהלך פון טעלעפאָן, האָב איך געהערט זיין קול און די פלאַצנדיקע קלאַנגען אין דעם טעלעפאָן-טרייבל. דאָס טרייבל, געשטויסן דורך די מעכטיקע קלאַנגען-כוואַליעס, האָט זיך שיר נישט אַרויסגעריסן פון שאַפּיראָס שוואַכע פינגער. ער האָט אַפילו אַ מאַך געטון אויף דעם מיט דער צווייטער האַנט, אַ קרום געטון זיך, ווי מען טרייבט אָפּ פון זיך אַ שטיפער אַ ייִנגל, וואָס שטערט הערן.

— וואָס זאָל איך טון? — האָב איך אַ פרעג געטון. — די וווּרשט וועט בלייבן ביי אייך?

— ער בעט אָפטראָגן צוריק צו אים אַהיים. ער לאַדט מיך איין צו זיך אין אָוונט פאַרזוכן די וווּרשט.

איך האָב אויסגעשאָסן:

— נישט שוין-זשע שלעפן עס צוריק אַהיים! מען קאָן דען נישט קריגן צו קויפן אַ שטיקל וווּרשט?

— אַזאַ מין וווּרשט קאָן מען נישט קריגן צו קויפן, — האָט שאַפּיראָ אַ זאָג געטון. — אין פאַרקויף איז עס נאָך נישטאָ. דאָס איז אַ פּראָבע, געבראַכט פון דער פאַבריק.

— ער וועט פאַרשטונקען ווערן.

שאַפּיראָ האָט, צונויפלייגנדיק דאָס מעסערל און זוכנדיק מיט דער האַנט די קעשענע, אַ זאָג געטון פאַמעלעך, מיט אַ קוים מערק-באַרן שמייכעלע און אַראָפּלאָזנדיק די וויִעס, — ווי אַלע אַלטע ייִדן, — נישט אַ זאָג געטון, נאָר אַ לערן געטון:

— איך האָב באַגריסט דעם חבר באַביטשעוו מיט אַ ווורשט, וואָס קאָן נישט פאַרשטונקען ווערן אין איין טאָג. אַנדערש וואָלט איך דעם חבר באַביטשעוו נישט באַגריסט. מיר וועלן עס היינט אויפעסן. לייגט עס אַנידער אויף דער זון, האָט קיין מורא נישט, אויף דער הייסער זון לייגט עס אַנידער — עס וועט שמעקן, ווי אַ רויז.

ער איז נישט געוואָרן אינם טונקל פון שטאַל, אומגעקערט זיך צוריק מיט אַ פּאַפּיר, מיט פערגאַמענט און דורכגעפּעצט פּאַפּיר, און אין עטלעכע סעקונדעס אַרום האָב איך געהאַלטן אין די הענט אַ מייסטעריש געמאַכט פּעקל.

נאָר אין די סאַמע ערשטע טעג פון מיין באַקאַנטשאַפט מיט באַ-ביטשעוון האָב איך געהערט שמועסן וועגן דער באַרימטער ווורשט. ערגעצ-ווו זענען געמאַכט געוואָרן פּראָבן אויף אויסאַרבעטן אַ מין באַזונדערן סאָרט ווורשט, אַ נאַרהאַפטיקע, ריינע און ביליקע. באַביטשעוו האָט זיך כסדר געהאַלטן אין איין נאָכפרעגן אין פאַרשידענע ערטער; מיט אַ פאַרדאַגהטער נאָטקעלע אין דער שטים פלעגט ער זיך נאָכפרעגן און געבן עצות; נאָך יעדן טעלעפאָן-געשפּרעך וועגן ווורשט פלעגט זיך דאָס פּנים ביי אים בייטן — דאָ איז עס געווען פינסטער, דאָ — באַשטראַלט מיט עפּעס אַ זיס-ליכטיקער האָפענונג. סוף-כל-סוף איז דער מין דערפונדן געוואָרן. פון די געהיימניספולע אינקובאַטאָרן איז אַרויסגעקראָכן, געהוידעט זיך מיט איר שווערן, דיקן, שנאָבל, אַ גראָבע, שטייף אָנגעשטאָפּטע קישקע.

ווען באַביטשעוו האָט באַקומען צו זיך אין די הענט אריין אַ פּענעץ פון אָט דער קישקע, איז ער רויט געוואָרן, אַזש פאַרשעמט זיך לכתחילה, ווי אַ חתן, ווען ער דערזעט, ווי שיין זיין יונגע כלה איז, און וואָס פאַר אַ פאַרכישופנדיקן איינדרוק זי מאַכט אויף די געסט. אַ גליקלעך-פאַרלוירענער האָט ער אַלעמען באַקוקט און גלייך אויפן אָרט אַוועקגעלייגט דאָס שטיק ווורשט און אָפּגערוקט עס פון זיך מיט אַזאַ מינע און מיט אַזאַ מין הויב פון די דלאָניעס זיינע, ווי ער וואָלט געוואָלט זאָגן: „ניין, ניין. מען דאַרף נישט. איך וועל זיך

בעסער לכתחילה אַ ־אָגן. וועל איך זיך כאַטשבי דערנאָך נישט פּיי־ניקן. עס איז אומבּאַגלעך, אַז אַזאַ מין גליק זאָל זיך טרעפן אין בּשוטן מענטשלעכן לעבן. דאָ האָט דער שיקזאַל אַ פּיסל אונטערגעשטעלט. נעמט עס צו. איך בין עס נישט ווערט".

איך האָב געט אָגן דעם קילאָ באַרימטער וורשט און געשפּאַנט אין אַן אומבאַשטימטער ריכטונג.

איך שטיי אויף דער בריק.

לינקס פון מיר איז דער אַרבעט-פּאַלאַץ, פון הינטן — דער קרעמל, אונטן — אויפן טייך — שיפלעך, שווימער. פלינק טראָגט זיך אויפן וואַסער אַ קאַטער (דאַמפערל). פון מיין הויך, פון בריק, זעט זיך אָנשטאָט אַ דאַמפערל עפּעס אַזוינס, וואָס איז שטאַרק ענלעך אויף אַ גיגאַנטישן, צעשניטענעם אין דער לענג מאַנדל. דער מאַנדל שווימט אַרונטער אונטער דער בריק. ערשט דעמאָלט דערמאָן איך זיך, אַז דאָס דאַמפערל האָט געהאַט אַ קוימען, און אַז נעבן קוימען האָבן צוויי מענטשן געזופּט באָרשט פון אַ קעסעלע. אַ ווייס וואָלקנדל רויך, אַ דורכזיכטיקס און אויסרינענדיקס, פליט אין מיין ריכטונג. דערפליען צו מיר באַווייזט עס נישט, ער ווערט אין וועג צערונען, גייט אַריבער אין אַנדערע אויסמעסטונגען און צו מיר דערגרייכט עס נאָר מיטן לעצטן שפּור זיינעם, וואָס פלעכט זיך אין אַ קוים-מערקבאַרער אַסטראַלער רייף.

איך האָב געוואָלט אַראָפּוואַרפן די וורשט אין טייך אַריין.

אַ וווּנדערבאַרער מענטש איז דערדאָזיקער אַנדריי באַביטשעוו, דער מיטגליד פון דער געזעלשאַפט פּאָליטקאַטאָרזשאַנעס, דער מלוכה־מענטש — ער האַלט פאַר זיך דעם היינטיקן טאָג פאַר אַ יום־טוב בלויז דערפאַר, וואָס מען האָט אים באַוויזן אַ נייעם סאָרט וורשט... נישט שוין־זשע איז דאָס אַ יום-טוב? נישט שוין־זשע איז דאָס רום?

ער האָט היינט געשיינט, יאָ, דער שטעמפּל פון רום איז היינט געלעגן אויף זיין פּנים. פאַרוואָס־זשע פיל איך נישט קיין פאַרליבטקייט, קיין אַנטציקונג, קיין אָפּשיי פאַר אָט דעם מין רום? אַ כּעס כאַפּט מיך אָן. ער—דער מלוכה־מענטש, דער קאָמוניסט — ער בויט אַ נייע וועלט. און אין דערדאָזיקער נייער וועלט באַקומט זיך רום דערפון, וואָס דער וורשטנמאַכער האָט אַ נייעם סאָרט וורשט אויסגעאַרבעט. איך באַנעם נישט אַזאַ מין סאָרט רום, וואָס־זשע באַטייט עס? נישט וועגן אַזאַ מין סאָרט רום האָבן מיר דערציילט די לעבנס-באַ־

שרייבונגען, די דענקמעלער, די געשיכטע... הייסט דאָס, אַז די נאַ־טור פון דעם רום האָט זיך געביטן? אומעטום, אָדער בלויז דאָ, אין דער בויענדיקער וועלט? אָבער איך פיל דאָך, אַז דידאָזיקע נייע, זיך בויענדיקע וועלט איז די הויפּט־וועלט, די וועלט, וואָס וועט זיגן... איך בין נישט קיין בלינדער, איך האָב אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס. מען דאַרף מיך נישט לערנען, דערקלער מיר... איך בין אַ גראַמאָטנער. דווקא אין אָט דער וועלט וועל איך האָבן רום! איך וויל שיינען פּונקט אַזוי, ווי עס האָט היינט געשיינט אַנדריי באַביטשעוו. אָבער אַ נייער סאָרט ווורשט וועט מיך נישט מאַכן שיינענדיק.

איך דריי זיך אַרום איבער די גאַסן מיטן פּעקעלע. אַ שטיקל פאַרשיוועט ווורשט פירט אָן מיט מיינע באַוועגונגען, מיט מיין ווילן. איך וויל נישט!

עטלעכע מאָל בין איך גרייט געווען אַרונטערצוואַרפן דאָס פּעקל פון בריק אַראָפּ. אָבער עס איז גענוג געווען פאַר מיר זיך פאָרצו־שטעלן, ווי אַזוי באַפרייענדיק זיך אין געפלי פון פּאַפּיר, פאַלט אַראָפּ און פאַרשווינדט אין די כוואַליעס ווי אַ טאָרפּעדע מיין אומגליקלעך שטיקל ווורשט,—ווי אין דערזעלבער רגע האָט אַ צווייטע פאַרשטעלונג מיך אין אַ פיבער אַ טרייסל געטון. איך האָב געזען, ווי באַביטשעוו, אָט דער גרויזאַמער געטש מיט די אויסגעגלאָצטע אויגן רוקט זיך אויף מיר. איך האָב מורא פאַר אים. ער שטיקט מיך. ער קוקט נישט אויף מיר און זעט מיך אויף דורך און דורך, ער קוקט נישט אויף מיר. בלויז פון דער זייט זע איך זיינע אויגן. ווען זיין פּנים איז אומגע־דרייט צו מיר, זעט זיך דאָרט קיין בליק נישט אָן: די פענסנע גלאַנצן — בלויז צוויי קיילעכיקע, בלינדע בלעכלעך. אים איז נישט אינטערעסאַנט צו קוקן אויף מיר, נישטאָ קיין צייט, נישטאָ קיין חשק ביי אים, אָבער איך ווייס, אַז ער זעט מיך אויף דורך און דורך.

אין אָוונט איז געקומען סאָלאָמאָן שאַפּיראָ, זענען געקומען נאָך צוויי, און באַביטשעוו האָט געשטעלט כּיבוד. דער אַלטער ייד האָט גע־בראַכט מיט זיך אַ פלאַש בראָנפן, און זיי האָבן געטרונקען און פאַרביסן מיט דער באַרימטער ווורשט. איך האָב זיך אָפּגעזאָגט אָנטייל צו נעמען אין דער סעודה. איך בין געזעסן אויפן באַלקאָן און באַקוקט זיי.

די מאָלעריי האָט פאַראייביקט אַסאַך סודות. אויף די בילדער לאָזן זיך ווילגיין מיליטער־לייט, פּריצים און פּראָסט פּעטע פּרעסער.

עפּאַכעס זענען פּאַרפּיקסירט. עס פֿלאַטערן די פעדערן, עס וויקלען זיך שטאָפן, עס גלאַנצן די פעטע באַקן.

נייער טיאַפּאַלאַ! אייל אַהער! אַט פּאַר דיר אַ סעודה מיט פּער־סאָנאַזשן... זיי זיצן אַרום טיש אונטער דער שיין פון אַ העלן פייער פון הונדערט ליכט, זיי שמועסן לעבהאַפּט, מאָל זיי אָן, נייער טיאַ־פּאַלאַ, מאָל „די סעודה ביים ווירטשאַפּטלער"!

איך זע דיין לייוונט אין מוזיי, איך זע די באַזוכער, וואָס שטייען פאַר דיין לייוונט. זיי ברעכן זיך דעם קאָפּ, זיי ווייסן נישט, וועגן וואָס רעדט דאָס מיט אַזאַ באַגייסטערונג דער דיקער גיגאַנט אין די בלויע שעלקעס... אויפן גאָפּל האַלט ער אַ פענעצל ווורשט. עס איז שוין לאַנג צייט געווען דאָס פענעצל ווורשט זאָל פאַרשווונדן ווערן אין מויל פון דעם רעדנער. אָבער דאָס פענעצל שטעקט נאָך אַלץ אויפן גאָפּל, מחמת דער רעדנער איז נאָך אַלץ פאַרטאָן אין זיין רעדע. וועגן וואָס רעדט ער?

— קיין קישקעלעך קאָן מען ביי אונז נישט מאַכן! — זאָגט דער גיגאַנט אין די בלויע שעלקעס. — דאָס איז דען קישקעלעך ביי אייך? שווייגט, סאָלאָמאָן. איר זייט אַ ייד, איר האָט קיין שום געפיל נישט צו קישקעלעך,—אייך געפעלט אויסגעווייקט, מאָגער, כשר פלייש... מיר האָבן נישט קיין קישקעלעך. דאָס זענען סקלעראָטישע פינגער און נישט קיין קישקעלעך. איך וועל זיך דערשלאָגן, אָט וועט איר זען. איך וועל מאַכן די אמתע קישקעלעך...

9

מיר האָבן זיך צונויפגעקליבן אויפן אַעראָדראָם.

איך זאָג „מיר": איך בין דאָ געווען אַ פינפטער ראָד צום וואָגן, אַ צופעליק מיטגענומען מענטשל. קיינער האָט זיך צו מיר נישט געווענדט, קיינעם האָבן נישט אינטערעסירט מיינע איינדרוקן, איך וואָלט מיט אַ רויקן געוויסן געמעגט בלייבן זיצן אין דערהיים.

עס האָט געדאַרפט פאָרקומען דער אָפּפלי פון אַ סאָוויעטישן אַעראָפּלאַן פון אַ נייער קאָנסטרוקציע. מען האָט איינגעלאַדן אַהער באַביטשעוון, די געסט זענען אַרויס אויפן באַריער, אויך אין דערדאָ־זיקער אויסגעקליבענער געזעלשאַפט איז באַביטשעוו געווען הויפּט־

מאַכער, ער האָט גאָר געדאַרפט צו עמעצן אַ וואָרט אויסרעדן, ווי גלייך האָט זיך אַ געזעמל מענטשן אַרום אים אין אַ קרייז זיך אויס־געשטעלט. אַלע האָבן זיך צוגעהערט צו זיינע ווערטער מיט אַן אַכ־פּערנדיקער אויפמערקזאַמקייט. ער האָט געשיינט אין זיין גרויען קאָסטיום, אַ גראַנדיעזער, העכער פון אַלעמען מיט דער אַרקע פון זיינע אַקסלען. אויף זיין בויך איז געהאָנגען אויף אַ רימען אַ שוואַר־צער בינאָקל. ווען ער האָט מיט עמעצן גערעדט, האָט ער אַריינגע־שטופּט די הענט אין די קעשענעס און שטיל געהוידעט זיך אויף זיינע ברייט פונאַנדערגעשטעלטע פיס אויף הינטן און צוריק. ער האָט זיך אָפט געקראַצט די נאָז. נאָכן קראַצן כאַפּט ער אַ קוק אויף די פינגער, וועלכע ער לייגט צונויף ווי ביים נעמען אַ שמעק טאַבאַק. די פינ־גער טראָגט ער נאָענט צו די אויגן. די מיטשפּרעכער זיינע טוען אים נישט ווילנדיק נאָך, ווי שילער, זיי באַוועגן זיך פּונקט אַזוי ווי ער, אויף זייער פּנים שפּילט דערזעלבער אויסדרוק, וואָס אויף זיינעם. זיי קראַצן זיך אויך די נאָז און וווּנדערן זיך אַליין דערויף.

אַ צעקאָכטער בין איך אַוועק פון זיי. איך בין געזעסן אין בו־פעט, געקוויקט זיך מיטן פעלד־ווינטל און געטרונקען ביר. איך האָב געצויגן דעם ביר און געקוקט, ווי דאָס ווינטל קלעפּט צאַרטע אָרנאַ־מענטן פון די עקן פון דעם טישטוך, וואָס ליגט אויף מיין טישל.

אויפן אַעראָדראָם האָבן געלעבט בשכנות צווישן זיך אַסאַך ניסים; דאָ אויפן פעלד האָבן ראָמאַשקעס געבליט. זייער נאָענט, סאַמע נעבן באַריער, האָבן געבליט געוויינלעכע געלע ראָמאַשקעס, נידעריק, אויף דער ליניע פון האָריזאָנט, האָבן זיך געקוילערט קיילעכדיקע, ענ־לעכע אויפן האַרמאַטן־רויך, וואָלקנס; און דאָ האָבן אויך צונטער־רויט געפלאַמט הילצערנע ווייזערס, וואָס האָבן געוויזן פאַרשידענע ריכטונ־גען; דאָ האָט אויך אין דער הויך זיך געהוידעט, איינגעשרומפּן און אויפגעבלאָזן זיך דער זיידענער זאַק — דער ווייזער פון ווינט. און דאָ אויפן גראָז, אויפן גרינעם גראָז פון די פאַרצייטיקע שלאַכטן, הירשן ראָמאַנטיק, האָבן געפּויזעט פלי־מאַשינען. איך האָב פּאַסמאַקע־וועט דידאָזיקע דערשיינונגען. דידאָזיקע אַנטציקנדיקע קעגנזעצלעכ־קייטן און פאַרייניקונגען. דער ריטם פון די איינשרומפּונגען און אויפ־בלאָזונגען פון דעם זיידענעם זאַק האָבן געשטויסן צו טראַכטן.

אַ דורכזיכטיקער, אַ צאַפּלדיקער, ווי די פליגלען פון אַ בגאַ־בעלע, קלינגט וווּנדערלעך פאַר מיר פון די קינדערשע יאָרן לילי־

צנטאַלס נאָמען... אַ פּליענדיקער, ווי ער וואָלט אָנגעצויגן געווען אויף לייכטע באַמבוק-שטעקעלעך, איז דערדאָזיקער נאָמען פאַרבונדן אין מיין זכרון מיטן אָנהויב פון דער אוויִאַציע. דער פליענדיקער מענטש אָטאָ לילִיענטאַל איז דערהרגעט געוואָרן. די פלי מאַשינען האָבן אויפגעהערט צו זיין ענלעך אויף פייגל. די לייכטע געל-דורכזיכטיקע פליגל זיינע פאַרביטן געוואָרן מיט לאַסטן. מען קאָן מיינען, אַז זיי קלאַפּן זיך אָן דער ערד איידער זיי הויבן זיך אויף. בכל-אופן הויבן זיי אויף אַ שטויב ביים אויפהויבן זיך. די פלי-מאַשין איז איצט ענלעך צו אַ שווערן פיש. ווי פלינק די אוויִאַציע האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַזאַ אינדוסטריע.

עס האָט אַ הילך געטאָן אַ מאַרש, עס איז געקומען דער פאָלקאָמיליט פלינק, לאָזנדיק הינטער זיך זיינע מיטגייער. איז דער פאָלקאָמיליט אַדורך די אַלעע. מיט זיין אָנגרייפנדיקן און פלינקן טראָט האָט ער אַ ווינט באַשאַפן. די בלעטער אויף די ביימער האָבן זיך אַ לאָז געטון נאָך אים. דער אָרקעסטער האָט ברוב געשפּילט. דער פאָלקאָמיליט האָט ברוב געשפּאַנט אין ריטם פון אָרקעסטער.

איך האָב זיך אַ לאָז געטאָן צו דעם טירל, וואָס פירט אויפן פעלד, אָבער מען האָט מיך אויפן פעלד נישט אַרויסגעלאָזט. אַ מיליטערמאַן האָט געזאָגט „מען טאָר נישט" און אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויפן אויבערשטן ראַנד פון דעם טירל.

— וואָס הייסט? — האָב איך אַ פרעג געטון.

ער האָט זיך פון מיר אָפּגעקערט, זיינע אויגן האָבן אַ קוק געטאָן אַהין, ווו עס האָבן זיך פונאַנדערגעוויקלט אינטערעסאַנטע געשעענישן, דער פליער-קאָנסטרוקטאָר, אין אַ קורטקע פון ברוינע פעל, איז געשטאַנען אין פראָנט אַנטקעגן דעם פאָלקאָמיליט. דער רימען האָט שטייף פאַרצויגן די ברייטע פלייצע פון פאָלקאָמיליט. ביידע האָבן געהאַלטן די דלאָניעס זייערע נעבן די דאַשיקעס. אַלץ איז פאַרגליווערט געוואָרן, בלויז דער אָרקעסטער האָט זיך געהוידעט. באַביטשעוו איז געשטאַנען מיט אַן אַרויסגעשטעלטן בויך.

— לאָזט מיך אַדורך, חבר! — האָב איך ווידעראַמאָל אַ זאָג געטאָן און אַ ריר געטון דעם מיליטערמאַן פאַר אַן אָרבל, איך האָב דערהערט אַ קורצן ענטפער:

— איך וועל אייך דערווייטערן פון אַעראָדראָם.

— אָבער איך בין דאָך דאָרט געווען! איך בין בלויז אויף אַ מינוט אַוועק פון דאָרטן. איך מיט באַביטשעוון!

מען האָט געדאַרפט באַווייזן אַן איינלאַדונג-בילעט. איך האָב קיין איינלאַדונגס-בילעט נישט געהאַט, באַביטשעוו האָט מיך פשוט גלאַט אַזוי מיטגענומען מיט זיך. פאַרשטייט זיך, לכתחילה וואָלט איך זיך לחלוטן נישט געקימערט דערפון, וואָס איך וועל אויפן פעלד נישט זיין, אויך דאָ הינטערן באַריער איז געווען אַ זעלטענער פונקט, פון וועלכן מען האָט אַלץ גוט געקאָנט זען. אָבער איך בין אויף מיינס בייגעשטאַנען. עפּעס וויכטיקערס, איידער דער פשוטער פאַרלאַנג צו זען אַלץ פון דער נאָענט, האָט מיך געשטויסן צו קריכן אויף דער וואַנט. איך האָב פּלוצלונג קלאָר באַנומען די גאַנצע אָפּגעפרעמדקייט מיינע פון די יענע, וועלכע מען האָט אַהער צונויפגערופן אויף דער גרויסער און וויכטיקער זאַך, די פולשטענדיקע איבעריקייט פון מיין זיין דאָ צווישן זיי, די אָפּגעריסנקייט מיינע פון אַלדאָס גרויסע, וואָס דידאָזיקע מענטשן האָבן געטון — מעג עס זיין דאָ, אויפן פעלד, אָדער ערגעץ אַנדערש ווו, אין אַנדערע ערטער.

— חבר, איך בין דאָך נישט קיין פשוטער בירגער,—האָב איך זיך אַ קאָך געטון (קיין בעסערע פראַזע, וואָס זאָל בכוח זיין צו ברענגען אין אָרדענונג די קאַשע אין מיינע געדאַנקען, וואָס האָט זיך נאָר וואָס ביי מיר געשאַפן, וואָלט איך נישט געקאָנט צוטראַכטן). וואָס בין איך אייך? אַ באַלעבעסל? זייט אַזוי גוט און לאָזט דורך. איך בין פון דאָרטן (מיט דער האַנט האָב איך אַ וויַיז געטון אויף דער גרופּע מענטשן, וואָס האָבן באַגעגנט דעם פאָלקאָמיליט).

— איר זענט נישט פון דאָרטן, — האָט דער מיליטערמאַן אַ שמייכל געטון.

— פרעגט דעם חבר באַביטשעוו!

איך האָב געמאַכט אַ טרויב פון מיינע הויפּנס און אַ געשריי געטון. איך האָב זיך אויף די שפּיץ פינגער אויפגעהויבן.

— אַנדריי פּעטראָוויטש!

דער אָרקעסטער איז גראָד אַנטשוויגן געוואָרן. ווי אַן אונטערערדישער דונער האָט זיך געקוילערט דער לעצטער זעץ אין פּויק.

— חבר באַביטשעוו!

ער האָט דערהערט. דער פאָלקאָמיליט האָט זיך אויך אומגע

דרייט. אַלע האָבן זיך אומגעדרייט. דער פּליער האָט צוגעשטעלט זיין הויפּן צום שלעם, עלעגאַנט געשיצט זיך פון דער זון.

אַ פּחד האָט מיך אָנגעכאַפּט. איך האָב זיך אַרומגעטאַפּטשעט ערגעץ הינטערן באַריער; אַ דיקבייכיקס, אַ מענטשל אין קורצינקע הויזלעך, ווי האָב איך געוואַגט זיי אָפּרייסן פון זייער וויכטיקער אַר־בעט? און ווען עס איז געוואָרן שטיל, ווען זיי, נישט וויסנדיק נאָך, ווער עס רופט זיי, זענען פאַרגליווערט אין אַ דערוואַרטונגס־פּאָזע, — האָב איך נישט געפונען קיין כּוחות אַ רוף צו טאָן נאָכאַמאָל.

אָבער ער האָט געוווּסט, ער האָט געזען, ער האָט געהערט, אַז דאָס רוף איך אים. אַ סעקונדע — און אַלץ האָט זיך געענדיקט. יעדער איינער פון דער גרופּע האָט זיך ווידערגענומען זיין געוויינלעכע פּאָזע. איך בין קאַפּאַבל געווען זיך פונאַנדערצוווייַנען.

דעמאָלט האָב איך זיך ווידער אויפגעהויבן אויף די שפּיץ פינ־גער, און דורך דער זעלבער טרויב פון מיינע הויפּנס, באַטויבנדיק דעם מיליטערמאַן, אַ שיק געטון אין יענער פאַרבאַטענער פאַר מיר זייט אַ הילכיקן געיאָמער:

— קישקע!

און נאָכאַמאָל — קישקע!

און נאָך אַסאַך מאָל:

— קישקע! קישקע! קישקע!

איך האָב געזען בלויז אים, בלויז באַביטשעוון, וואָס האָט אַרויסגעשטעקט מיט זיין טיראָלקע העכער פון אַלע איבעריקע. איך געדענק דעם פאַרלאַנג מיינעם צו פאַרמאַכן די אויגן און אַנידערזעצן זיך הינטערן באַריער. איך געדענק נישט, צי איך האָב אין דעראמתן פאַרמאַכט די אויגן. אָבער אויב איך האָב זיי אַפילו יאָ פאַרמאַכט, האָב איך אין יעדן פאַל באַוויזן נאָך צו דערזען דאָס סאַמע וויכטיקסטע. באַביטשעווס פּנים האָט זיך אומגעדרייט צו מיר. איין צענט־חלק פון אַ סעקונדע איז עס געווען אויסגעדרייט צו מיר. קיין אויגן זענען נישט געווען. עס זענען געווען צוויי טעמפּע, קוועקזילבער־שיינענדי־קע בלעכלעך פון זיינע פענסנע. אַ פּחד פאַר עפּעס אַ שווערער שטראָף, וואָס איך וועל גלייך, דאָ אויפן אָרט באַקומען, האָט מיך אַריינגע־וואָרפן אין אַ צושטאַנד, וואָס איז ענלעך צו אַ חלום. איך האָב גע־זען אַ חלום. אַזוי שטאַרק האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז איך שלאָף. און דאָס סאַמע שווידערלעכסטע אין אָט דעם חלום איז געווען דאָס,

וואָס באַביטשעווס קאָפּ האָט זיך אומגעדרייט צו מיר אויף זיין נישט־אומגעדרייטן גוף, באַביטשעווס קאָפּ האָט זיך אומגעדרייט צו מיר אויף זיין אייגענער אַקס, ווי אויף אַ שרויף. די פּלייצע זיינע איז געבליבן נישט אומגעדרייט.

10

איך בין אוועק פון אַעראָדראָם.

אָבער דער יום־טוב, וואָס האָט דאָרט געטומלט, האָט מיך גע־צויגן צו זיך. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אויפן גרינעם באַרג און גע־בליבן שטיין אַן אָנגעשפּאַרטער אָן אַ בוים. אַ פּאַרבלאָזענער מיט שטויב. ווי אַ הייליקער בין איך געווען אַרומגערינגלט מיט קוסטעס. איך האָב געריסן די זויערלעכע צאַרטע יאַגאָדעס פון די קוסטן, אַרומ־געזויגן זיי און אויסגעשפּיגן. איך בין געשטאַנען מיט אַן אויפגעהוי־בענעם, בלייכן און גוטמוטיקן פּנים און געקוקט אין הימל אַריין.

פון אַעראָדראָם איז אַדורכגעפלויגן די מאַשין. מיט אַ שרעקלעכן גערויש האָט זי זיך אַוועקגעטראָגן איבער מיר, אַ געלע אויף דער זון, אַ קרומע, ווי אַ שילד, פאַרטשעפּנדיק כמעט די בלעטער פון מיין בוים. העכער, העכער האָט זי זיך גענומען, — איך האָב זי נאָכגעקוקט, טאָפּטשענדיק זיך אויף איין אָרט. זי האָט זיך אַוועקגעטראָגן, נישט געוואָרן און אָט האָט זי ווידער אַ פּינקל געטון, און אָט האָט זי זיך ווידער אַ שווארץ געטון. עס האָט זיך געביטן, דער מהלך פון מיר צו דער מאַשין, און זי אַליין האָט זיך געביטן, אָננעמענדיק די פאָרמעס פון פאַרשידענע קעגנשטאַנדן: אָט האָט זי אָנגענומען די פאָרמע פון אַ ביקס־שלאָס און אָט איז עס גאָר אַ טאַשנמעסערל, און אָט איז עס שוין אַ צעטראָטן בעז־בלימל...

דער פייערלעכער אָפּפלי פון דער נייער סאָוויעטישער מאַשין איז אַדורך אָן מיין אָנטייל. די מלחמה איז דערקלערט. איך האָב באַביטשעוון באַליידיקט.

אָט וועלן זיי זיך באַלד אַ לאָז טון פון אַעראָדראָם. די שאָ־פערן האָבן שוין אָנגעהויבן רודערן. אָט איז באַביטשעווס בלויע מאַשין, דער שאָפער אַלפערט זעט מיך, רופט מיך. איך דריי זיך און

צו אים מיט דער פלייצע. מיינע שיך האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט אין די גרינגע לאָקשן פונם גראָז.

איך דאַרף זיך דורכשמועסן מיט אים. ער דאַרף מיך באַנעמען. איך דאַרף אים דערקלערן, אַז דאָס איז ער שולדיק. אַז נישט איך. נאָר דווקא ער איז דערין שולדיק! ער וועט אַרויס פון פעלד נישט אַליין. איך דאַרף זיך מיט אים דורכשמועסן אויג אויף אויג. פון דאָ־נען פאָרט ער אין דער פאַרוואַלטונג. איך וועל אים דעם וועג פאַרלויפן.

אין פאַרוואַלטונג האָט מען מיר געזאָגט: ער איז איצט אויף דער בויונג.

„דאָס פערטעלע"? הייסט עס, צו דעם „פערטעלע"!

דער נישטגוטער האָט מיך געטראָגן; עפּעס איינס אַ וואָרט, וואָס איך האָב אים באַדאַרפט זאָגן, האָט זיך שוין כמעט ווי אַרויס־געריסן פון מיינע ליפּן, און איך האָב זיך געיאָגט נאָך אים, געאײַלט, מורא געהאַט נישט אָניאָגן, פאַרלירן און פאַרגעסן דאָס וואָרט.

די געביידע האָט זיך אַ שטעל געטון פאַר מיינע אויגן אין דער פאָרמע פון אַ געלבלעכן, לופטיקן טיראַזש. אָט איז עס, „דאָס פער־טעלע", הינטער די הייזער איז עס געווען, ווייטלעך,— איינציקע טיילן פון די רושטאָוואַניעס האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איינס; ווי דער לייכטער בינשטאָק האָט עס זיך געהוידעט אין דער ווייט...

איך דערנענטער זיך. געררודער און שטויב. איך ווער טויב און קראַנק אויף קאַטאַראַקטע. איך בין אַוועק מיטן הילצערנעם בריקל. אַ שפּערל איז אַראָפּגעפאַלן פון אַ פּעניאָק, די ברעטער האָבן זיך עטוואָס געהוידעט און געבויגן און מיך פריילעך געמאַכט מיט זכרונות פון די קינדער יאָרן, ווען איך פלעג זיך הוידען אויף הוידעלקעס,— איך בין געגאַנגען און געשמייכלט דערפון, ווי עס פאַלן די פּילענעס, ווי גרייפּעלעך אויף די מענטשלעכע פּלייצעס, ווי עס גרויען מיט די פּילענעס אָט די פּלייצעס...

ווו זוכט מען אים?

אַ לאַסט־אויטאָ שטעלט זיך פּאַפּערעק אין וועג. דער לאַסט־אויטאָ קאָן בשום־אופן נישט אַריינפאָרן. ער פאַרקערט זיך, הויבט זיך אויף און פאַלט, ווי אַ זשוק, ווען ער קריכט פון אַ האָריזאָנטאַלער פלאַך אויף ווערטיקאַלער.

די געגנט זענען דאָ פאַרפּלאָנטערט, ווי איך וואָלט אַרומגעשפּאַ־צירט אין אַן אויער.

— חבר באַביטשעוו?

מען ווייזט אָן אַהין. ערגעץ האַקט מען דנאָען אַרויס.

— וווּהין?

— אַהין.

איך גיי אויף אַ שוועל איבער אַן אָפּגרונט. איך באַלאַנסיר. אונטער מיר אַ שוואַרצער אָפּגרונט.

אומענדלעך איז דער אָפּגרונט, ווי אַן אָפּגרונט — שוואַרץ און טיף. אַלץ צוזאַמען דערמאָנט אָן אַ שיפּבוי־ווערף. אַלעמען שטער איך.

— וווּהין?

— אַהין.

מען קאָן אים נישט כאַפּן.

ער האָט זיך איין מאָל אַ ווייז געטון. זיין גוף האָט זיך אַ ווייז געטון אויף עפּעס איינעם אַ הילצערנעם גאָרטן. נישט געוואָרן. און אָט באַווייזט ער זיך ווידער אינדערהויך; ווייט — צווישן אונז ליגט אַ ריזיקע פּוסטקייט, דאָס אַלץ, וואָס וועט אין קורצן זיין איי־נער פון די הויפן פון דער געביידע.

ער האָט זיך פאַרהאַלטן. נאָך עטלעכע מענטשן זענען מיט אים: היטלער, האַרטערער. אַלצאיינס, איך וועל אים אַ רוף טון און אַרויס־זאָגן אים דאָס איינציקע וואָרט: אַנטשולדיקט.

מען האָט מיר אָנגעוויזן דעם קורצסטן וועג צו יענער זייט.

עס איז געבליבן צווישן אונז בלויז אַ פּאָר טרעפּ. איך הער שוין די שטימען. עס איז געבליבן בייצוקומען בלויז עטלעכע טרעפּ...

אָבער דאָ געשעט אָט וואָס. איך דאַרף זיך אָנבויגן. אַנדערש וועט עס מיך אַראָפּשליידערן. איך בויג זיך אָן, כאַפּ זיך אָן מיט די הענט אינם הילצערנעם טרעפּל. ער פליט אַדורך אַריבער מיר. יאָ, ער איז פאַרבייגעפלויגן אין דער לופטן.

אין ווילדן ראַקורס האָב איך דערזען אַ פליענדיקע אין איר אומבאַוועגלעכקייט פיגור. קיין פּנים האָב איך נישט געזען — בלויז צוויי נאָזלעכער האָבן זיך באַוויזן פאַר מיינע אויגן, ווי איך וואָלט פון אונטן געקוקט אויף אַ מאָנומענט.

וואָס האָט עס פּאַסירט?

איך האָב זיך אַראָפּגעקייקלט פון די טרעפּ.

ער איז נישט געוואָרן. ער איז אַוועקגעפלויגן. אויף דער איי־זערנער וואַפליע איז ער אַוועקגעפלויגן אין אַן אַנדער אָרט. אַ שי־

טערלעכער שאָטן איז אים נאָכגעפלויגן. ער איז געשטאַנען אויף אַן אייזערן בריקעלע, וואָס האָט מיט געדונער און געטראַסק באַצייכנט אַ האַלב-קרייז. מאלע וואָס: אַ טעכנישער איינפאַל, אַ קראַן. אַ בריקל פון רעלסן, וואָס ליגן געקרייצט. אין די קוואַדראַטן, צווישן די רעלסן, האָב איך עס געזען זיינע נאָזלעכער.

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויפן טרעפל.

— ווו איז ער? — האָב איך אַ פרעג געטון.

די אַרבעטער אַרום האָבן געלאַכט, און איך האָב אין אַלע זייטן געשמייכלט ווי אַ קלאָון, וואָס האָט נאָר וואָס פאַרענדיקט מיט זיין אַנטרע מיט אַ טשעקאַוון שפּיצל.

— נישט איך בין עס שולדיק, — האָב איך אַ זאָג געטון. — דאָס איז ער שולדיק.

11

איך האָב באַשלאָסן צו אים זיך נישט אומקערן.

מיין פריערדיקע דירה איז שוין געווען פאַרנומען דורך אַן אַנ- דערן. אויף דער טיר איז געהאָנגען אַ שלעסל. דער נייער איינווויי- נער איז אינדערהיים נישט געווען. איך האָב זיך דערמאָנט: דאָס פנים פון דער אַלמנה פּראָקאָפּאָוויטש איז ענלעך צו אַ הענג-שלאָס. נישט שוין זשע וועט זי ווידער אַריין אין מיין לעבן?

די נאַכט איז פאַרבראַכט געוואָרן אויפן בולוואַר. אַ זעלטנסטער פרימאָרגן האָט זיך אויסגעשפרייט איבער מיר. אויף די נאָענטסטע בענק זענען נאָך געשלאָפן עטלעכע היימלאָזע. זיי זענען געלעגן צו- נויפגעדרייטע מיט פאַרשטיקטע אין די אַרבל און צוגעדריקטע צום בויך הענט. זיי זענען געווען ענלעך צו געבונדענע און געקעפטע כינעזער. אַוואָרע האָט זיי באַרירט מיט אירע קאַלטע פינגער, זיי האָבן געקרעכצט, געזיפצט, געטרייסלט זיך און אויפגעהויבן זיך, גע- זעצט זיך, נישט אויפמאַכנדיק די אויגן און נישט פונאַנדערנעמענדיק די הענט.

די פייגל זענען אויפגעשטאַנען. עס האָבן זיך דערהערט שטילע קלאַנגען: שטילע—צווישן זיך—שטימען פון די פייגל, שטימען פון די

גראָז. אויפן טורעם, הינטערן שטיינערנעם געוועלב, האָבן זיך די טויבן געגומען פּאָרקען.

אַ דערפרוירענער האָב איך זיך אויפגעהויבן. דער געניץ האָט מיר דאָס מויל געריסן און געטרייסלט, ווי אַ הונט.

עס האָבן זיך געעפנט די טויערן. אַ גלאָז איז אָנגעפילט געוואָרן מיט מילך. ריכטער האָבן אַרויסגעטראָגן זייער פסק־דין. אַ מענטש, וואָס האָט אַ גאַנצע נאַכט אָפּגעאַרבעט, איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און פאַרחידושט זיך: ער האָט נישט דערקענט די גאַס — די גאַס איז איצט געווען פרימאָרגנדיק־מאָדנע באַלויכטן. אַ קראַנקער האָט געבעטן טרינקען. אַ יינגעלע איז געקומען צו לויפן אין קיך אַ קוק טון, צי האָט זיך געפּאַקט אַ מויז אין דער פּאַסטקע. דער פרימאָרגן איז אָנגעקומען.

אין דעמדאָזיקן טאָג האָב איך אַנדריי באַביטשעוון אָנגעשריבן אַ בריוו.

איך האָב געגעסן אין אַרבעט־פּאַלאַץ, אויף סאָליאַנקע, זראַזעס, „נעלסאָן", געטרונקען ביר און געשריבן:

„אַנדריי פּעטראָוויטש!

איר האָט מיך דערוואַרעמט. איר האָט מיך געלאָזן צו זיך. איך בין געשלאָפן אויף אייער וווּנדערלעכן דיוואַן. איר ווייסט, ווי פּאַסקודנע איך האָב ביז דעמאָלט געלעבט. עס איז געקומען די גליקלעכע נאַכט. איר האָט אויף מיר רחמנות געקריגן. איר האָט מיך אויפגעהויבן אַ שיכורן.

איר האָט מיך איינגעוויקלט אין ליינענע ליילעכער. די גלאַטקייט און די קילקייט פון דעם ליין איז, ווייזט אויס, אויסגערעכנט געווען אויף צו אָפּקילן מיין היציקייט, איינשטילן מיין אומרו.

אין מיין לעבן האָבן זיך אַפילו באַוויזן ביינערנע קנעפּ אויף דעם ציכל פון מיין קאָלדרע, און אין זיי — דו געפינן נאָר דעם נויטיקן פּונקט — איז אַרומגעשוווּמען דער רעגנבויגנדיקער רינג פונם ספּעקטאָר. איך האָב זיי גלייך אָנערקענט. זיי האָבן זיך אומגעקערט פון לאַנג־לאַנג פאַרגעסענעם, פון סאַמע ווייטסטן, פון קינדערשן ווינקל פון מיין זכרון.

איך האָב באַקומען אַ געלעגער.

דאָס וואָרט אַליין איז געווען פאַר מיר אַזאַ פּאָעטיש־וויטס ווי דאָס וואָרט „סערסאָ".

איר האָט מיר געגעבן אַ געלעגער.

פון די הויכן פון אייער ווילשטאַנד האָט איר אַראָפּגעלאָזט אויף מיר דעם וואָלקן פון אַ געלעגער, אַן אָרעאָל, וואָס האָט מיך באַרירט מיט זיין פּישופדיקער היץ, וואָס האָט מיך איינגעהילט אין דערינע-רונגען, מיט ביטערע זשאַלעוועניש און האָפענונגען. איך האָב אָנגעהויבן האָפן דערויף, אַז איך וועל נאָך קאָנען אַסאַך צוריקקערן פון דעם, וואָס איז באַשטימט געווען פאַר מיין יוגנט.

איר האָט מיך באַגליקט, אַנדריי פּעטראָוויטש!

אַ טראַכט טון נאָר: מיך האָט דערנעענטערט צו זיך אַ באַרימט געוואָרענער מענטש! אַן אויסגעצייכנטער טוער האָט מיך גענומען צו זיך אין שטוב אַריין. איך וויל אייך אויסדריקן מיינע געפילן.

אייגנטלעך, אַ געפיל איז פאַראַן ביי מיר צו אייך נאָר איינער: שנאָה.

איך פאַרהאַס אייך, חבר באַביטשעוו.

דערדאָזיקער בריוו ווערט צו אייך געשריבן אויף אַראָפּצוּשלאָגן ביי אייך אַביסל די פאַריסענע נאָז אייערע.

פון די ערשטע טעג פון מיין עקזיסטענץ נעבן אייך האָב איך אָנגעהויבן שפּירן אַ פּחד. איר האָט מיך געשטיקט. איר האָט זיך געזעצט רייטנדיק אויף מיר.

איר שטייט אין די גאַטיעס. עס הערט זיך דער ביר-גערוך פון אייער שוויים. איך קוק אויף אייך, און אייער פּנים הויבט אָן מאָדנע זיך פאַרגרעסערן. עס פאַרגרעסערט זיך ביי אייך דער טאָרס, — עס בלאָזט זיך אָן, עס קייַלעכיקט זיך אויס דער ליים פון עפּעס אַ פיגור, פון אַ געטש. מיר ווילט זיך שרייען.

ווער האָט אים געגעבן די רעכט צו שטיקן מיך?

מיט וואָס בין איך ערגער פאַר אים?

ער איז קלוגער?

זיין נשמה איז רייכער?

ער איז פיינער אָרגאַניזירט?

שטאַרקער? באַדייטנדיקער?

העכער נישט נאָר לויט דער לאַגע, נאָר אויך אין תוך?

פאַרוואָס דאַרף איך אָנערקענען זיין פאָרשוס?

אַזעלכע פראַגן האָב איך זיך געשטעלט. יעדן טאָג צוקוקן זיך אייך האָט מיר געגעבן אַ טייל ענטפער. עס איז אַדורך אַ חודש.

דעם ענטפער האָב איך שוין. אין איך האָב שוין קיין מורא נישט פאַר אייך. איר זייט פשוט אַ טעמפּער באַאַמטער. און מער גאָרנישט. נישט מיטן באַטייט פון אייער פּערזענלעכקייט האָט איר מיך גע- דריקט. אָ, ניין! איצט פאַרשטיי איך אייך שוין אויסגעצייכנט. איצט באַקוק איך אייך גוט. איך האַלט אייך אויף מיין דלאָניע און באַקוק. מיין פחד פאַר אייך איז פאַרביי, ווי אַ יינגלשע נאַרישקייט. איך האָב אייך אַראָפּגעשליידערט פון זיך. איר זענט אַ געפּעלשטער.

איין צייט האָבן מיך ספקות געפּייניקט. „אפשר בין איך אַ נישטיקייט אַנטקעגן אים?—האָב איך אַ טראַכט געטון.— אפשר איז ער פאַר מיר, פאַרן ערנגייציקן, אינדעראמתן אַ מוסטער פון אַ גרויסן מענטשן?“.

אָבער, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, זענט איר פשוט אַ באַ- אַמטער, אַן עם-הארצישער און טעמפּער באַאַמטער, ווי אַלע באַאַמטע, וואָס זענען געווען ביז אייך און וועלן זיין נאָך אייך. און ווי אַלע הויכגעשטעלטע קנעפּלעך, זענט איר אויך מיט אַ שגעון. בלויז דער שגעון אייערער באַרעכטיקט דעם הוראַגאַן, וואָס איר האָט אויפגעהויבן אַרום אַ פּיצל מיטלמעסיקער וווּרשט, אָדער דאָס, וואָס איר האָט גע- בראַכט צו זיך אויף דער דירה אַן אומבאַקאַנטן יונגנמאַן. און, מעג- לעך, אַז דערזועלבער שגעון האָט אייך געטריבן צו דערנענטערן צו זיך וואָלאָדיע מאַקאַראָוון, ווען וועלכן איך ווייס בלויז איינס, אַז ער איז אַ פוטבאָליסט. איר זענט אַ פּריץ. איר דאַרפט האָבן נעבן זיך פּאַיאַצן און מיטפּרעסער. איך צווייפל נישט דערין, אַז יענער וואָלאָ- דיע מאַקאַראָוו איז אַנטלאָפן פון אייך, מחמת ער האָט שוין מער נישט געקאָנט אַריבערטראָגן אייער איזדיעקעווען זיך איבער אים. ווי מיך, האָט איר אויך אים, ווייזט אויס, סיסטעמאַטיש באַאַרבעט אויף צו פאַרוואַנדלען אים אין אַ נאַר.

איר האָט געמאָלדן, אַז ער לעבט ביי אייך ווי אַ זון, אַז ער האָט אייך געראַטעוועט דאָס לעבן. איר האָט זיך אפילו צעטרוימט, ווען איר האָט זיך אין אים דערמאָנט. איך געדענק עס. נאָר דאָס אַלץ איז ליגן. אייך פּאַסט נישט צו אָנערקענען די פּריצישע בייגוונגען אייערע. אָבער איך האָב געזען דאָס בראָדאַווקעלע ביי אייך אויף דער פּלייצע.

לכתחילה, ווען איר האָט געזאָגט, אַז דער דיוואַן געהערט יע- נעם, און אַז ווי יענער וועט זיך נאָר צוריקקערן, וועט מיר אויסקומען

אָפּצוטראָגן זיך צו דעם טייוולס מאַמען, — האָב איך זיך באַליידיקט. אָבער אין אַ מינוט אַרום האָב איך באַנומען, אַז צו אים, ווי צו מיר, זענט איר קאַלט און גלייכגילטיק. איר זענט דער פּריץ, מיר — אייערע קעסט-קינדער.

אָבער, איך דערוועג זיך אייך פאַרזיכערן, אַז נישט ער, נישט איך — מיר וועלן זיך צו אייך נישט צוריקקערן. איר אַכטעט נישט קיין מענטשן. ער וועט זיך אומקערן צו אייך נאָר אין דעם פאַל, אויב ער איז נאַרישער פאַר מיר.

דאָס מזל מיינס איז אַזאַ, אַז נישט קיין קאַטאָרגע, נישט קיין רעוואָלוציאָנערן-סטאַזש האָב איך הינטער זיך נישט. מיר וועט מען נישט פאַרטרויען אַזאַ מין פאַראַנטוואָרטלעכע זאַך, ווי מאַכן סאָדע-וואַסער אָדער באַקן קיכעלעך.

אָבער צי דרינגט דערפון אַרויס, אַז איך בין אַ שלעכטער זון פון מיין דור, און איר — אַ גוטער? דרינגט דען אַרויס דערפון, אַז איך בין אַ גאָרנישט און איר זענט עפּעס גרויסעס און וויכטיקס?

איר האָט מיך געפונען אויף דער גאַס...

ווי טעמפּ איר האָט זיך געהאַלטן מיט מיר!

אויפן גאַס וואַלגערט ער זיך, — האָט איר באַשלאָסן, — נו, מילא, אַ גאָרנישט אַ מענטשל. זאָל ער זיך אַרבעטן. אַ קאָרעקטאָר איז אַ קאָרעקטאָר, אַן אויספאַריכטער, אַ דורכקוקער, מילא, איר זענט נישט אַראָפּגעגנידערט צום יונגן מענטשן פון דער גאַס. אָט-אָ דאָ האָט זיך אַנטפּלעקט אייער פאַרליבטקייט אין זיך אַליין. איר זענט אַ הויכגע-שטעלטער טשינאָווניק, חבר באַביטשעוו.

ווי האָט איר געקוקט אויף מיר? ווי אויף אַן אומקומענדיקן לומפּנפּראָלעטאַריער? איר האָט באַשלאָסן מיך אונטערשטיצן? אַ דאַנק אייך. איך בין שטאַרק — איר הערט עס? — איך בין גענוג שטאַרק אויף אומקומען און אויפקומען און ווידער אומקומען.

מיר איז אינטערעסאַנט צו וויסן, ווי וועט איר האַנדלען, ווען איר וועט איבערלייענען מיין בריוו. קאָן זיין, אַז איר וועט זיך אַ סטאַרע טון, מען זאָל מיך אַרויסשיקן. אפשר וועט איר מיך אַריינזעצן אין אַ משוגעים-הויז? איר קאָנט דאָך אַלץ, איר זענט דאָך אַ גרויסער מענטש, אַ מיטגליד פון דער רעגירונג. איר האָט דאָך געזאָגט וועגן אייער ברודער, אַז מען דאַרף אים צעשיסן. איר האָט דאָך געזאָגט: וועלן מיר אים אַריינזעצן אין קאַנאַטשיקאָווס משוגעים-הויז.

אייער ברודער מאַכט אַן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק, ער איז פאַר מיר אַ רעטעניש, ער איז אומפאַרשטענדלעך פאַר מיר. דאָ איז עפּעס אַ סוד, וועגן וועלכן איך האָב קיין שום אַנונג נישט. דער נאָמען „אָפעליע" באַאומרויִקט מיך מאָדנע. און, מיר דאַכט זיך, אַז איר האָט מורא פאַר אָט דעם נאָמען.

פונדעסטוועגן הויב איך אָן צו ביסלעכווייז זיך אָנשטויסן. עפּעס-וואָס זע איך פאָר. איך וועל דערצו נישט דערלאָזן. יאָ, איך בין כמעט זיכער, אַז דאָס איז אַזוי. אָבער איך וועל עס אייך נישט דערלויבן. איר ווילט נעמען אייער ברודערס טאָכטער. בלויז איינאוניינציק מאָל האָב איך זי געזען. יאָ, דאָס האָב איך איר געזאָגט, וועגן דער צווייג, וואָס איז פול מיט בלעטער און בלומען. איר האָט נישט קיין מינדעסט פיצל פאָרשטעלונג-קראַפט. איר האָט מיך אויסגעלאַכט. איך האָב געהערט אייער טעלעפאָן-געשפּרעך. איר האָט אויך מיך אַזוי פאַרשוואַרצט אין די אויגן פון מיידל, ווי איר האָט פאַרשוואַרצט דעם פאָטער אירן. אייך לוינט נישט צו דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז דאָס מיידל, וואָס איר ווילט מאַכן פאַר אַ שטוב-נאַרעלע נעבן זיך, ווי איר האָט זיך עס געפּרוווט פון אונז מאַכן, — אַז אָט דאָס מיידל זאָל האָבן אַ צאַרטע און אומרויִקע נשמה. איר ווילט זי אויסנוצן, ווי איר נוצט אויס (איך באַנוץ אומישנע אָט דאָס וואָרט אייערס) „די קעפּ און בעקישע פיסלעך מיט דער הילף פון קלוג-צוגעטראַכטע עלעקטרישע ספּיראַלע עקבויערס" (פון אייער בראָשור).

אָבער ניין, איך וועל עס אייך נישט דערלויבן. עס ווילט זיך אייך: ס'איז אַ פעטער ביסן! איר זענט דאָך אַ פּרעסער און האָט ליב אייער טרעלבוך. איר וועט זיך דען פאַר עפּעס וואָס אָפּשטעלן, ווען דאָס פאַרלאַנגט נאָר אייער פיזיאָלאָגיע? וואָס וועט אייך שטערן אומגליקלעך צו מאַכן דאָס מיידל? דאָס, וואָס זי איז אייערע אַ פּלימעניצע? אָבער איר לאַכט זיך דאָך אויס פון משפּחה און בלוט. אייך ווילט זיך שטאַרק נעמען זי אין די הענט אַריין.

אָט פאַרוואָס איר פאַלט אָן מיט אַזאַ מטורפן כעס אויף אייער ברודער. און יעדער איינער וועט זאָגן, ווי נאָר ער וועט אַ קוק טון אויף אים: דאָס איז אַ זעלטענער מענטש. נישט קאָנענדיק אים נאָך, טראַכט איך שוין וועגן אים: ער איז אַ זשעני, אין וואָס — ווייס איך נישט... איר פאַרפאַלגט אים. איך האָב געהערט, ווי איר האָט גע-

קלאַפּט מיטן פויסט אין דער באַלוסטראַדע פון באַלקאָן. איר האָט נעצוווּנגען אַ טאָכטער אַוועקצוּוואַרפן איר פאָטער.

אָבער מיך וועט איר נישט פאַרפלאָגן.

איך נעם זיך פאַרטיידיקן אייער ברודער און זיין טאָכטער. הערט זיך איין, איר, טעמפּער קלאָץ, איר, וואָס האָט געלאַכט פון דער צווייג, וואָס איז פול מיט בלעטער און בלומען, הערט זיך איין, — יאָ, נאָר אַזוי, נאָר מיט אָט דעם אויסגעשריי האָב איך געקאָנט אויסדריקן די גאַנצע אַנטציקונג מיינע, וואָס האָט מיך אָנגעכאַפּט, ווען איך האָב זי דערזען. אָבער וואָס פאַר אַ ווערטער גרייט איר פאַר איר? איר האָט מיך אָנגערופן אַלקאָהאָליק בלויז דערפאַר, ווייל איך האָב זיך געווענדט צום מיידל אויף אַן אוּמפאַרשטענדלעכער פאַר אייך בילדערישער שפּראַך? דאָס אוּמפאַרשטענדלעכע איז — אָדער לעכערלעך, אָדער שוידערלעך. איצט לאַכט איר, אָבער אין קורצן וועל איך אייך צווינגען צו שוידערן. איר מיינט נאָר נישט, איך קאָן דענקען נישט נאָר בילדעריש, — איך קאָן אויך דענקען פולשטענדיק רעאַל. נו, איז וואָס-זשע! וועגן איר, וועגן וואַליען, קאָן איך אויך זאָגן מיט געוויינלעכע ווערטער, — נאָר אָט, פאַרזוכט, איך וועל באַלד ברענגען אַ גאַנצע ריי אוּמפאַרשטענדלעכע פאַר אייך דעפיניציעס, פאָרמולירונגען, אוּמישנע, אויף צעהיצן אייך, אויף צערייצן אייך דער־מיט, וואָס וועט נישט אייך אָנקומען, הויכגעשעצטער קישקע-שטאָפּער.

יאָ, זי איז געשטאַנען אַנטקעגן מיר — יאָ, פריער וועל איך עס זאָגן אויף מיין שפּראַך: זי איז געווען גרינגער פון אַ שאָטן, עס האָט זי געקאָנט מקנא זיין דער סאַמע גרינגסטער פון די שאָטנס — דער שאָטן פונם פאַלנדיקן שניי; יאָ, פריער מיט מיין שפּראַך. נישט מיטן אויער האָט זי מיך געהערט, נאָר מיטן שלייף, לייכט אָנבויגנדיק דעם קאָפּ; יאָ, צו אַ נוס איז ענלעך איר פּנים, לויטן קאָליר — מיט דער פאַרברוינטקייט, און לויט דער פאָרמע — מיט די סקולעס, פאַר־קיילעכיקטע און פאַרשמעלערטע צו דעם קין. דאָס איז פאַר אייך פאַרשטענדלעך? ניין? איז אָט נאָך. אין געלויף האָט זיך דאָס קליידל ביי איר אַ באַוועג געטאָן, אַן עפּן געטאָן זיך, און איך האָב דערזען: נישט דאָס גאַנצע לייב אירס איז נאָך באַדעקט מיט ברוינקייט, אויף דער ברוסט האָב איך ביי איר דערזען אַ בלויען פרילינג-האָרנדל...

און איצט — אויף אייער שפּראַך. אָט איז די באַשרייבונג פון דער, מיט וועלכער איר ווילט זיך באַלעקן. אַנטקעגן מיר איז גע־

שטאַנען אַ מיידל פון אַ יאָר זעכצן, כמעט אַ קינד נאָך, אַ ברייטע אין די פּלייצעס, אַ גרוי-אויגיקע, מיט אונטערגעשוירענע און צעשוי- בערטע האָר — אַ באַצויבערנדיקער יינגלינג, אַ שלאַנקע, ווי אַ שאַך- פיגורל (דאָס איז שוין אויף מיין שפּראַך), נישט קיין הויכע.

איר ווערט זי נישט האָבן.

זי וועט זיין מיין ווייב. וועגן איר, האָב איך מיין גאַנץ לעבן געטרוימט.

מיר וועלן זיך אַ פּרווו טאָן מיט אייך? מיר וועלן זיך אַ באַ- רע טאָן! איר זענט עלטער פאַר מיר מיט דרייצן יאָר. דידאָזיקע דרייצן יאָר ליגן הינטער אייך און פאָרויס מיר. נאָר איינע אַ צווויי- טע דערגרייכונג אין די ווורשט-ענינים, נאָר איינע אַ צווייטע בילוקע קיך — אַט זענען די גרענעצן פאַר אייער טעטיקייט.

אָ, פאַר זיך זע איך עפּעס אַנדערש!

נישט איר — איך וועל באַקומען וואַליען. מיר וועלן אַ דונער טאָן אין איירצפּע, דאָרט, ווו רום ווערט געשאַצט.

איך וועל באַקומען וואַליען — ווי אַ פּריז, פאַר אַלץ: פאַר די דערנידערונגען, פאַר דער יוגנט מיינער, וועלכע איך האָב נישט באַ- וויזן אָנצוקוקן, פאַרן הינטישן לעבן מיינעם.

איך האָב אייך דערציילט וועגן דער סטראַפּטשעכע. איר גע- דענקט: וועגן דעם, ווי זי וואַשט זיך אין קאָרידאָר. איז אַט איצט וועל איך דערזען עפּעס אַנדערש: דער צימער וועט ערגעצוו, ווען דאָס נישט איז, זיין העל מיט זון באַגאָסן, אַ בלויע שיסל וועט שטיין נעבן פענסטער, אין שיסל וועט טאַנצן דאָס פענסטער, און וואַליע וועט זיך וואַשן איבערן שיסל, גלאַנצנדיק ווי אַ פיש, זי וועט זיך פּליעסקען, זי וועט שפּילן אויף דער קלאַוויאַטור פונם וואַסער...

אויף צו פאַרווירקלעכן אַט דעם טרוים, וועל איך אויף אַלץ גיין! איר וועט זיך מיט וואַליען נישט באַנוצן.

צום ווידערזען, חבר באַביטשעוו!

ווי האָב איך עס געקאָנט אַ גאַנצן חודש שפּילן אַזאַ דערני- דערנדיקע ראָלע? איך וועל זיך צו אייך מער נישט צוריקקערן. וואָרט: אפשר וועט זיך צו אייך צוריקקערן דער ערשטער נאָר אייערער, גיט אים אָפּ אַ גרוס פון מיר. סאַראַ גליק דאָס איז, וואָס איך וועל זיך מער צו אייך שוין נישט צוריקקערן!

איך ווייס, אַז יעדעס מאָל, ווען מיין אייגנליבע וועט פון עפּעס

וואָס געטרענקט זיין, וועט זי מיר גלייך, לויט דער אַסאָציאַציע פון אידעען, דערמאָנען אַ וועלכן ס'ניט איז פון די אָוונטן, וואָס איך האָב פאַרבראַכט ביי אייך אין צימער בשכנות מיט אייער שרייבטיש. סאָראַ שווערע זעאונגען!

אָוונט. איר זיצט ביי אייער טיש. די זעלבסטפאַרליבטקייט אייערע שטראַלט אַרויס פון אייך. „איך אַרבעט, — קנאַקן אָט די שטראַלן, — דו הערסט, קאַוואַליראַוו, איך אַרבעט, שטער נישט... טססס... באַלעבעסל".

און אינדערפרי טראָגט זיך אַרום פון פאַרשידענע מיילער:

— אַ גרויסער מענטש! אַ וווּנדערבאַרער מענטש! אַ פולקאָמע פערזענלעכקייט איז אָט דער אַנדריי פעטראָוויטש באַביטשעוו!

אָבער אָט אין דערזעלבער צייט, ווען די אונטערלעקער האָבן אייך הימנען געזונגען, אין דער זעלבער צייט, ווען די זעלבסטצופרידנקייט האָט אייך אין דער לענג און אין דער ברייט צעשפּאַרט,— האָט געלעבט בשכנות מיט אייך אַ מענטש, מיט וועלכן קיינער האָט זיך נישט גערעכנט, און ביי וועלכן קיינער האָט נישט געפרעגט קיין מיינונג; האָט געלעבט אַ מענטש, וואָס האָט נאָכגעשפּירט יעדע באַוועגונג אייערע, וואָס האָט אייך דערלערנט, וואָס האָט זיך צוגעקוקט צו אייך, נישט פון אונטן אַרויף, נישט קנעכטיש-אונטערטעניק, נאָר מענטשלעך, רויק, און אָט ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז איר זענט נישט מער, ווי אַ הויכגעשטעלט קנעפּל — און גאָר, אַ געוויינלעכע פערזענלעכקייט, וואָס איז דערהויבן געוואָרן צו אַזאַ מין, מקנא־צו־זיין, הויך, אַ דאַנק אויסשליסלעך אויסערלעכע באַדינגונגען.

אָט איז אַלץ, וואָס איך האָב אייך געוואָלט אַרויסזאָגן.

איר האָט געוואָלט מאַכן פון מיר אַ פּאַיאַץ, — און איך בין געוואָרן אייער שונא. „קעגן וועמען טרעטסטו אַרויס, אויסוורף?" — האָט איר אַ געשריי געטאָן צו אייער ברודער. איך ווייס נישט, ווע־מען איר האָט דאָ געמיינט: זיך, אייער פּאַרטיי, אייערע פאַבריקן, אייערע מאַגאַזינעס, אָדער אייערע אַנדערע אונטערנעמונגען — איך ווייס נישט. אָבער איך טרעט אַרויס קעגן אייך: קעגן דעם סאַמע פּשוטסטן פּריץ, קעגן עגאָיִסט, קעגן פּרעסער, קעגן דער טעמפּקייט אייערער, וואָס מיינט, אַז אַלץ וועט איר אָפּגיין גלאַט. איך טרעט אַרויס קעגן אייך. פאַר אייער ברודער. פאַרן מיידל, וואָס איז דורך אייך אָפּגענאַרט געוואָרן, פאַר צאַרטקייט, פאַר פּאַטאָס, פאַר דער פּער־זענלעכקייט, פאַר נעמען, וואָס רעגן אַזוי, ווי עס רעגט דער נאָמען

„אָפּעליע”, פאַר אַלץ, וואָס איר דריקט און שטיקט, איר, אויסגעצייכנ-טער מענטש. גרוסט סאָלאָמאָן שאַפּיראָ...”

12

אריינגעלאָזן אין שטוב האָט מיך די צוקלייבערין. באַביטשעוו איז שוין נישטאָ. דאָס טראַדיציאָנעלע גלאָז מילך איז שוין אויסגע-טרונקען. אויפן טיש שטייט דאָס מוטנע גלאָז. דערנעבן שטייט אַ טע-לער מיט ביסקוויט. דער ביסקוויט איז ענלעך צו יידישע אותיות.

דאָס מענטשלעכע לעבן איז נישטיק. גרויזאַם איז דער געלויף פון די וועלטן. ווען איך האָב זיך דאָ באַזעצט, איז צוויי אַזייגער בייטאָג געזעסן דאָס זונען-שפּיזל אויפן ביישטידל פון דער טיר. עס זענען אַוועק זעקס און דרייסיק טעג. דאָס זונען-שפּיזל איז שוין אַרי-בערגעשפּרונגען אין צווייטן צימער. די ערד האָט דורכגעמאַכט דאָס געהעריקע שטיקל וועג. דאָס זון-שפּיזל, אַ קינדער-שפּילעכל, דערמאָנט אונז וועגן דער אייביקייט.

איך בין אַרויס אויפן באַלקאָן.

אויפן ראָג האָט אַ הייפל מענטשן זיך צוגעהערט צום קלויס-טערישן גלאָקן-געקלינג. דאָסדאָזיקע קלויסטערל איז געווען באַרימט מיט זיין גלאָקן-קלינגער. ליידיקגייער האָבן פאַריסן די קעפּ. זיי האָבן געזוכט די אַרבעט פון דעם באַרימטן קלינגער.

איינמאָל בין איך אויך אַ גוטע שעה אָפּגעשטאַנען אויפן ראָג. אין די דורכלויכטן פונם גלאָקן-נעסט האָט זיך אנטפּלעקט דער איינ-געווייד פונם גלאָקן-טורעם. דאָרט, אין דער סאַזשע-פינסטערניש, אַ פינסטערניש, וועלכע מען טרעפט אָפּט אויף בוידעמס, צווישן די בוי-דעמדיקע, פאַרהילטע אין שפּינוועבס באַלקנס, האָט זיך דער קלינגער אין אַ משוגעת-קדחת געוואָרפן. צוואַנציק גלעקער האָבן אים אויף פיצלעך געריסן. ווי אַ פערד-שמייסער, האָט ער זיך אויף הינטן גע-וואָרפן, דעם קאָפּ אָנגעבויגן, אפשר אַפילו, צוגעהוקעט. ער האָט זיך געוואָרפן אינם מיטלפּונקט, אין צענטר פון דעם פינסטערן שפּינוועבס פון שטריק, אַט איז ער פאַרגליווערט געוואָרן, בלייבנדיק הענגען אויף זיינע אויסגעשפּרייטע הענט, אַט האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אין אַ ווינקל, איבערהאַקנדיק אין דער קווער דעם גאַנצן שפּינוועבס

פון די שטריק — אַ געהיימניספולער מוזיקער, אַ שוואַרצער פלעק, אפשר אַ העטלעכער, ווי קוואזימאָדאָ.

(איבעריקנס, אַזוי שוידערלעך האָט ער נאָר אויסגעזען פון דער ווייטנס. ווען מען וויל, קאָן מען וועגן אים זאָגן אויך אַזוי: דאָס פויערל רודערט מיטן געפעס, מיט די טעלערלעך. און דעם קלונג פון דעם באַרימטן קלויסטערל קאָן מען אָנרופן אַ געמיש פון אַ רעס-טאָראַן מיט אַ וואָקזאַל-קלונג).

איך בין געשטאַנען אויפן באַלקאָן און צוגעהערט זיך צום געקלונג.

— טאָם-וויר-ליר-לי! טאָם-וויר-לי! טאָם-וויר-ליר-לי!

טאָם ווירלירלי. עפעס איינער אַ טאָם ווירלירלי האָט אַרומגע-טאַנצט אין דער לופטן.

טאָם ווירלירלי
טאָם מיטן פעקל
טאָם ווירלירלי,
דער יונג מיטן שטעקל!

דער מטורפער קלינגער האָט געשאַפן מוזיק צו אַסאַך פון מיי-נע פרימאָרגנס. טאָם דאָס איז דער קלונג פון גרויסן גלאָק, פון גרויסן קעסל ווירלירלי — קליינגען די קליינע טעלערלעך.

טאָם ווירלירלי איז אַריינגעדרונגען אין מיר אין איינעם פון די זעלטענע פרימאָרגנס, וואָס איך האָב באַגעגנט אונטער אָט דעם דאַך. די מוזיקאַלישע פראַזע האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ ווערטער-פראַזע. איך האָב געזען אַ לעבעדיקן פאַר מיינע אויגן דעמדאָזיקן טאָמען.

אַ יינגלינג, וואָס קוקט זיך אום אויף דער שטאָט. דער אומ-באַקאַנטער פאַר אַלעמען יינגלינג איז שוין געקומען, איז שוין באַענט, ער זעט שוין די שטאָט. די שטאָט שלאָפט און ווייס נאָך פון גאָר-נישט נישט. דער פרימאָרגנדיקער נעפל האָלט ערשט אין צערונען ווערן. די שטאָט ליגט אין טאָל, ווי אַ גרינער פינקלדיקער וואָלקן. טאָם ווירלירלי שמייכלט און לייגט צו זיין האַנט צום הארצן. ער קוקט אויף דער שטאָט און פאַרגלייכט זי מיט די קינדערשע בילד-לעך, וואָס זענען בײַ אים געבליבן אין זכרון וועגן איר.

דער יינגליגג האָט אויף זיין פלייצע אַ פעקל.

ער וועט דאָ אַלץ אָפטאָן.

ער — דאָס איז די יוגנטלעכע גרינגשעצונג אַליין, דאָס איז דאָס סאַמע באַהאַלטנסטע פון די שטאָלצע טרוימערייען.

עס וועלן אַדורכגיין טעג — און גיך (נישט קיין סך מאָל וועט דאָס זון־שפּיזל אַריבערשפּרינגען פון ביישטידל אין צווייטן צימער אַריין) וועלן יינגלעך, וואָס האָבן אַליין געטרוימט צו קומען אַזוי אין אַ מאַי־פרימאָרגן, מיט אַ פּעקל אויף די פּלייצעס, אין דער שטאָט אַריין זיך אַדורכשפּאַצירן איבער אירע פּאָרשטעט פון רום, זינגען דאָס לידעלע וועגן מענטשן, וועלכער האָט אָפּגעטאָן דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט אָפּטאָן:

טאָם ווירלירלי,
טאָם מיטן פּעקל,
טאָם ווירלירלי,
דער יונג מיטן שטעקל!

אָט אַזוי האָט זיך פאַרוואַנדלט אין מיר דער געקלונג פון אַ געוויינלעכן מאָסקווער קלויסטערל אין אַ טרוים מיט אַן אויסגעשפּראָכענעם מערב-אייראָפּעאישן כאַראַקטער.

איך וועל איבערלאָזן דעם בריוו אויפן טיש, צונויפנעמען מיינע בעבעכעס (אין אַ פּעקל) און אַוועק. איך האָב צונויפגעלייגט דעם בריוו אין אַ קוואַדראַטל, אַנידערגעלייגט אים אויף דעם גלעזערנעם טאָוול, בשכנות מיטן פּאָרטרעט פון יענעם, וועמען איך האָב געהאַלטן פאַר מיין שלימזלדיקן חבר.

מען האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. ער?

איך האָב געעפנט.

אין דער טיר, מיט אַ פּעקל אין די הענט, אַ פריילעך־שמייכלענדיקער (אַ יאַפּאַנישער שמייכל), ווי ער וואָלט שוין דורך דער טיר דערזען זיין טייערן, אין חלומות אויסגעטרוימטן פריינט, אַ שעמעוודיקער, מיט עפּעס וואָס ענלעך אויף וואַליען, איז געשטאַנען טאָם ווירלירלי.

דאָס איז געווען דער שוואַרצהנעוודיקער יינגלינג, וואָלאָדיע מאַקאַראָוו. ער האָט אַ פאַרחדושטער אַ קוק געטאָן אויף מיר, דערנאָך האָט ער אַ פיר געטאָן מיט די אויגן איבערן צימער. עטלעכע מאָל האָט דער בליק זיינער זיך אומגעקערט צום דיוואַן, צום אונטערן דיוואַן, פון וואַנען עס האָבן זיך געזען מיינע האַלבע שיכלעך.

— אַ גוט מאָרגן.— האָב איך אים באַגריסט.

ער איז אַוועק צום דיוואַן, געזעצט זיך, געזעסן דאָרט אַ ווײַלע, דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבן, אַוועק אין שלאָפצימער, אָפּגעווען דאָרט אַ ווײַלע, צוריקגעקערט זיך און, אָפּשטעלנדיק זיך נעבן דער פלאַמינגאָ-וואַזע, האָט ער אַ פרעג געטאָן בײַ מיר:

— ווו איז אַנדריי פּעטראָוויטש? אין דער פאַרוואַלטונג?

— איך ווייס נישט גענוי. אַנדריי פּעטראָוויטש וועט זיך צו-ריקקערן אינאָוונט. מעגלעך, אַז ער וועט ברענגען מיט זיך אַ נײַעם נאַר. איר זענט דער ערשטער, איך בין דער צווייטער, יענער וועט זײַן דער דריטער. אָדער ביז אײַך זענען שוין געווען בײַ אים נאַ-ראָנים? און אפשר וועט ער ברענגען מיט זיך אַ מיידעלע.

— וועמען — האָט טאָם ווירלירלי אַ פרעג געטאָן. — ווי? — האָט ער אַ פרעג געטאָן און געקרימט זיך אין אומפאַרשטענדלעכקייט. זײַנע שלייפן האָבן אַ צוק געטאָן.

ער האָט זיך ווידער צוגעזעצט אויפן דיוואַן. מײַנע האַלבע-שיכלעך אונטערן דיוואַן האָבן אים צו רו נישט געלאָזט. עס האָט זיך געזען: ער איז גרייט אַ זעץ טון אין זיי מיטן אָפּצאַס פו-זײַן שטיוול.

— צו וואָס האָט איר זיך צוריקגעקערט? — האָב איך בײַ אים געפרעגט. — צו וועלכן שוואַרצן יאָר זענט איר צוריקגעקומען? אונזערע ראָלעס זענען שוין פאַרענדיקט. איצט איז ער מיט עפּעס אַנדערש פאַרנומען. איצט איז ער פאַרנומען מיט קאַליע מאַכן דאָס מיידעלע. די פלימעניצע זײַנע, וואַליע. האָט איר באַנומען? גייט אַוועק פון דאַנען. הערט!

איך האָב זיך אַ וואָרף געטון צו אים. ער איז געזעסן אַ פאַר-גליווערטער.

— הערט! טוט אַזוי, ווי איך האָב געטון! זאָגט אים דעם גאַנצן אמת... אָט (איך האָב אַ כאַפּ געטאָן דעם בריוו פון טיש), אָט איז דער בריוו, וואָס איך האָב אים אָנגעשריבן...

ער האָט מיך אָפּגעשטויסן. דאָס פּעקל איז זיך רויק געלעגן אין ווינקל נעבן דיוואַן. ער איז אַוועק צום טעלעפאָן און אַרויסגערופן די פאַרוואַלטונג.

מײַנע בעבעכעס זענען שוין אַזוי געבליבן ליגן דאָרט.
איך האָב געמאַכט פליטה.

13

דער בריוו איז געבליבן ביי מיר, איך האָב באַשלאָסן פאַרניכטן אים. דער פוטבאָליסט לעבט ביי אים, ווי אַ זון. לויט דעם, ווי דאָס פעקל זיינס האָט זיך געוואַלגערט אין ווינקל, לויט דעם, ווי ער האָט באַקוקט דאָס צימער, לויט דעם, ווי ער האָט אַראָפּגענומען דאָס טעלעפאָן-טרייבל, ווי ער האָט דעם נומער אָנגערופן, — לויט דעם אַלעמען האָט זיך געזען: ער איז אַ תּושב דאָ, ער איז אָן אייגענער מענטש דאָ אין שטוב, — דאָס איז זיין שטוב. די שלעכט-פאַרבראַכטע נאַכט האָט געווירקט אויף מיר. איך האָב אָנגעשריבן נישט דאָס, וואָס איך האָב געוואָלט אָנשרייבן. באַביטשעוו וואָלט נישט באַנומען מיין אויפגעבראַכטקייט. ער וואָלט עס דערקלערט מיט קנאה. ער וואָלט אַ טראַכט געטאָן, אַז איך בין מקנא וואָלאָדיען.

גוט, וואָס דער בריוו איז געבליבן ביי מיר.

אַנדרעש וואָלט זיך באַקומען אַ פוסטער שאָס.

איך האָב אַ טעות געהאַט. ווען איך האָב געטראַכט, אַז וואָלאָדיע איז זיין נאַרעלע און פּאַיאַץ. הייסט דאָס, אַז אין בריוו האָב איך נישט געהאַט וואָס צו פאַרטיידיקן אים. פאַרקערט, איצט, ווען איך האָב זיך מיט אים באַגעגנט, האָב איך דערזען זיין גרינגשעצונג צו מיר. באַביטשעוו דערציט פונקט אַזאַ איינעם, ווי ער אַליין איז. עס וועט אויסוואַקסן פונקט אַזאַ אָנגעבלאָזענער און בלינדער מענטש.

זיין בליק האָט גערעדט: „אַנטשולדיקט, איר האָט אַ טעות געהאַט. דאָס זענט איר אַ קעסטקינד. אָבער איך בין פול-באַרעכטיקט. איך בין — אַ פּריצל".

איך בין געזעסן אויף אַ באַנק. און דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן עפּעס שווידערלעכס.

דאָס שטיקל פּאַפּיר, וואָס איך האָב אַ כאַפּ געטון פון טיש, איז געווען נישט דאָס, — מיינס איז געווען גרעסער: דאָס איז נישט מיין בריוו. מיין בריוו איז געבליבן דאָרטן. אין איילעניש האָב איך אַ כאַפּ געטון עפּעס אַנדערש. אָט איז עס:

„טייערער [illegible], אַנדריי פּעטראָוויטש! אַ גרוס, אַ גרוס! גע-
פינסטו זיך אין גוטן געזונט? האָט דיך נישט דערשטיקט דיין נייער
איינוווינער? האָט נישט אָנגערייצט אויף דיר איוואַן פּעטראָוויטש זיין
„אַפּעליע״? זע נאָר: זיי וועלן זיך צוזאַמענרעדן ביידע — דער קאַוואַ-
לעראָוו דיינער און איוואַן פּעטראָוויטש — און וועלן דיך פון דער
וועלט אומברענגען. זע נאָר, היט זיך. מחמת אַ שוואַכינקער ביסטו,
אַז יעדער איינער קאָן דיך לייכט באַוועלהען, זע, דו...
פאַרוואָס האָסטו עס עפּעס געקראָגן פלוצלונג אַזאַ מין צוטרוי
צו אַלעמען? אַז יעדן באָרוועסן לאָזסטו אין שטוב אַריין. יאָג אים
אַרויס צום טייוול! גלייך אויפן צווייטן טאָג וואָלט איך צו אַזאַ איי-
נעם געזאָגט: נו, אויסגעשלאָפן זיך, יונגערמאַן, און צום ווידערזען!
כ'מיין, צערטלט זיך! ווען איך האָב איבערגעלייענט דעם בריוו דיי-
נעם, אַז, הייסט עס, דו האָסט זיך דערמאָנט אָן מיר און רחמנות גע-
קראָגן אויף אַ שיכורן אין רינשטאָק, אויפגעהויבן אים און געבראַכט
אים צו זיך, מחמת, הייסט עס, מיט מיר קאָן אויך ערגעץ-ווו פּאַ-
סירן אַזאַ מין אומגליק, און איך קאָן זיך אויך ערגעץ אַרומוואַלגערן,
— ווי נאָר איך האָב אָטאָ דאָס איבערגעלייענט, איז מיר געוואָרן
גלייך אי קאָמיש, אי אומפאַרשטענדלעך. ווי נישט דו וואָלסט עס גע-
שריבן, נאָר איוואַן פּעטראָוויטש.
ווי איך האָב געטראַכט, אַזוי האָט עס פּאַסירט: דו האָסט גע-
בראַכט דעמדאָזיקן לאַבאַטראַס צו זיך, און איצט האָסטו, פאַרשטייט
זיך, אַליין זיך פאַרלוירן, — דו ווייסט נישט וואָס צו טון מיט אים.
בעטן אים זיך אָפּטראָגן, איז פאַר דיר נישט באַקוועם, און עפּעס אַנ-
דערש האָסטו נישט וואָס צו טון מיט אים! ריכטיק? דו זעסט: איך
מוסר דיך. דאָס איז ביי דיר די אַרבעט אַזאַ, זי פאַרפירט עס דיך
אין אַזעלכע געפילעכץ-שטימונגען: פרוכטן, גרעזלעך, בינען, קעלבי-
לעך און פאַרשידענע שאר-ירקות. און איך בין אַ מענטש אַן אינדו-
סטריעלער. לאַך, לאַך, אַנדריי פּעטראָוויטש! דו לאַכסט שטענדיק פון
מיר. איך, פאַרשטייסטו מיך, בין שוין דער נייער דור.
ווי זשע וועט דאָס איצטער זיין? נו, איך וועל זיך צוריקקערן,
— וואָס וועסטו דעמאָלט מיט דיין לאַבאַטראַס טון? און ווי וועט
זיין, אויב דער חברהמאַן דיינער, דער נייער, וועט זיך פלוצלינג צע-
גיינען און נישט וועלן אַוועק פון דיוואַן? און וועסט נאָך אויף אים
רחמנות קריגן. יאָ, איך אייפער. איך וועל אים אַרויסטרייבן, איך

וועל אים די צורה צעפּאַטשן. דאָס ביסטו אַזאַ גוטער, דו שרייסט בלויז, מיטן פויסט קלאַפּסטו, היצסט זיך, און אַז עס קומט צום תוך פון דער זאַך, ווייסטו נאָר איינס — רחמנות האָבן. ווען נישט איך, וואָלט זיך נאָך וואלקע ביזן היינטיקן טאָג געפּיינקט ביי איוואַן פּעט־ראָוויטשן. ווי האַלסטו זי דאָרטן איין? זי האָט זיך נאָך נישט אומ־געקערט צוריק צו אים? דו ווייסט דאָך אַליין גאַנץ גוט: איוואַן פּעט־ראָוויטש איז אַ כיטרער מענטש, ער מאַכט זיך, ער זאָגט דאָך אָבער אַליין וועגן זיך, אַז ער איז אַ גאַרנישט און אַ שאַרלאַטאַן. ריכטיק? איך האָב אויף אים קיין שום רחמנות נישט.

אָט פּרוביר, אָרדען אים איין אין אַ דיספּאַנסער. ער וועט אַנט־לויפן. אָדער לייג אים פּאָר, דיין קאַוואַלעראָוון, אַ דיספּאַנסער! ער וועט זיך באַליידיקן.

נו, מילא. זיי נישט בייז. דו האָסט דאָך מיר אַליין געזאָגט: לערן מיך, וואָלאָדיע, און איך וועל דיך לערנען, איז אָט לערנען מיר זיך.

אין קורצן וועל איך קומען צו פאָרן. אין די נאָענטסטע טעג.

דער פּאַפּאַשאַ מיינער גריסט דיך. אַדיע, שטעטעלע מוראָם! ביינאַכט, ווען איך גיי דאָ איבער דער גאַס, באַנעם איך, אַז אייגנטלעך איז דאָס גאָר קיין שטאָט נישט. וואַרשטאַטן זענען דאָ פאַראַן, און דאָס שטעטל — ווייסיך! אַזוי זיך, אַ שטיקל ביילאַגע צו די וואַר־שטאַטן. איבער אַלץ — די וואַרשטאַטן. ביינאַכט איז דאָ אַ מצריב־חשכניש, פינסטערניש, פאַרשטייסט — אַ בלאָטע מיט שדים. און אין דער זייט, אין פעלד, פינקלען די פייערן פון די וואַרשטאַטן, זיי שיי־נען — אַ יום־טוב!

און אין דער שטאָט האָב איך געזען, ווי אַ קעלבל איז געלאָפן נאָכן צירקל־אויפזעער, נאָך זיין פּאָרטפעל (יענער האָט דעם פּאָרטפעל אונטערן אָרעם געהאַלטן). דאָס קעלבל לויפט נאָך, טשמאָקעט מיט די ליפּן, אַ זויג טון, צי וואָס, האָט עס דעם פּאָרטפעל געוואָלט... אַזאַ מין בילדל: אַ פּלויט, אַ קאַלוזשע, דער אויפזעער שפּאַנט זיך אין זיין רויטן היטל, אַלץ, ווי עס באַדאַרף צו זיין, און דאָס קעלבל וויל דווקא דעם פּאָרטפעל אין מויל אַריין. ווידערשפּרוכן, פאַרשטייסטו מיך.

איך האָב נישט ליב דידאָזיקע קעלבלעך. איך בין — אַ מענטש־מאַשין. דו וועסט מיך איצט נישט דערקענען. איך האָב זיך פאַר־וואַנדלט אין אַ מאַשין. אויב איך האָב זיך נאָך נישט פאַרוואַנדלט, איז וועל איך זיך פאַרוואַנדלען. די מאַשינעס זענען דאָ — חיות! די

אמתע מאַשינען. זעלטן גלייכגילטיקע, שטאָלצע מאַשינען. ווי קומען דיינע ווורשט-מאַשינען! קוסטאר-וואַרשטאַטלעך. איר דאַרפט דאָך נאָר קעלבלעך קוילענען. איך וויל זיין אַ מאַשין. כ'וויל זיך איצט אַן עצה האַלטן מיט דיר. כ'וויל ווערן שטאָלץ ביי זיך מיט דער אַרבעט, שטאָלץ דערפאַר — ווייל איך אַרבעט. איך וויל זיין גלייכגילטיק, פאַרשטייסטו מיך, פולקאָם גלייכגילטיק צו אַלץ, וואָס איז נישט אַרבעט! איך האָב זיך מתקנא געווען אין דער מאַשין—אָט וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט! מיט וואָס בין איך ערגער פאַר איר? מיר האָבן זי דאָך אויסגעטראַכט, באַשאַפן, און זי האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז אַסאַך לייטישער פאַר אונז. דו לאָזסט זי—גייט זי! גייט זי! — אַרבעט זי אַזוי, אַז קיין איין ציפערל נישט קיין איבעריקס. איך וויל אויך זיין אַזאַ. דו פאַרשטייסט כאָטש מיך, אַנדריי פּעטראָוויטש,—אַז קיין איין ציפערל זאָל נישט זיין קיין איבעריקס. ווי מיר ווילט זיך מיט דיר זיך דורכשמועסן.

איך מאַך נאָך אַלע דיינע רגילותן. איך קיי אַפילו ווי דו.

וויפיל מאָל איך טראַכט עס אַלץ וועגן דעם, ווי שטאַרק עס האָט מיר אָפּגעגליקט! אויפגעהויבן האָסטו מיך, אַנדריי פּעטראָוויטש! נישט אַלע קאָמיוגיסטן לעבן אַזוי. און איך לעב ביי דיר, ביי איינעם פון די קליגסטע, וווּנדערלעכסטע פּערזענלעכקייטן. יעדער איינער וואָלט טייער באַצאָלט פאַר אַזאַ מין לעבן. איך ווייס דאָך, אַסאַך זענען מיך מקנא. אַ דאַנק דיר, אַנדריי פּעטראָוויטש! דו לאַך נישט — אין ליבע הייסט עס, וועסטו אַ זאָג טון, דערקלערט זיך דער בחור. אַ מאַשין איז ער (וויל ער זיין), וועסטו זאָגן, און אין ליבע דערקלערט ער זיך. ריכטיק? ניין, איך מיין ערנסט, איך וויל זיין אַ מאַשין.

ווי גייען די געשעפטן? דאָס „פּערטעלע בויט זיך״? ס'איז גאָרנישט איינגעפאַלן דאָרטן? ווי איז מיט דער „וואַרעמקייט און קראַפט״? דורכגעקומען? און קאַמפּפער?

און אין דערהיים וואָס הערט זיך? הייסט דאָס, אַז אויף מיין דיוואַנדל שלאָפט דער אומבאַקאַנטער בירגער? ער וועט אים פאַרלייזיקן. דו געדענקסט, אַ וועלכן מען האָט מיך געבראַכט צו שלעפּן פון פוטבאָל-פּלאַץ? ביזן היינטיקן טאָג רופט עס זיך נאָך אָפּ. דו געדענקסט, ווי מען האָט מיך געבראַכט? ווי דו האָסט זיך דערשראָקן, אַנדריי פּעטראָוויטש? אמת, דו האָסט זיך דערשראָקן? דו ביסט ביי מיר אַ צעקראָכענער! איך בין געלעגן אויפן דיוואַן. דער

פוס איז שוועך געווען, ווי א רעלסע. איך קוק אויף דיר, — דו זיצסט ביים טיש, ביים גרינעם לאָמפּ, דו שרייבסט. איך קוק אויף דיר, פּלוצלונג גיסטו אויך א קוק אויף מיר, איך פאַרמאַך גלייך די אויגן, — ווי מיט א מאַמע!

אַגב וועגן פוטבאָל. איך וועל שפּילן קעגן די דייטשן אין דער מאָסקווער געזאַמלטער קאָמאַנדע. און מעגלעך, אויב נישט שוכאָוו — אויך אין דער פסס״ר געזאַמלטער. אַן אַנטיק!

וואָס איז מיט וואלקען? פאַרשטייט זיך, מיר וועלן חתונה האָבן! אין פיר יאָר אַרום. דו לאַכסט, — דו זאָגסט, אַז מיר וועלן נישט אויסהאַלטן, און איך מעלד דיר: אין פיר יאָר אַרום. יאָ. איך וועל זיין דער עדיסאָן פונם נייעם דור. צוקושן וועלן מיר זיך מיט איר צום ערשטן מאָל, ווען עס וועט זיך עפענען דיין „פּערטעלע״, יאָ, דו גלויבסט נישט? מיר האָבן געשלאָסן צווישן זיך א בוגד. דו ווייסט פון גאָרנישט. אינם טאָג פון דער עפענונג פון דעם „פּערטעלע״ וועלן מיר אויף דער טריבונע, אונטער מוזיק זיך צעקושן.

דו פאַרגעס מיך נישט, אַנדריי פּעטראָוויטש. און ווי איז, אויב איך וועל קומען, און עס וועט זיך אַרויסווייזן אַזאַ מין בילד: דיין קאַוואַלעראָוו — דער ערשטער פריינט דיינער איז ער, אָן מיר האָסטו פאַרגעסן, ער פאַרבייט מיך. גימנאַסטיק מאַכט ער צוזאַמען מיט דיר, אויף דער בויונג פאָרט ער. מאַלע וואָס? און אפשר האָט ער זיך אַרויסגעוויזן אַלס אויסגעצייכנטער יונג, אַסאַך אַן אַנגענומענער איידער איך, — אפשר האָסטו זיך מיט אים באַפריינדעט, און איך, דער עדיסאָן פונם נייעם דור, וועל זיך דאַרפן אָפּטראָגן צו דעם טייוולס מאַמע? אפשר זיצסטו מיט אים, מיט איוואַן פּעטראָוויטשן און מיט וואַלקען — און איר לאַכט פון מיר? דערדאָזיקער קאַוואַלעראָוו דיינער האָט נאָך פאַר וואלקען נישט חתונה געהאַט? זאָג דעם אמת. אויב יאָ, וועל איך טויטן אַנדריי פּעטראָוויטש. אויף מיין וואָרט. פאַרן פאַראַטן אונזערע שמועסן, פלענער. באַנומען?

נו, אַביסל פונאַנדערגעשריבן זיך, נעם אָפּ צייט ביי א פאַרנומענעם מענטשן. אָן אַן איבעריקן שטיקל ציפער וויל איך זיין, — און אַליין האָב איך עס זיך אַביסל צעפּאָרן! דאָס איז דערפאַר, ווייל איך בין צעשיידט מיט דיר, — אמת? נו, צום ווידערזען, טייערער און פילגעשעצטער, צום ווידערזען, אין גיכן וועלן מיר זיך זען״.

14

א ריזיקער וואָלקן, לויטן אויסזען ענלעך אויף דער פאָרם פונם דרום-אַמעריקאַנישן קאָנטינענט, איז געהאָנגען איבער דער שטאָט. דער וואָלקן האָט געגלאַנצט, אָבער דער שאָטן זיינער איז געווען אַ פינסטערער. דער שאָטן האָט זיך אַסטראָנאָמיש-פּאַמעלעך גערוקט אויף באַביטשעווס גאַס.

אַלע, וואָס זענען שוין אַריין אין דערדאָזיקער גאַס און זיך באַוועגט קעגן דעם שטראָם, האָבן געזען, ווי דער שאָטן פון וואָלקן האָט זיך אָנגערוקט, עס איז זיי טונקל געוואָרן אין די אויגן, דאָס האָט ווי אָפּגענומען דעם באָדן פון אונטער זייערע פיס. זיי זענען געגאַנגען ווי אויף אַ קייקלענדיקער זיך קויל.

איך בין געגאַנגען צוזאַמען מיט זיי.

עס איז געהאָנגען אַ באַלקאָן. אויף דער באַלוסטראַדע פון באַלקאָן — אַ קורטקע. אין קלויסטערל האָט מען שוין מער נישט געקלונגען. די ליידיקגייער זענען נישט געוואָרן. איך בין געבליבן שטיין אויפן ראָג. אַ יונג האָט זיך אויפן באַלקאָן באַוויזן. ער האָט זיך פאַרחידושט פון דער טונקלקייט, וואָס האָט זיך מיטאַמאָל אָנגערוקט אויפן הימל, אַריבערבויגנדיק זיך איבער דער באַלוסטראַדע.

טרעפּ. אַ טיר. איך קלאַפּ אָן. דאָס האַרץ קלאַפּט ביי מיר אַזוי, אַז דער לאַץ פון מיין רעקל צאַפּלט זיך אַזש. איך בין געקומען זיך שלאָגן.

מען עפנט מיר די טיר. דער, וואָס עפנט מיר די טיר, טרעט אָפּ אויף הינטן, נעמט די טיר אויף זיך. און דעם ערשטן, וועמען איך דערזע, איז — אַנדריי באַביטשעוו. אַנדריי באַביטשעוו שטייט אין מיטן צימער מיט פונאַנדערגעשטעלטע פיס, דורך וועלכע עס דאַרף דורכגיין אַן אַרמיי ליליפּוטן. די הענט האַלט ער פאַרשטעקט אין די הויזן-טאַשן. דאָס רעקל איז ביי אים פונאַנדערגעשפּיליעט, און די פּאָלעס זענען אויף הינטן פאַריסן. די גאַנצע פּאָזע זיינע רעדט:

„נו”?

איך זע נאָר אים. וואָלאָדיע מאַקאַראָוון הער איך בלויז.
איך גיי אויף באַביטשעוון. דרויסן שמייסט אַ רעגן.
אַט ווערט איך באַלד אַ פאַל טון פאַר אים אויף די קני.
„טרייבט מיך נישט אַרויס! אַנדריי פּעטראָוויטש, טרייבט מיך נישט אַרויס! איך האָב אַלץ באַנומען. גלויבט מיר אַזוי, ווי איר גלויבט וואָלאָדיען! גלויבט מיר: איך בין אויך אַ יונגער, איך וויל אויך זיין דער עדיסאָן פונם נייעם דור, איך וועל אייך אויך פאַרהייליקן! ווי איך האָב עס געקאָנט דורכלאָזן, ווי האָב איך עס געקאָנט בלייבן אַזוי בלינד, און נישט אָפּטאָן דאָס אַלץ, וואָס איז נויטיק, אַז איר זאָלט מיך ליב באַקומען! פאַרגיט עס מיר, לאָזט מיך, גיט מיר איינע פיר יאָר״...
אָבער איך פאַל נישט אויף די קני און גיב גיפּטיק אַ פרעג:
— פאַרוואָס זענט איר עפּעס נישט אויף דער אַרבעט?
— וואַרפט זיך אַרויס פון דאַנען! — הער איך אַן ענטפער.
ער האָט מיר אַן ענטפער געטון גלייך, אָן קיין שום אָפּהאַלט, ווי מיר וואָלטן עס איינגערעפּעטירט. אָבער די רעפּליקע זיינע איז דערגאַנגען צו מיין באַוווסטזיין ערשט אין אַ קורצער ווייל אַרום.
עס האָט פּאַסירט עטוואָס אויסערגעוויינלעכס.
עס האָט געכליופּעט אַ רעגן. מעגלעך, אַז אַ בליץ האָט אַ בליץ געטון.
איך וויל נישט רעדן בילדעריש. איך וויל רעדן פּראָסט. איך האָב אַמאָל געלייענט קאַמיל פלאַמאַריאָנס „אַטמאָספערע״. (סאַראַ פלאַנעטאַרישער נאָמען! פלאַמאַריאָן — דאָס איז דער שטערן אַליין) ער באַשרייבט דעם קוילנאַרטיקן בליץ, זיין וווּנדערלעכן עפעקט: אַ פולע גלאָטע קויל קוילערט זיך קלאַנגגלאָז אַריין אין שטוב, און די שטוב ווערט אָנגעפילט מיט אַ בלענדנדיק ליכט... אָ, איך בין ווייט פון דעם מיין צו באַנוצן זיך מיט אָפּגעריבענע פאַרגלייכן. אָבער דער וואָלקן איז געווען אַ פאַרדעכטיקער. אָבער דער שאָטן פון דעם וואָלקן האָט זיך גערוקט ווי אין אַ חלום. אָבער אַ רעגן האָט געשמיסן. און אין שלאָפצימער איז דער פענסטער געוואָרן אָפן. אין אַ געוויטער טאָר מען נישט לאָזן אָפן דאָס פענסטער! אַ צוג-ווינט!...
מיטן רעגן, מיט די טראָפּנס, ביטערע ווי טרערן, מיטן ריס פון ווינט, פון וועלכן די פלאַמינגאָ-וואַזע פליט ווי אַ פלאַם, אונטערצינדנדיק די פאָרהאַנגלעך, וועלכע פליען אויך צו דער סטעליע, באַוויזט זיך וואַליע פון שלאָפצימער.

אָבער בלויז איך איינער ווער פרישטמעליעט פון דערדאָזיקער דערשיינונג. אין דעראמתן איז אַלץ פּראָסט און פשוט: עס איז געקו־מען צופאָרן אַ פּריינט, און די פּריינט האָבן אַן אייל געטאָן צו זען זיך מיט אים.

מעגלעך, אַז באַביטשעוו איז פאַרפאָרן נאָך וואַליען, וועלכע האָט געטרוימט וועגן דעמדאָזיקן טאָג. אַלץ איז פּראָסט. און מיך באַדאַרף מען אָפּפירן אין אַ דיספּאַנסער, היילן דאָרט מיט היפּנאָז, אַז איך זאָל נישט דענקען בילדעריש, אַז אַ מיידל, וואָס קומט אַריין אין צימער, זאָל זיך מיר נישט פאָרשטעלן אין דער געשטאַלט פון אַ קוילנאַרטיקן עפּעקטפולן בליץ.

ווען איך טאָקע קאָליע מאַכן די פּראָסטקייט אייערע!

— וואַרפט זיך אַרויס פון דאַנען! — חזרט מיר איבער מיין געהער.

— נישט אַלץ איז אַזוי פּראָסט...—הויב איך אָן.

אַ צוג-ווינט. די טיר איז געבליבן אָפן. פון ווינט איז ביי מיר אויסגעוואַקסן אַ פליגל. דער פליגל דרייט זיך משונה-ווילד איבער מיין אַקסל. דער צוג-ווינט האָט אַנעסטיזירט איין העלפט פון מיין פּנים.

— נישט אַלץ איז שוין אַזוי פּשוט, — זאָג איך און דריק זיך צו צום ביישטידל אויף צו צעברעכן אָן אים דעם פליגל מיינעם. — איר זענט דאָ נישט געווען, וואָלאָדיע, און באַביטשעוו האָט זיך דאָ דערווייל מיט וואַליען געלעבט. ביז וואָס ווען, ביז איר וועט זיך אויסוואַרטן אייערע פיר יאָר, וועט זיך דערווייל אַנדריי פּעטראָוויטש באַוויזן צו דער זאַט זיך אָנשפּילן מיט וואַליען...

איך בין אַרויסגעשטעלט געוואָרן הינטער דער טיר, אַ האַלבער פּנים מיינער איז אַנעסטיזירט, מעגלעך, אַז איך האָב דעם פּאַטש נישט געפילט.

דער שלאָס האָט אַזאַ מין קנאַק געטון איבער מיר, ווי אַ צווייג וואָלט זיך אָפּגעבראָכן, ווי איך וואָלט געווען די פּוילע, נישטיקע פּרוכט. וואָס איז נאָרוואָס אַראָפּגעפאַלן פון דעם זעלטענעם בוים.

— אַ סוף! — האָב איך רויק אַ זאָג געטון אויפשטייענדיק. — איצט וועל איך אייך טויטן, חבר באַביטשעוו.

15

עס גייט אַ רעגן.

דער רעגן גייט איבערן צוויעטנאָי בולוואַר, שמייסט איבערן צירק, פאַרקרעוועט אויף די בולוואַרן, אויף רעכטס, און ווען ער דערקריכט צום שפּיץ פון פּעטראָווסקי בולוואַר, ווערט ער מיטאַמאָל בלינד און פאַרלירט די זיכערקייט זיינע.

איך האַק איבער די „טרובנע“ און טרוים וועגן לעגענדאַרישן פּעכטער, וואָס איז געגאַנגען אונטערן רעגן און אָפּגעווענדט פון זיך מיט זיין שפּיז די רעגן-טראָפּנס. זיין שפּיז האָט געבלאַנקט, די פּאָלעס פון זיין קאַמזויל האָבן זיך צעווייעט, דער פּעכטער האָט זיך געדרייט, געווירבלט און איז געבליבן טרוקן. ער האָט באַקומען אַ ירושה פון זיין טאַטן. איך בין נאַס ביז צום ביין און, דאַכט זיך, געכאַפּט אַ פּאַטש.

איך האַלט, אַז אַ לאַנדשאַפט, אויף וועלכער מען קוקט דורך די דערווייטערנדיקע גלעזער פון אַ בינאָקל, איז אַ גלאַנציקע, העלע און סטערעאָסקאָפּישע. די פאַרבן און די קאָנטורן ווערן ווי קאָנצענטרירטער. די גוט-באַקאַנטע זאַך ווערט מיטאַמאָל קאָמיש-קליין, אויסערגעוויינלעך. דאָס רופט אַרויס ביי דעם קוקער קינדערשע פאָרשטעלונגען. ווי דו וואָלסט געזען אַ חלום. באַמערקט, אַ מענטש, וואָס קוקט אויף דער וועלט דורך די דערווייטערנדיקע גלעזער פון אַ בינאָקל, הויבט אָן ליכטיק שמייכלען.

נאָכן רעגן האָט די שטאָט באַקומען אַ גלאַנץ און אַ סטערעאָסקאָפּישקייט. אַלע האָבן געזען: דער טראַמוויי איז בונט-רויט געפאַרבט; די שטיינער אין ברוק זענען ווייט נישט איינפאַרביק, פאַראַן צווישן זיי אַפילו גרינע; דער מאָלער איז אין דערהויך אַרויס פון אונטערן געוועלב, ווו ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן פון רעגן, ווי אַ טויב, און איז אַוועק אויף דער קאַנווע פון ציגל, אַ יינגל אין פענסטער וויל כאַפּן אַ זון-שפּיזל אין זיין שפּיגעלע...

איך האָב געקויפט ביי אַ סעדעכע אַן איי מיט אַ פראַנצויזישער בולקע. איך האָב אַ זעץ געטון מיט דעם איי אָן דעם מאַסטבוים

פון אַ טראַמוויי. אַ טראַמוויי איז דורכגעלאָפן פון די פּעטראָווסקע טויערן, די פּאַסאַזשירן האָבן געזען, ווי איך האָב אַ זעץ געטון מיט דעם איי אָן דעם מאַסטבוים.

איך האָב זיך אַ לאָז געטון אַרויסצו. די בענק זענען געשטאַנען אויף דער הויך פון מיינע קני. דאָ איז די אַלע עטוואָס אויפגעהויבן. אויסגעצייכנטע מוטערס זענען געזעסן אויף די בענק, אונטער זייערע געזעסן זענען געלעגן טיכעלעך אויסגעשפּרייט. אויף זייערע פאַרברוינטע פּנימער האָבן געשיינט די אויגן מיט דעם ליכט פון פּיש-שופן. פאַרברוינט זענען אויך געווען די העלדזער זייערע און די אַקסלען, אָבער די יונגע גרויסע ברוסטן — זיי האָבן זיך געזען פון הינטער די בלוזקעס — זענען געווען ווייס. אַן איינזאַמער און פאַריאָגטער, האָב איך מיט אַ בענקשאַפט געטרונקען אָט די ווייסקייט, וועמענס נאָמען עס איז — מילך, מוטערשאַפט, ווייבשאַפט, שטאָלץ און ריינקייט.

אַן אָם האָט געהאַלטן אויף די הענט אַ זויג-קינד, וואָס איז לויט זיין אָנטועכץ געווען ענלעך אויפן רוימישן פּויבסט.

ביי אַ מיידעלע אין אַ רויט טיכעלע איז געבליבן הענגען אויף דער אונטערשטער ליפּ אַ שאָלעכץ פון אַ קערל. דאָס מיידעלע האָט געהערט די מוזיק, וואָס דער אָרקעסטער האָט דאָ געשפּילט, און נישט באַמערקט, ווי זי איז אַריינגעקראָכן אין קאַלוזשע. די ברייטע קרוגן פון די באַס-טרומייטן זענען ענלעך געווען אויף עלעפאַנט-אויערן.

פאַר אַלעמען: פאַר די מוטערס, פאַר די אַמען, פאַר די מיידעלעך, פאַר די מוזיקאַנטן, וואָס זענען אַרומגעפלאָכטן געווען מיט זייערע אינסטרומענטן, בין איך געווען — אַ קאָמיקער, די טרומייטלער האָבן קרום געקוקט אויף מיר מיט אַן אויגל און נאָך מער געבלאָזן די באַקן זייערע. דאָס מיידעלע האָט אַ לאַך געטון, פון וואָס דאָס קערעלע-שאָלעכץ איז סוף-כל-סוף אַראָפּגעפאַלן פון איר ליפּ. דאָ האָט זי זיך אויך געכאַפּט, אַז זי שטייט אין אַ קאַלוזשע. אין אָט דעם אייגענעם פּיצעלע צרה אירע האָט זי מיט די אויגן גאָר מיך באַשולדיקט און בייז אָפּגעקערט זיך פון מיר.

איך וועל דערווייזן, אַז איך בין נישט קיין קאָמיקער. קיינער פאַרשטייט מיך נישט, דאָס אומפאַרשטענדלעכע זעט שטענדיק אויס קאָמיש אָדער שוידערלעך, אַלעמען וועט אַ שוידער אָנכאַפּן.

איך בין צוגעגאַנגען צו אַ גאַס-שפּיגל.

איך האָב זייער ליב גאַסן-שפּיגלען. זיי שווימען אַרויס פאַר

אייערע אויגן אומדערוואַרט און שטעלן זיך פלוצלונג פּאַפּערעק אין אייער וועג, אייער וועג איז געוויינלעך, רויק, — אַ געוויינלעכער שטאָטישער וועג. וואָס זאָגט אייך נישט צו קיין שום ניסים, קיין שום וווּנדער־בילדער, איר גייט זיך, איר האָט גאָר קיין אָנונג נישט וועגן קיין שום אויסערגעוויינלעכס, איר הויבט אויף די אויגן, און פּלוצלונג, אויף אַ רגע, ווערט פאַר אייך קלאָר: אין דער וועלט, אין די געזעצן פון דער וועלט זענען פאָרגעקומען אויסערגעוויינלעכע ענדערונגען.

עס איז געשטערט געוואָרן די אָפּטיק, די געאָמעטריע, געשטערט געוואָרן די נאַטירלעכקייט דערפון, וואָס האָט זיך אָנגערופן אייער גאַנג, אייער באַוועגונג, אייער פאַרלאַנג צו גיין דווקא אַהין, וווּהין איר זענט געגאַנגען, איר הויבט אָן צו טראַכטן, אַז איר זענט פּעזיק געוואָרן צו זען מיט אייער פּאָטיליצע, — איר שמייכלט אפילו אַבי־סעלע פאַרלוירן צו די פאַרבייגייער, איר רויטלט זיך און שטאָלצירט מיט אָט דער העכערער פעזיקייט אייערער.

— אַך... זיפצט איר שטיל אָפּ.

דער טראַמוויי. וואָס איז נאָר וואָס נישט געוואָרן פון אייער בליק, באַווייזט זיך ווידער פאַר אייערע אויגן, ער שניידט דעם ראַנד פון בולוואַר, ווי אַ מעסער שניידט אַ טאָרט, אַ שטרויענער הוט, וואָס איז געהאָנגען אויף אַ בלויער לענטע ביי עמעצן אויף דער האַנט (איר האָט דעם הוט נאָר וואָס געזען, דער הוט האָט זיך אייך געוואָרפן אין די אויגן, אָבער איר האָט קיין צייט נישט געהאַט זיך אומצוקוקן), קערט זיך אום צוריק צו אייך, שווימט פּאַפּערעק אַדורך פאַר אייערע אויגן.

די ווייט צעצעפּנט זיך פאַר אייערע אויגן. אַלע זענען זיכער. דאָס איז אַ שטוב, אַ וואַנט, אָבער אייך איז געגעבן אַ העכערע פעזיקייט, און איר זעט. דאָס איז נישט קיין שטוב! איר האָט אַנטדעקט דעם סוד: דאָס איז נישט קיין וואַנט, דאָס איז אַ געהיימניספולע וועלט, ווו אַלץ, וואָס איר האָט נאָר וואָס באַגעגנט און געזען, ווערט נאָכאַמאָל געשטעלט פאַר אייערע אויגן — דערביי ווערט עס איבער־געחזרט מיט יענער סטערעאָסקאָפּישקייט און העלקייט, וועלכע איז מעגלעך נאָר אין די דערווייטערנדיקע גלעזער פון אַ בינאָקל.

איר פאַרגייט זיך, אַזוי צו זאָגן. אַזוי פּלוצלונג ווערן די גע־זעצן געבראָכן, אַזוי אויסערגעוויינלעך ווערט געביטן די פּראָפּאָרציע, אָבער איר דערפרייט זיך מיטן קאָפּשווינדל... איר כאַפּט זיך און

איילט צום בלוילעכן קוואַדראַט. אייער פּנים בלייבט חענגעגן אומבאַ־וועגלעך אין שפּיגל, בלויז אייער פּנים האָט פאַרהיט די נאַטירלעכע פאָרמעס, בלויז אייער פּנים איז די איינציקע רעשט, וואָס איז געבליבן פאַרהיט פון דער געזעצמעסיקער וועלט, אין דער צייט, ווען אַלדאָס איבעריקע איז צעזעצט געוואָרן, געביטן זיך און באַקו־מען אַ נייע געזעצמעסיקייט, צו וועלכער איר קאָנט זיך בשום אופן נישט צוגעוווינען, ווען איר שטייט אַפילו אַ גאַנצע שעה ביים שפּיגל, ווי דאָס פּנים אייערס איז ווי אין אַ טראָפּישן סאָד, דאָס גרינס איז צו גרין, דער הימל איז צו בלוי.

איר וועט בשום־אופן אויף זיכער נישט זאָגן (כּל־זמן איר האָט זיך נישט אָפּגעקערט פון שפּיגל), אין וועלכער זייט גייט דער פאַרביי־גייער, וועלכן איר קוקט נאָך אין שפּיגל... ערשט, ווען איר דרייט זיך אום...

איך האָב געקוקט אין שפּיגל און דערקייט מיין בזלקע.

איך האָב זיך אומגעדרייט.

אַ פאַרבייגייער איז געגאַנגען צום שפּיגל, דער פאַרבייגייער איז געקומען פון עפּעס אַ זייט. איך האָב אים געשטערט זיך אַ שפּיגל טון. דעם שמייכל, וואָס ער האָט געהאַט פאַרגרייט פאַר זיך אַליין, איז מיר אָנגעקומען. ער איז, אַפּנים, געווען נידעריקער פאַר מיר אויף אַ קאָפּ און ער האָט אויפגעהויבן צו מיר זיין פּנים.

צום שפּיגל האָט ער געאיילט, כּדי צו געפינען און אַראָפּוואַרפן פון זיך אַ רויפּעלע, וואָס האָט זיך אַ זעץ געטון אויף אַ ווייטן טייל פון זיין אַקסל. ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס רויפּעלע מיט אַ שנאָל, אויסדרייענדיק דערביי דעם אַקסל זיינעם, ווי אַ פידלער.

איך האָב זיך מיינס געטראַכט וועגן די אָפּטישע גענאַררייען, וועגן די פאָקוסן פון שפּיגל, און דעריבער האָב איך אַ פרעג געטון ביי אָט דעם מענטשן, נאָך איידער איך האָב אים דערקענט:

— פון וועלכער זייט זענט איר געקומען? פון וואַנען האָט איר זיך גענומען?

— פונוואַנען? — האָט ער געענטפערט, — פונוואַנען האָב איך זיך גענומען? (ער האָט אַ קוק געטון אויף מיר מיט לויטערע אויגן) איך האָב זיך אַליין אויסגעטראַכט.

ער האָט אַראָפּגענומען זיין האַרטן הוט, אָפּגעדעקט דערמיט זיין ■יך און שוין צו־אַריסטאָקראַטיש זיך אַ פאַרנויג געטון. אַזוי פאַר־

נויגן זיך געוועזענע לייט פאַר די מענטשן, וואָס געבן זיי אַ נדבה, און ווי ביי אַ געוועזענעם מענטשן, זענען אונטער זיינע אויגן זעקע־לעך, ווי לילאָווע זאָקן געהאָנגען. ער האָט געזויגן אַ צוקערל.

איך האָב גלייך באַנומען: אָט איז מיין פריינט, מיין לערער, מיין טרייסט־געבער.

איך האָב אים אָנגעכאַפּט ביי אַ האַנט, שיר נישט צוגעפאַלן צו אים, אַ בעט געטון זיך ביי אים:

— זאָגט מיר, ענטפערט מיר!...

ער האָט אויפגעהויבן זיינע ברעמען.

— וואָס איז עס אַזוינס... אָפּעליע?

ער האָט זיך געקליבן ענטפערן, אָבער דורכן ווינקל פון זיינע ליפּן האָט אַ פלייץ געטון דער זאַפט פון זיין צוקערל. איך האָב דערשפּירט אין זיך אַן אַנטציקונג און חיות און געוואַרט אויף אַן ענטפער.

צווייטער טייל

1

די דערנענטערונג פון דער אַלטקייט האָט איוואַן באַביטשעוון געשראָקן. אָפטמאָל פלעגט ער זיך באַקלאָגן דערויף, וואָס דאָס לעבן פליט אַזוי שנעל, וואָס די יאָרן זענען אים געגאַנגען פאַרלוירן, וואָס אָט האָט ער זיך אַ מאָגן-קרעבס אָנגעלעבט... אָבער די באַקלאָגענישן זיינע זענען געווען צו ליכטיקע, צו מונטערע, זייער מעגלעך אַפילו — ווייניק אויפריכטיקע — באַקלאָגענישן מיט אַ רעטאָרישן כאַראַקטער.

עס פלעגט פאַסירן און ער פלעגט צולייגן אַ דלאָניע צו דער לינקער זייט פון זיין ברוסט, שמייכלען און פרעגן:

— אינטערעסאַנט, סאַראַ קלאַנג הערט זיך ביי אַן אַפּאָפּלעקסיע?

איינמאָל האָט ער אויפגעהויבן זיין האַנט, באַוויזן זיינע פריינט די אויסערלעכע זייט פון זיין דלאָניע, ווו די בלוט-אָדערן זענען געלעגן פאַרצווייגט אין דער פאָרם פון אַ בוים, און צעפויקט זיך מיט אַזאַ מין אימפּראָוויזאַציע:

— אָט, — האָט ער אַ זאָג געטון, — איז דער לעבן-רוים. אָט איז אַ בוים, וואָס דערציילט מיר וועגן לעבן און טויט מערער, איידער די בליענדיקע און וועלקנדיקעביימער אין די סעדער. איך געדענק נישט, ווען גענוי האָב איך עס אַנטדעקט, אַז די האַנט מיינע בליט ווי אַ בוים... נאָר, ווייזט אויס, אַז דאָס איז געווען אין אַ ליכטיקער צייט, ווען די בליונג און פאַרוועלקונג פון די ביימער האָט מיר דערציילט נישט וועגן לעבן און טויט, נאָר וועגן אָנהויב און סוף פון לערניאָר! עס האָט זיך געבלויט דעמאָלט אָט דער בוים, ער איז געווען בלוי און שלאַנק, און דאָס בלוט, וועגן וואָס עס האָט זיך דעמאָלט געטראַכט, אַז נישט קיין פליסיקייט איז עס, נאָר ליכט, אין

ווי דער מאָרגנשטערן אויפגעגאַנגען איבער אים, און דער גאַנצער פייזאַזש פון מיין האַנט איז ענלעך געוואָרן צו אַ יאַפּאַנישער אַקוואַרעל...

יאָרן זענען געגאַנגען, איך האָב זיך געביטן, און עס האָט זיך אויך געביטן דער בוים.

איך געדענק די ליכטיקע צייט, — עס האָט זיך צעוואַקסן. שטאָלצע מינוטן האָב איך איבערגעלעבט, קוקנדיק אויף זיין שטייפן פונאַנדערבלי. דער בוים איז געוואָרן האַרטלעך און ברוין, — און דערין האָט געשטעקט זיין מעכטיקייט! איך האָב אים געקאָנט אָנרופן דער מעכטיקער בוים פון מיין האַנט. אָבער היינט, מיינע פריינט! ווי שלאַבעריק עס איז, ווי טרוכליאַווע!

מיר דוכט זיך, אַז די צווייגלעך האָבן זיך אָנגעהויבן ברעכן, ציפּלעס האָבן זיך באַוויזן... דאָס איז סקלעראָז, מיינע פריינט! און דאָס, וואָס די הויט גלעזערט זיך און אונטער דער הויט ווערט וואַסערדיקלעכער — צי זעצט זיך עס נישט אַמאָל דער נעפּל אויפן בוים פון מיין לעבן, יענער נעפּל, וועלכער וועט אינקורצן מיך איינהילן?

די באַביטשעווס זענען געווען דריי ברידער. איוואַן איז געווען דער צווייטער. דעם עלטערן האָט מען גערופן ראָמאַן. ער איז געווען אַ מיטגליד פון אַ שלאַכט-אָרגאַניזאַציע און איז געקעפּט געוואָרן פאַר אַן אָנטייל אין אַ טעראָריסטישן אַקט.

דער יינגערער ברודער — אַנדריי — האָט געלעבט אין דער עמיגראַציע. „ווי געפעלט עס דיר, אַנדריי? — האָט אים איוואַן קיין פּאַריז געשריבן. — ביי אונז אין דער משפחה איז שוין אַ מאַרטירער פאַראַן! אָט וואָלט זיך עס די באָבע דערפרייט דערמיט!“ אויף וואָס דער ברודער אַנדריי האָט מיט דער געוויינלעכער גראָבקייט זיינער געענטפערט: „דו ביסט פשוט אַ נידערטרעכטיקייט“. אַזוי האָבן זיך איינגעשטעלט די מיינונג-פאַרשידנהייטן צווישן די ברידער.

פון קינדוווייז אָן האָט איוואַן געחידושט זיין משפחה און באַקאַנטע.

אַ צוועלפיאָריק יינגל איז ער געווען, ווען ער האָט דעמאָנסטרירט ביי זיך אין דער משפחה אַ מאָדנע כּלי, אַ מין אַבאַזשור מיט גלעקלעך, און האָט פאַרזיכערט, אַז מיט דער הילף פון אָט דער כּלי קאָן ער יעדן איינעם, — לויט אַ באַשטעלונג — ווייזן יעדן אין חלום.

— גוט, — האָט צו אים אַ זאָג געטון זיין פאָטער, אַ דירעקטאָר פון אַ גימנאַזיע און אַ לאַטיניסט. — איך גלויב דיר. איך וויל זען

אַ חלום פון דער רוימישער (געשיכטע — געננוי וואָס? — האָט דאָס ייִנגל זאַכלעך אַ פרעג געטון) אַלצאַיינס, זאָל זיין די שלאַכט ביי פאַר-סאַל, אָבער אויב עס וועט זיך נישט באַקומען, וועל איך דיך אָפּשמייסן.

שפּעט אינאָוונט האָט זיך איבער די צימערן אַרומגעטראָגן, גע-בולקעט אַ געקלינגערײַ. דער דירעקטאָר פון קאַבינעט איז געלעגן ביי זיך אין קאַבינעט אַ גלייכער און בייזער, ווי אין אָרון. די מוטער האָט אַרומגעבלאָנקעט אַרום די ביטער-פאַרמאַכטע טירן. דער קליינינ-קער וואַניע האָט גוטמוטיק געשמייכלט און אַרומגעשמייעט אַרום די-וואַן, געגאַנגען הין און צוריק און געטרייסלט מיט זיין אַבאַזשור, ווי אַ גייער אויף אַ שטריק טרייסלט מיט זיין כינעזישן פאַראַסאָלעכל. אינדערפרי איז דער פאָטער מיט דריי שפּרונגען, נישט קיין אָנגעטו-ענער, אַדורכגעטראָגן זיך פון זיין קאַבינעט אינם קינדער-צימער אריין, און אַרויסגעשלעפּט פון בעט דעם דיקלעכן, גוטן, שלעפעריקן, פויל-וואַניען. דער טאָג איז נאָך געווען שוואַך. ווען דער דירעקטאָר כאַפּט זיך נישט אויף אַזוי פרי, וואָלט נאָך אפשר עפּעס אַרויסגעקומען, אפשר וואָלט ער נאָך געזען עפּעס אַ שטיקל חלום, אָבער דער דירעקטאָר האָט אַ ריס געטון די פאַרהענגלעך און אַ פאַלשן גוטמאָרגן אָפּגעגעבן דעם פרימאָרגן, די מוטער האָט געוואָלט נישט לאָזן שמייסן, האָט אונ-טערגעלייגט אירע הענט און געשריען:

— שמייס אים נישט, פּעטענקע, שלאָג אים נישט... ער האָט אַ טעות געהאַט... ערנוואָרט... נו, איז וואָס-זשע דערפון געדרונגען, וואָס דיר האָט זיך נישט געחלומט?... דער קלונג איז אָפּגעטראָגן געוואָרן אין דער צווייטער זייט. דו ווייסט דאָך סאַראַ דירה ביי אונז איז... אַ פייכטע. איך, איך האָב געזען די שלאַכט ביי פאַרסאַל! מיר האָט זיך געחלומט די שלאַכט, פּעטענקע!

— לייג נישט, — האָט דער דירעקטאָר אַ זאָג געטון, — דערצייל איינצלהייטן, וואָס איז דער חילוק אין די מלבושים פון די באַלעאַרער שיסער מיט די מלבושים פון די נימידיער שליידערער?... נו?

ער האָט אַ ווײַלע צוגעוואַרט, די מוטער האָט זיך צעיאָמערט און דער קליינער עקספּערימענטאַטאָר איז אָפּגעשמיסן געוואָרן. ער האָט זיך געפּירט, ווי גאַלילײַ. אינאָוונט האָט דאָס שטוב-מיידל גע-מאָלדן דער באַלעבאָסטע אירער, אַז זי וועט נישט חתונה האָבן פאַר איינעם עפּעס אַ דאָבראַדייעוו, וואָס שדכנט זיך צו איר, — ער זאָגט ליגן, מען טאָר אים נישט גלויבן, — דאָס שטוב-מיידל האָט עס דער-

קלערט אָט מיט וואָס: אַ גאַנצע נאַכט האָט זי פּערד אין חלום געזען. די פערד שפּרינגען, די פערד זענען שרעקלעכע, ווי אין מאַסקעס. און זען אַ פערד אין חלום איז דער טייטש — אָפּגענאַרט ווערן.

ביי דער מוטער האָט זיך דאַן פון פּחד שיר די האָר נישט גע־שטעלט קאַפּויער, און ווי אַ לונאַטיקער איז זי אַוועק צו דער טיר פון דעם מאַנס קאַבינעט. דאָס שטוב־מיידל איז פאַרגליווערט געוואָרן נעבן אויוון און געפּילט ווי עס כאַפּט זי אַרום אַ טויט־גרויל.

דעם דירעקטאָרס ווייב האָט אָנגערירט דעם דירעקטאָר ביי אַן אַקסל. ער איז געזעסן ביים טיש און צוגעפּעסטיקט דעם מאָנאָגראַם, וואָס איז פון זיין פּאָרטציגאַר אַראָפּגעפאַלן.

און די מוטער האָט אַ ברום געטון.

— פּעטרושע, גיב אַ פרעג ביי פּראָסיען... דוכט זיך, אַז פּראָ־סיען האָט זיך געחלומט די שלאַכט ביי פּאַרסאַל...

עס איז נישט באַוווּסט, ווי האָט זיך באַצויגן דער דירעקטאָר צו פּראָסיעס חלום. וואָס שייך איוואַנען, איז באַוווּסט, אַז אין אַ חו״ש אָדער אין צוויי חדשים אַרום נאָך דער געשיכטע מיט די חלומות האָט ער שוין דערציילט וועגן אַ נייער דערפינדונג זיינער.

ער האָט כלומרשט דערפונדן אַזאַ מין זייף און אַזאַ מין טריי־בעלע, וואָס מיט איר הילף קאָן מען אַרויסלאָזן וווּנדערלעכע זייפּנ־בלאָזן. דערדאָזיקער זייפּנבלאָז וועט אין געפלי כסדר זיך האַלטן אין איין פאַרגרעסערן און וועט דערגרייכן בהדרגה דעם פאַרנעם פון אַ פּילקע, פון אַ קויל די גרויס, ווי די בלומען־קלומבע אויף דער דאַטשע און אַזוי ווייטער, ווייטער, גרעסער, גרעסער, ביז ער וועט אויסוואַקסן ביז צום פאַרנעם פון אַן אַעראָסטאַט, — און דעמאָלט וועט ער פּלאַצן און אַ גאָס טון איבער דער שטאָט מיט אַ קורצן, גאָלדענעם רעגן.

דער פאָטער איז געווען אויף דער קיך (ער האָט געהערט צו יענעם מין מרה־שחורהדיקע פאָטערס, וואָס שטאָלצירן מיט זייער וויסן אייניקע קולינאַרע סודות און וואָס האַלטן, אַז נאָר זיי געהערט די פּריווילעגיע צו באַשטימען וויפל לאָרבער־בלעטער מען דאַרף אַריינ־לייגן אין עפּעס איינעם אַ באַרימטן משפּחה־זופּ, וועמענס סוד ווי אויפצוקאָכן אים ווערט איבערגעגעבן בירושה, אָדער אַכטונג צו געבן ווי לאַנג עס דאַרפן ליגן אין טעפּל די אייער אויפן פייער, כדי צו דערגרייכן יענעם אידעאַלן צושטאַנד פון אָפּגעקאָכטקייט, וואָס רופט זיך „אייער אין אַ בייטעלע״).

הינטערן קיך-פענסטער, אויפן הויף, הינטער דער סאַמע וואַנט, האָט דער קליינער איוואַן געטרוימט. מיט זיין געלבן אויער האָט דער פאָטער זיינער געהערט, ווי איוואַן טרוימט, און אַרויסגעקוקט אויפן הויף. יינגלעך האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אַרום איוואַנען. און איוואַן האָט געהאַקט דעם ליגן וועגן זייפנבלאָז. ער וועט זיין אַ גרויסער, ווי אַ לופטבאַלאָן.

ביים דירעקטאָר האָט זיך ווידער די גאַל צעשפילט. דער עלטערער זון ראָמאַן איז מיט אַ יאָר צוריק אַוועק פון דער היים. דער פאָטער האָט זיך געקילט זיין האַרץ אויף די יינגערע.

מיט שלעכטע זין האָט אים גאָט געבענטשט.

ער האָט זיך אַ ריס געטון פון פענסטער, אַזש צעשמייכלט זיך פון כעס. ביים מיטאָג האָט ער געוואַרט, אַז איוואַן זאָל דערציילן וועגן זיין נייער דערפינדונג, אָבער איוואַן האָט קיין וואָרט פון מויל נישט אַרויסגעלאָזט. „ער פאַרהאַסט מיך, דוכט זיך. ער האַלט מיך, דוכט זיך, פאַר אַ נאַר”, — האָט דער דירעקטאָר זיך געקאָכט, און פאַרנאַכט-צו, ווען באַביטשעווס פאָטער האָט געטרונקען טיי אויפן באַלקאָן, האָט זיך פלוצלינג, ערגעץ זייער ווייט, איבערן סאַמע הינטערשטן, שמעלצנדיקן זיך פלאַן, אין די שטראַלן פון דער אונטערגייענדיקער זון, באַוויזן אַ גרויסע אָראַנזשאָווע קויל. די קויל איז פאַמעלעך געשווומען און אין דער קרים איבערגעהאַקט דעם שטיק הימל, וואָס איז געלעגן פאַרן דירעקטאָרס אויגן...

דער דירעקטאָר האָט זיך אַ לאָז געטון אין צימער, און גלייך, דורך דער אָפענער טיר דערזען איוואַנען אויפן פענסטער. דער גימנאַזיסט האָט זיך אַרויסגעהאָנגען פון פענסטער אַרויס און הויך געפאַטשט אין די הויפנס.

— איך האָב אין יענעם טאָג באַקומען אַ פולשטענדיקע באַפרידיקונג, — האָט איוואַן פעטראָוויטש דערינערט זיך. — דער פאָטער איז אָנגעשראָקן געוואָרן. איך האָב לאַנג דערנאָך געזוכט זיין בליק, אָבער ער האָט זיינע אויגן אויסגעבאַהאַלטן. ער איז אַזש שוואַרץ געוואָרן, איך האָב געמיינט — ער וועט שטאַרבן. און איך האָב גרויסמוטיק אַראָפגעוואָרפן פון זיך די מאַסקע. ער איז געווען אַ טרוקענער מענטש, דער פאָטער מיינער, אַ קליינלעכער, אָבער נישט זייער קיין אויפמערקזאַמער. ער האָט נישט געוווסט, אַז אין יענעם טאָג האָט זיך איבער דער שטאָט דורכגעטראָגן דער אַעראָנאַווט ערנעסט וויטאָלאָ.

אויסגעצייכנטע אַפּישן האָבן וועגן דעם געלאָזט וויסן. איך האָב זיך מודה געווען אין דעם נישטווילנדיקן שווינדל מיינעם. איך דאַרף אייך זאָגן, אַז די פּרווון מיינע מיט די זייפנבלאָזן האָבן נישט געבראַכט צו יענע רעזולטאַטן, וועגן וועלכע איך האָב געטרוימט.

די פאַקטן לייקענען אָפּ דאָס, וואָס באַביטשעוו האָט נאָר וואָס דערציילט. די פאַקטן זענען דערפאַר, אַז אין יענער צייט, ווען אי-וואַן באַביטשעוו איז אַלט געווען צוועלף יאָר, איז די לופטפליערײַ נאָך נישט דערגאַנגען צו יענער אַנטוויקלטער שטופע, אַז לופטבאַלאָנען זאָלן זיך שוין קאָנען באַווייזן איבער אַ פּראָווינציעלער שטאָט.

נאָר אויב דאָס איז אַפילו אויסגעטראַכט, איז אויך אַ קנאַפּער אומגליק! דאָס אויסגעטראַכטע איז די געליבטע פונם פאַרשטאַנד.

איוואַן באַביטשעווס פריינט האָבן מיט גרויס גענוס געהערט זיינע אימפּראָוויזאַציעס.

— און מיר דוכט זיך, אַז ביינאַכט, נאָך יענעם עגמת-נפשדיקן טאָג, האָט דער טאַטע מיינער געזען אין חלום די פאַרסאַלער שלאַכט. איינדערפרי איז ער אין גימנאַזיע נישט אַוועק. די מאַמע האָט אים אַוועקגעטראָגן אין קאַבינעט אַריין באָרזשאָם. גיכער פון אַלץ האָט ער געשווידערט פון די דעטאַלן פון דער שלאַכט. עס איז זייער מעגלעך, אַז ער האָט נישט געקאָנט שלום מאַכן מיט יענעם איזדיעקעווען זיך איבער דער געשיכטע, וואָס דער חלום האָט זיך דערלויבט... עס איז מעגלעך, אַז אים האָט זיך געחלומט, אַז דעם אויסגאַנג פון דער שלאַכט האָבן געבראַכט מיט זיך די באַלעאַרער שליידערער, וואָס זענען גע-קומען צו פליען אויף לופטבאַלאָנען...

מיט אַזאַ מין סוף האָט איוואַן באַביטשעוו פאַרענדיקט זיין נאַ-ווועלע וועגן זיינע זייפנבלאָזן.

אין אַ צווייטן פאַל האָט ער זיך געטיילט מיט זיינע פריינט מיט אַזאַ מין פּאַסירונג פון דער עפּאָכע פון זיין יוגנט:

— אַ סטודענט, וואָס האָט געהייסן שעמיאַט, איז געווען פאַר-ליבט אין אַ פריילן, און אַן ערגערע פאַמיליע איידער דעם פריילינס געדענק איך גאָרנישט... דערלויבט... דערלויבט... לאָמיר זאָגן, ליליע קאַפּיטאַנאַקי האָט מען גערופן די פריילין, וואָס האָט ווי אַ ציג גע-קלאַפּט מיט די אָפּצאַסלעך. מיר, יינגלעך, האָבן געוווּסט אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אויפן הויף, דער סטודענט האָט זיך געפּייניקט אונטער ליליעס באַלקאָן. ער האָט געחלשט, אָבער מורא געהאַט אַרויסרופן פון

הינטער דער באַלקאָן-טיר אָט דאָס מיידל, וואָס איז, ווייזט אויס, אַלט געווען אַ יאָר זעכצן, און וועלכע איז געווען פאַר אונז, יינגלעך, אַ זקנה.

עס האָט זיך געבלויט דעם סטודענטס היטל, עס האָבן זיך גע־רויטלט דעם סטודענטס באַקן. אויף אַ וועלאָסיפּעד פלעגט קומען צו פאָרן דער סטודענט. און נישט צו באַשרייבן איז געווען דעם סטודענטס אומעט, ווען אין איינעם אַ זונטיק, אין מאַי, אין איינעם פון יענע זונטיקן, וועלכע די מעטעאָראָלאָגישע וויסנשאַפט געדענקט נישט מער פון אַ צענדליק, אין אַזאַ מין זונטיק, ווען דאָס ווינטל איז געווען אַזוי זיס און ליבלעך, אַז עס האָט זיך געוואָלט אָנבינדן אים אַ בל.י סטענגעלע, איז אָט אין אַזאַ מין זונטיק איז דער סטודענט געקומען צו פליען צום באַלקאָן און דערזען דאָרטן אויפן באַלקאָן אָן אָנגע־שפּאַרטע אויף די פאָרענטשעס ליליעס מומע, אַ בונטיקע און בלומיקע, ווי אַ טשעכאָל אויף אַ פּאָטערשטול אין אַ קליינשטעטלדיקער אכסניה, — אין אַ קלייד פול באַשאָטן מיט בייגעלעך און האָרנדלעך, אין אַ פּאַרוקעלע, וואָס איז ענלעך געווען אויף אַ מויערקעפל... און די מומע האָט זיך בפירוש דערפרייט מיט שעמיאָטס קומען, — פונדערהויך, קאָן מען זאָגן, האָט זי אירע אָרעמס פאַרן סטודענט צעעפנט, און אַ זאָג געטון צו אים מיט אַזאַ מין קאַרטאָפלענער שטימעלע, מיט אַזאַ מין סלינעוואַטע שטימעלע, וואָס איז פול מיט צונג, ווי זי וואָלט בעת־מעשה געקייט עפּעס הייסעס:

„און לילעטשקע פאָרט גאָר אַוועק קיין כערסאָן. היינט פאָרט זי אַוועק. זיבן מיט פערציק. אויף לאַנג פאָרט זי אַוועק. אויף אַ גאַנצן זומער פאָרט זי אַוועק. זי האָט געהייסן לאָזן אייך גריסן, סערגיי סערגייאיטש! גריסן!”

אָבער דער סטודענט האָט מיטן חוש פון אַ פאַרליבטן אַלץ באַ־נומען. ער האָט געוווסט, אַז אין דער גאָלדענער טיף פון צימער יאָ־מערט ליליטשקע און אַז ליליטשקע רייסט זיך צום באַלקאָן און זעט, נישט זעענדיק, אים, דעם סטודענט, וועמענס רעקל, זייענדיק גענייט פון ווייסן שטאָף, האָט אַריינגעזאַפּט אין זיך לויט די געזעצן פון דער פיזיק, די גרעסטע צאָל שטראַלן און בלאַנקט דעריבער מיט אַ בלענדנ־דיקער אַלפּן-ווייסקייט, — אָבער אַרויסרייסן זיך פון צימער קאָן זי נישט, די מומע איז אַלמעכטיק...

„שענקט מיר אייער וועלאָסיפּעד, און איך וועל נקמה נעמען

פאַר אייך, — האָב איך געזאָגט צום סטודענט. — איך ווייס, לילקע האָט אין ערגעץ נישט געוואָלט פאָרן. מען באַגלייט זי אַרויס מיט אַ סקאַנדאַל. שענקט דעם וועלאָסיפּעד.

„ווי-זשע וועסטו נקמה נעמען?" — האָט דער סטודענט געפרעגט און געשראָקן זיך פאַר מיר. און אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך מיט אַן אומשולדיקער צורה געבראַכט צו לילעס מומע, כלומרשט פון מיין מאַמען, אַ מיטל קעגן בראָדאַווקעס. דידאָזיקע עלטערנדיקע זיך דאַמע האָט מיך צעקושט, דערביי האָבן די קושן אירע געמאַכט אויף מיר אַזאַ מין איינדרוק, ווי מען וואָלט אין מיר געשאָסן פון אַ ניי האָרנביקסל... פריינט מיינע, ס'איז געוואָרן גענומען נקמה פאַרן סטו-דענט! פון דער מומעס בראָדאַווקע איז אויסגעוואַקסן אַ בלימל, אַ באַשיידן פעלד-בלימל. עס האָט זיך צאַרט געצאַפּלט פון דער מומעס אָטעמען. מיט אַ חרפּה איז באַדעקט געוואָרן איר קאָפּ. מיט אויפגע-הויבענע הענט צום הימל, האָט זיך די מומע דורכגעטראָגן איבערן הויף, אָניאָגנדיק אויף אַלעמען אַ שרעק.

מיין פרייד איז געווען אַ טאָפּעלע. ערשטנס איז גלענצנדיק דורכגעפירט געוואָרן דער עקספּערימענט אויסצוהאָדעווען בלומען פון בראָדאַווקעס, און צווייטנס — דער סטודענט האָט מיר אַוועקגעשענקט זיין וועלאָסיפּעד. און אין יענער עפּאָכע, פריינט מיינע, איז אַ וועלאָסיפּעד געווען אַ זעלטנהייט. דעמאָלט האָט מען נאָך קאַריקאַטורן געמאָלט אויף די וועלאָסיפּעדיסטן.

— און וואָס איז געוואָרן דער סוף מיט דער מומע?

— אָ, מיין פריינט! זי האָט זיך אַזוי געלעבט מיט איר בלימל ביז האַרבסט. מיט גרויס האָפענונג האָט זי געוואַרט אויף די ווינטיקע טעג און דערוואַרטנדיק זיך, איז זי מיט די הינטערגערטנער, מיידנדיק די באַלעבטע גאַסן, אַוועק ערגעץ אין די גרינע ערטער... מאָראַלישע ליידן האָבן זי זייער שטאַרק געפּייניקט. זי האָט באַהאַלטן דאָס פּנים אירס אין שאַל, דאָס בלימל האָט ליב געקיצלט אירע ליפּן, און דאָס-דאָזיקע קיצלען האָט געקלונגען ווי אַ געשעפּטשע פון אַן אומעטיק אויסגעלעבטער יוגנט, ווי דער שאָטן פון עפּעס אַן איינאונאיינציקן, שיר נישט מיט די פּיס צעטראָטענעם קוש... זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן בערגל, אַראָפּגענומען דעם שאַל פון פּנים.

„נו, צעטראָג, צעטראָג אים אין אַלע פיר זייטן! נו, בלאָז אַראָפּ, בלאָז אַראָפּ די פאַרשאָלטענע בלעטלעך זיינע".—האָט זי אַ שפּרונג געטון.

ווי אויף צו להכעיס איז גראָד דער ווינט נישט געוואָרן. דער־פּאַר אָבער איז פון דער נאָענטסטער דאַטשע געקומען צו לויפן אַ מטורפע בין, און צילעווענדיק זיך צום בלימל, האָט זי זיך גענומען דרייען מיט אַ ווילדער הודזשעניש אַרום דער אָרעמער פרוי. די מומע האָט געמאַכט פּיס און אינדערהיים האָט זי באַפוילן דעם שטוב־מיידל אירן קיינעם נישט אַריינלאָזן צו איר. זי האָט זיך אַנידערגעזעצט אַנטקעגן שפּיגל און באַקוקט איר מיטיש פּנים, וואָס איז געווען באַ־פּוצט מיטן בלימל, און וועלכעס האָט איצט געהאַלטן אין איין דראָלן פונם ביס פון דער בין. איר פּנים האָט זיך איצט גענומען פאַרוואַנד־לען אין עפּעס אַ מין טראָפּישן ערד־געוויקס. אַ שוידער! און פּשוט אָפּשניידן דאָס בלימל — דאָס וואָלט געווען צו ריזיקאַל: פאָרט וואַקסט עס פון אַ בראָדאַוועקע! עס קאָן נאָך זיין אַ בלוט־פאַרגיפטונג!

וואַניאַ באַביטשעוו איז געווען אַ מושלם אין אַלע פּרטים. ער האָט פאַרפאַסט לידער און מוזיקאַלישע פּיעסן, אויסגעצייכנט געמאָלט, אַסאַך אַנדערע זאַכן געקאָנט טון, — ער האָט אַפילו צוגעטראַכט עפּעס אייגעם אַ טאַנץ, וואָס איז אויסגערעכנט געווען אויף אויסנוצן זיינע אויסערלעכע אייגנטימלעכקייטן: דיקלעכקייט, פוילקייט — ליב געהאַט זיך אַרומצוואַלגערן (ווי אַסאַך זעלטענע לייט אין זייערע יוגנט־יאָרן). דער טאַנץ האָט געהייסן — „דאָס קריגעלע״. ער האָט געהאַנדלט מיט פּאַפּירענע לופט־באַלאָנען, מיט פייפלעך, לאַמטערנדלעך. די יינגלעך זענען אים מקנא געווען, וואָס ער קען אַלץ און האָט אַזאַ שם. אין הויף האָט מען אים גערופן „דער מעכאַניק״.

דערנאָך האָט אין פּעטערבורג איוואַן באַביטשעוו געענדיקט דעם פּאָליטעכנישן אינסטיטוט (דעם מעכאַנישן אָפּטייל) גראָד אין יענעם יאָר, ווען עס איז געקעפּט געוואָרן דער ברודער זיינער ראָמאַן. אַלס אינזשיניער האָט איוואַן געאַרבעט אין דער שטאָט ניקאָלאַיעוו, נעבן אָדעס, אויף נאַוואַלס זאַוואָד, סאַמע ביזן אָנהויב פון דער אייראָפּעי־שער מלחמה.

און דאָ...

2

אבער צי איז ער גאָר געווען ווען נישט איז אַ אינזשעניער?

אין יענעם יאָר, ווען „דאָס פּערטעלע" האָט זיך געבויט, האָט זיך איוואַן פאַרנומען מיט אַ באַשעפטיקונג, וואָס שאַפט קנאַפּ כבוד, און פאַר אַן אינזשיניער איז עס פּשוט — אַ בזיון.

שטעלט אייך פאָר, אַז אין די ביר-האַלעס האָט ער געמאָלט די פּאָרטרעטן פון די, וואָס האָבן עס פאַרלאַנגט, פאַרפאַסט עקספּראָמפּטן אויף פּאַרטיקע טעמעס, געטראָפן דעם כאַראַקטער לויט די ליניעס אויף דער דלאָניע, דעמאָנסטרירט זיין זכרון, וואָס קאָן פאַרגעדענקען פינף הונדערט ווערטער, וואָס זענען פאַר אים דורכגעלייענט געוואָרן אין איין אָטעם.

אָפט פלעגט ער פון בוזעם-טאַש אַרויסשלעפּן אַ טעשל קאָרטן, ווערנדיק גלייך זייער ענלעך אויף אַ שווינדלער, און פלעגט זיך נעמען באַווייזן קונצן.

מען פלעגט אים מכבד זיין. ער פלעגט זיך צוזעצן, און דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן דאָס רעכטע געדיכטע: איוואַן באַביטשעוו האָט געדרשנט.

וועגן וואָס האָט ער גערעדט?

— מיר — דאָס איז די מענטשהייט, וואָס איז דערגאַנגען ביז צום ראַנד. — האָט ער גערעדט, קלאַפּנדיק מיטן קופל ביר אינם מירמל פון טיש, ווי מיט אַ טלאָ. — שטאַרקע פּערזענלעכקייטן, מענטשן, וואָס האָבן באַשלאָסן צו לעבן אַזוי, ווי זיי געפעלט, עגאָיסטן, עקשנים, — צו אייך ווענד איך זיך, ווי צו סאַמע קלוגסטע — אוואַנגאַרט מיינער! הערט, איר, די, וואָס שטייען פאָרויס! עס ענדיקט זיך די עפּאָכע. די כוואַליע קלאַפּט זיך אָן די שטיינער, די כוואַליע צעזידט זיך, דער ברויז גלאַנצט. וואָס זשע ווילט איר? וואָס? פאַרשווונדן ווערן, צע-ריבן ווערן אין פּיצינקע, איינציניקע טראָפּנדלעך אינם וואַסער-געזאָט?

ניין, מיינע פריינט, נישט אַזוי דאַרפט איר אומקומען! ניין! קומט צו מיר. איך וועל אייך אויסלערנען אומקומען!

די צוהערער האָבן פאַרנומען זיינע רייד מיט אַ געוויסן אָפּשיי, אָבער מיט אַ קנאַפּער אויפמערקזאַמקייט, אָבער פונדעסטוועגן האָבן זיי אים אונטערגעהאַלטן מיט אויסגעשריייען „ריכטיק!" און אַן אַנדערש־מאָל אויך מיט אַפּלאָדיסמענטן. נישט ווערן פלעגט ער שטענדיק מיט־אַמאָל. פלוצלונג און פאַרן אַוועקגיין פלעגט ער שטענדיק אַ זאָג טון איינע און דיזעלבע פיר שורות; געקלונגען האָבן די שורות אָט ווי אַזוי:

כ'בין דאָך נישט קיין שאַרלאַטאַן קיין דייטשישער,
קיין מענטשן גענאַר איך דאָך אוודאי נישט אויס!
כ'וויז נאָר שטילע האָקוס־פּאָקוסן סאָוועטישע,
אַ צויבער־בילדל, אַ פּישופל און — אויס!

ער האָט איינמאָל אַ זאָג געטון אויך אָט וואָס:

— די טויערן פאַרהאַקן זיך. איר הערט ווי זיי סקריפּען? רייסט זיך נישט. שפּאַר זיך נישט אַריבערצושפּרייזן אויף יענער זייט שוועל! שטעלט זיך אָפּ! דער אָפּשטעל — דאָס איז דער שטאַלץ. זייט שטאָלץ. איך בין אייער פירער, איך בין דער קעניג פון די גאָרנישטן. דער, וואָס זינגט און וויינט און שמירט מיט דער נאָז איבערן טישל, ווען דאָס גאַנצע ביר איז שוין אויסגעטרונקען, און מער קיין ביר גיט מען נישט, — יענער — אַהער צו מיר, יענעמס אָרט איז נעבן מיר. קומט אַהער, די וואָס זענען באַשווערט מיט שווערן אומגליק, די, וועמען עס טראָגט דאָס ליד. אָט דער, וואָס הרגעט דעם צווייטן אויס אייפערזוכט, אָדער דו וואָס קניפּסט זיך אַ שלייף פאַר זיך אַליין, — איך רוף אייך ביידן, קינדער פון אומקומענדיקן דור, קומט אַהער גאָר־נישטן און טרוימער, פאָטערס פון פאַמיליעס, וואָס היטן די אומשולד פון זייערע טעכטער, אָרנטלעכע באַלעבעסלעך, מענטשן, וואָס זענען נאָך טריי די טראַדיציעס, מענטשן, וואָס וואַרפן זיך נאָך אונטער די נאָרמעס פון ערע, חוב, ליבע, מענטשן, וואָס האָבן מורא פאַר בלוט און אומאָרדענונג, טייערע מיינע — סאָלדאַטן און גענעראַלן, — לאָמיר זיך אַ לאָז טון אין מאַרש אַריין! וווהין? איך וועל אייך פירן.

ער האָט ליב געהאַט עסן ראַקעס, אַ גאַנצער באַרג ראַקעס־שאַרבנס און ביינער זענען געלעגן אָנגעשאָטן אויף זיין טישל אונ־טער זיינע הענט. ער איז געלעגן אומציכטיק, זיין העמדל, וואָס איז

געוועזן אַזוי שמוציק, ווי דער האַנטוך אין דער ביר־האַלע. איז שטענדיק געוועזן צעשפּיליעט. אָבער עס פלעגט זיך אַמאָל טרעפן, ווען ער פלעגט קומען אַן אויסגעפּוצטער אין אָנגעקראָכמאַליעוועטע מאַנזשעטן. אָבער אויך די מאַנזשעטן פלעגן שטענדיק זיין שמוציק. אויב מען קאָן פאַרייניקן אין איין כאַראַקטער אומציכטיקייט מיט אַ נויגונג צו אויס־געפּוצטקייט, האָט מען עס ביי אים אין דער פולער מאָס געקענט געפינען. למשל: אַ האַרטער הוט. למשל: אַ בלימל אין לאַץ (וואָס האָט געשטעקט דאָרטן אַזוי לאַנג, ביז עס האָט זיך שיר אין אַ פּרוכט נישט פאַרוואַנדלט). און למשל: פּרענזן אויף די הויזן, און אַלס זכר פון די עטלעכע קנעפּלעך אויפן רעקל — אַ פּאָר עקלעך נאָר.

— איך בין — אַ ראַקעס־פּרעסער. קוקט: איך עס זיי נישט, איך צעמאָל זיי, ווי אַ פּריסטער. איר זעט? אויסגעצייכנטע ראַקעס. זיי זענען פאַרפּלאָנטערט אין וואַסער־געוויקסן. אָך, דאָס זענען נישט קיין וואַסער־געוויקסן? דאָס איז פּשוטע גרינס, זאָגט איר, נו, וואָס איז דאָ נישט אַלצאיינס? לאָמיר זיך אָפּרעדן, אַז דאָס איז וואַסער־געוויקסן. אַזוי אַרום קאָן מען פאַרגלייכן די ראַקעס צו אַן אַקרענט, וואָס איז אויפגעהויבן געוואָרן פון דעק ים. אויסגעצייכנטע ראַקעס. קאַמער־ראַקעס.

ער האָט אָפּגעלעקט די פויסט, אַ קוק געטון אין מאַנזשעט אַריין און אַרויסגעשלעפּט פון דאָרטן אַ שטיק ראַק.

אָבער צי איז ער גאָר געווען ווען נישט איז אַן אינזשעניער? צי איז נישט אַמאָל די גאַנצע מעשה אַ ליגן? ווי שטאַרק עס האָט זיך נישט געקלעפּט צו אים די פאַרשטעלונג וועגן אַן אינזשעניערישער נשמה, וועגן דער נאָענטקייט צו מאַשינעס, צו מעטאַל, צו צייכנונגען! גיכער האָט מען שוין אים געקאָנט האַלטן פאַר אַן אַקטיאָר, אָדער פאַר אַ געוועזענעם גלח. ער האָט אַליין אויך באַנומען, אַז די צוהערער זיינע גלויבן אים נישט. ער האָט אַליין גערעדט וועגן דעם מיט אַ געוויסער שפּילעוודיקייט אין אַ ווינקל־אויג.

דער דיקלעכער בעל־דרשן האָט זיך באַוויזן אין די ביר־האַלעס, דאָס אין איינער, דאָס אין דער צווייטער. איינמאָל איז ער דערגאַנגען דערצו, אַז ער האָט זיך דערלויבט אַרויפקריכן אויפן טיש... נישט קיין פלינקער, זייענדיק לחלוטין נישט צוגעגרייט צו אַזעלכע מינים קונצן, איז ער געקראָכן איבער די קעפּ, געכאַפּט זיך פאַר די פאַלמען־בלעטער, — האָבן זיך אַ שאָט געטון די פלעשער פון טיש, די

פּאַלמע איז אומגעפאַלן, — ער האָט זיך אָבער פאַרפעסטיקט אויפן טיש, צעפּאָכעט זיך מיט צוויי פוסטע ביר-קופלען, ווי מיט צוויי געוויכטער, און צעשריען זיך.

— אָט שטיי איך אויף די הויכן און באַקוק די אַרמיי, וואָס קריכט אונטן! צו מיר! צו מיר! גרויס איז מיין חייל! אַקטיאָרלעך, וואָס חלומען וועגן רום! אומגליקלעכע איינגעליבטע! אַלטע מיידן! בוכפירער! ערנגייציקע! נאַראָנים! ריטער! פּחדנים! צו מיר! עס איז געקומען דער קעניג אייערער, איוואַן באַביטשעוו? די צייט איז נאָך נישט געקומען, — גיך, גיך וועלן מיר זיך אין מאַרש אַריינלאָזן... קריך זיך צונויף, חייל!

ער האָט אַ שליידער געטון דעם קופל, אַרויסגעכאַפּט פון עמעצנס הענט די האַרמאָניקע און זי אַ צי-אויס געגעבן איבערן בויך. דער קרעכץ, וואָס ער האָט פון דער האַרמאָניקע אַרויסגעריסן, האָט אַ שטוי-רעם אויפגעהויבן: פּאַפּירענע סערוועטקעס זענען געפלויגן ביז צו דער סטעליע...

פון הינטערן בופעט האָבן זיך אַ לאָז געטון מענטשן אין פאַר-טוכער און צעראַטעטע מאַנזשעטן.

— ביר! ביר! דערלאַנגט אונז נאָך ביר! מיר דאַרפן אויסטרינ-קען פאַר גרויסע געשעענישן!

אָבער מער קיין ביר האָט מען זיי נישט געגעבן, די קאָמפּאַניע האָט מען אַרויסגעשטעלט הינטער דער טיר, אין דער פינסטערניש אַריין, און דעם בעל-דרשן, איוואַנען, דעם סאַמע נידעריקסטן, דאָס סאַמע קלענסטע און שווערסטע מענטשעלע, האָט מען אויך אַהין אַרויס-געשטופּט, פון עקשנות און כעס האָט איוואַן באַביטשעוו פּלוצלונג מאָדנע שווערקייט און טויטע אומבאַוועגלעכקייט באַקומען; ווי אַ שווער אייזערן נאַפּט-פעסל האָט מען אים פון דער ביר-האַלע אַרויס-געקוילערט.

מיאוס האָט מען אים אַ רוק אָן געגעבן דעם האַרטן הוט אויף זיין קאָפּ.

ער איז אַוועק איבער דער גאַס און צעוואַקלט זיך אין אַלע זייטן, ווי עמעצער וואָלט אים פון האַנט צו האַנט געוואָרפן, — און נעבעכדיק עפּעס געזונגען אָדער געוואָיעט. די דורכגייער האָבן זיך אויף אים אומגעקוקט.

— אָפעליע! — האָט ער געזונגען. — אָפעליע — בלויז אָט דאָס

איינע וואָרט; עס האָט זיך געטראָגן איבער זיין וועג אָט דאָס וואָרט. עס האָט זיך געדוכט, אַז דאָס וואָרט לויפט אים פאָרויס, דרייט און ווירבלט זיך איבער אים.

אין יענער נאַכט האָט ער באַזוכט זיין באַרימטן ברודער. ביים טיש זענען צווייען געזעסן. איינער קעגן דעם אַנדערן. אין מיטן איז געשטאַנען דער לאָמפּ אונטערן גרינעם אַבאַזשור. עס איז געזעסן דער ברודער אַנדריי און וואָלאָדיע. וואָלאָדיע איז געשלאָפן, אָנגעשפּאַרט מיטן קאָפּ אויף אַ בוך. איוואַן האָט זיך אַ שכורער אַ לאָז געטון צום דיוואַן. ער האָט זיך לאַנג געמאַטערט, געוואָלט אַלץ דעם דיוואַן אונ-טעררוקן אונטער זיך, ווי מען רוקט אונטער אַ שטול.

— דו ביסט שכור, וואַניע, — האָט דער ברודער זיינער צו אים אַ זאָג געטון.

— איך פאַראַכט דיך, — האָט איוואַן געענטפערט.—דו ביסט אַן אָפּגאָט.

— דו שעמסט זיך נישט, וואַניע? לייג זיך שלאָפן. איך וועל דיר געבן אַ קישן! נעם אַראָפּ דעם הוט.

— דו גלויבסט נישט קיין וואָרט מיינעם. דו ביסט אַ טעמפּער קלאָץ, אַנדריי. שלאָג מיר נישט איבער. אַנישט וועל איך צעברעכן דעם אַבאַזשור אין וואָלאָדיעס קאָפּ. שוויג. פאַרוואָס גלויבסטו נישט אין דעם, אַז עס עקזיסטירט „אָפּעליע״? פאַרוואָס גלויבסטו נישט, אַז איך האָב דערפונדן אַ ווונדערלעכע מאַשין?

— דו האָסט גאָרנישט נישט דערפונדן, וואַניע, דאָס איז ביי דיר אַן איינרעדעניש. אַ שלעכטער וויץ איז עס. נו, ווי שעמסטו זיך נישט, האַ? דו האַלסט דאָך מיך פאַר אַ נאַר. נו, וואָס איז עס פאַר אַ מאַשין, ? נו, איז דען מעגלעך אַזאַ מאַשין? און וואָס עפּעס „אָפּעליע״? און פאַרוואָס טראָגסטו עפּעס אַ האַרטן הוט? וואָס ביסטו אַ שמאַטע-קלייבער אָדער אַ קאָנסול?

איוואַן האָט געשוויגן. דערנאָך, ווי ער וואָלט מיטאַמאָל אויס-געניכטערט געוואָרן, האָט ער זיך פון זיין אָרט אויפגעהויבן און מיט פאַרדריקטע פויסטן אַ לאָז געטון זיך אויף זיין ברודער:

— דו גלויבסט נישט? דו גלויבסט נישט? אַנדריי, שטעל זיך, ווען מיט דיר רעדט דער פירער פון אַ פיל-מיליאָניקער אַרמיי. דו וואַגסט נישט צו גלויבן מיר? דו זאָגסט, אַז אַ מאַשין איז נישטאָ? אַנדריי, איך מעלד דיר: דו וועסט אומקומען פון אָט דער מאַשין.

— טומל נישט, — האָט דער ברודער געענטפערט, — דו וועסט וואָלאָדיען אויפוועקן.

— איך שפּיי אויף דיין וואָלאָדיען. איך ווייס, ווייס דיינע פּלענער. דו ווילסט אַרויסבאַקומען אַ נייעם סאָרט מענטש. מיין טאַטע איז דיר נישט קיין אינקובאַטאָר. דו וועסט זי נישט באַקומען. איך וועל זי וואָלאָדיען נישט אָוועקגעבן. מיט די אייגענע הענט וועל איך זי דערשטיקן.

ער האָט געמאַכט אַ פּויזע. און מיט אַ ווונק אין אַ ווינקל אויג, אַריינשטופּנדיק די הענט אין די טאַשן און ווי אונטערהויבנדיק מיט די הענט דעם בייכל זיינעם, וואָס האָט זיך אַביסל אַרויסגעשטעלט, האָט ער מיט אַ פולער מאָס גיפט אין טאָן אַ זאָג געטון:

— דו האָסט אַ טעות, ברודערקע, דו שיטסט זיך אַליין זאַמד אין די אויגן. כאַ-כאַ, ליבינקער, דו מיינסט, אַז וואָלאָדיען האָסטו ליב דערפאַר, ווייל וואָלאָדיע איז אַ נייער מענטש? אַ פּייג, אַנדריושע, אַ פּייג... נישט דאָס, אַנדריושע, נישט דאָס... גאָר עפּעס אַנדערש.

— וואָס-זשע? — האָט גרויזאַם אַנדריי אַ פרעג געטון.

— פּשוט, דו ווערסט אַלט, אַנדריושע. און פּשוט דו האָסט זיך פאַרבענקט נאָך אַ זון. און פּשוט פאָטערלעכע געפילן פּילסטו. די משפּחה — זי איז אייביק, אַנדריושע. און די סימבאָליזאַציע פון דער נייער וועלט אין דער געשטאַלט פון אַ קנאַפּ וואָס אָנזעעוודיקן יינגלינג, וואָס איז נאָר באַרימט אויפן פוטבאָל-פּלאַץ — דאָס איז בלאָטע...

וואָלאָדיע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

— אַ גרוס עדיסאָנען פון דעם נייעם דור! — האָט איוואַן אויסגעשריען. — הוראַ! — און ברייט זיך פאַרנויגט.

וואָלאָדיע האָט אַ שווייגנדיקער געקוקט אויף אים. איוואַן האָט געלאַכט.

— נו, איז ווי-זשע, עדיסאָן? דו גלייבסט אויך נישט, אַז עס איז דאָ אַזאַ מין „אָפּעליע״?

— איוואַן פּעטראָוויטש, אייך באַדאַרף מען אָוועקזעצן אין אַ משוגעים-הויז, — האָט געגעצנדיק וואָלאָדיע אַ זאָג געטון.

אַנדריי האָט זיך קורץ צעהירזשעט.

דעמאָלט האָט דער בעל-דרשן אַ שליידער געטון זיין האַרטן הוט אויפן דיל.

— כאַמעס! — האָט ער אַ געשריי געטון, און נאָך אַ פּויזע —

אַנדריי! דו דערלויבסט עס? פאַרוואָס דערלויבסטו דעם בייסטרוקל צו באַליידיקן דיין ברודער?

דאָ האָט איוואַן נישט געזען זיין ברודערס אויגן, — געזען האָט איוואַן בלויז דעם גלאַנץ פון די גלעזלעך.

— איוואַן, — האָט אַנדריי אַ זאָג געטון, — איך בעט דיך מער קיינמאָל נישט קומען צו מיר. דו ביסט נישט קיין משוגענער. דו ביסט אַן אויסוואורף.

3

עס איז אַוועק אַ רייד וועגן נייעם בעל-דרשן.

פון די ביר-האַלעס האָבן זיך די קלאַנגען אריבערגעוואָרפן אין די דירות, אַוועקגעקראָכן מיט די הינטער-טירן אין די קיכן אַריין, — אין דער שעה פון פרימאָרגנדיקן איינוואַשן זיך, אין דער שעה, ווען די פרימוסן זענען געצונדן געוואָרן, האָבן די מענטשן, וואָס האָבן געהיט, אַז די מילך זאָל נישט אויסלויפן, און די אַנדערע, וואָס האָבן געטאַנצט אונטער די קראַנען ביים איינוואַשן זיך, געפלאַפלט און געטרייבערט די קלאַנגען וועגן בעל-דרשן.

די קלאַנגען זענען אַריינגעדרונגען אין די אַנשטאַלטן, אין די אָפרו-הייזער, אויף די מערק.

עס איז פאַרפאַסט געוואָרן אַ געשיכטע וועגן דעם, ווי אַזוי אויף דער חתונה פון איינעם אַן אינקאַסאַטער אויף יאַקימאַנקע איז געקומען אַן אומבאַוווסטער בירגער (אין אַ האַרטן הוט, — האָט מען אָנגעוויזן איינצלהייטן, — אַן אָפגעשליסן פאַרדעכטיק מענטשל — נישט קיין אַנדערער, ער, באַביטשעוו איוואַן), און דערשיינענדיק פאַר אַלעמענס אויגן אין סאַמע מיטן ברען פון דער חתונה-וועטשערע, האָט ער געפאָדערט צו זיך אויפמערקזאַמקייט, כדי ער זאָל קאָנען האַלטן זיין רעדע — אַ ווענדונג צו דער יונגער פאָר. ער האָט געזאָגט:

— מען דאַרף נישט ליב האָבן איינער דעם אַנדערן. מען דאַרף נישט פאַרייניקן זיך. חתן, וואַרף אַוועק די כלה! סאַראַ פרוכט וועט אייך ברענגען אייער ליבע? איר וועט ברענגען אויף דער וועלט אייער שונא, ער וועט אייך אויפפרעסן.

דער חתן, האָט מען געשמועסט, האָט זיך אַ וואָרף געטון אין

אַ געשלעג. די כּלה איז געפאַלן אין חלשות. דער גאַסט איז אַוועק זייער אַ באַליידיקטער, און עס האָט זיך גלייך כּלומרשט אַרויסגעוויזן, אַז דער גאַנצער פּאַרטוויין, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש אין די פלעשער, איז מאָמענטאַל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין וואַסער.

עס איז אויך צוגעטראַכט געוואָרן נאָך איינע אַ וואונדערלעכע געשיכטע.

עס איז כּלומרשט דורכגעפאָרן אויף איינעם זייער אַ באַלעבטן אָרט (אייניקע האָבן אָנגערופן די נעגלינע גאַס נעבן קוזנעצקי מאָסט, אַנדערע, די טווערסקאַיאַ גאַס נעבן סטראַסטנאָי מאָנאַסטיר) אַן אויטאָמאָביל, אין וועלכן עס איז געזעסן איינער אַ סאָלידער בירגער, אַ דיקלעכער, אַ רויט-פּנימדיקער, מיט אַ טעקע אויף די קני.

און עס איז כּלומרשט אַרויסגעלאָפן פונם עולם אויפן טראָטואַר דער ברודער זיינער איוואַן, אַט סאַמע יענער, דער באַרימטער מענטש. ווען ער האָט דערזען, ווי דער ברודער זיינער פאָרט זיך אַרום אין אויטאָמאָבילן, האָט ער זיך געשטעלט דער מאַשין אין וועג, אויסגע-שפּרייט זיינע הענט אין די זייטן, אַט ווי ביי אַ גולם אין אַ גאָרטן, אָדער ווי אַ מענטש שרעקט אַ פערד, וואָס האָט זיך צעטראָגן. דער שאָפער האָט באַוויזן צו פאַרהאַמעווען דעם גאַנג פון דער מאַשין. דער שאָפער האָט געהאַלטן אין איין פייפן און וואָרענען, אַז דער מענטש זאָל פון וועג אַראָפּ און די מאַשין דורכלאָזן, אָבער דער גולם האָט דעם וועג דער מאַשין נישט אָפּגעטראָטן.

— שטיי! — האָט מיט אַלע זיינע כּוחות דער מענטש אויסגע-שריען. — שטיי, קאָמיסאַר! שטיי, קינדער-גנב!

און דער שאָפער האָט גאָרנישט געקאָנט מאַכן — ער האָט גע-מוזט די מאַשין פאַרהאַמעווען, אָפּשטעלן. די באַוועגונג האָט זיך אָפּ-געשטעלט. עטלעכע מאַשינען זענען שיר קאַפּויר נישט אויפגעהויבן געוואָרן אויף די הינטערשטע רעדער, שיר נישט אַרויפגעקראָכן אויף דער פאָדערשטער, און דער אויטאָבוס האָט זיך צערעוועט, אָפּגעשטעלט זיך, געבליבן שטיין אַן אומרויִקער, גרייט זיך אונטערגעבן, אויפהויבן זיינע עלעפאַנט-שינעס און אַוועקקריכן אויף צוריק...

דער מענטש, וואָס איז געשטאַנען אויפן ברוק מיט צעשפּרייטע הענט, האָט געבעטן עס זאָל שטיל ווערן.

און אַלץ אַרום איז שטיל געוואָרן.

— ברודער, — האָט דער מענטש אַ זאָג געטון, — פאַרוואָס

פֿאַרסטו אין אַן אויטאָמאָביל, און איך גיי צופֿוס ? עפֿן דאָס טירל, גיב זיך אַ רוק, לאָז מיך אַריין, מיר פּאַסט אויך נישט גיין צופֿוס. דו ביסט אַ פֿירער, אָבער איך בין אויך אַ פֿירער.

און, ווירקלעך, ווי נאָר ער האָט אַ זאָג געטון אָט די ווערטער, זענען געקומען צו לויפֿן צו אים פֿון פֿאַרשידענע זייטן מענטשן: אייניקע זענען אַרויסגעשפּרונגען פֿון אויטאָבוס, אַנדערע — פֿון די אַרומיקע ביר-האַלעס, די דריטע זענען געקומען פֿון בולוואַר, און יענער, דער, וואָס איז געזעסן אין אויטאָמאָביל, דער ברודער, האָט זיך אויפֿגעהויבן אין אויטאָמאָביל און דערזען פֿאַר זיך די לעבעדיקע באַריקאַדע.

ווייל ער איז געשטאַנען אין אויטאָמאָביל, האָט ער אויסגעזען העכער פֿאַר די אַלע איבעריקע מענטשן אַרום, און זין אויסזען האָט ער געהאַט אַזאַ רוגזהדיקן, אַז עס האָט זיך געדוכט, אַז אָט וועט ער באַלד אַ שפּאַן טון און אַוועקלאָזן זיך איבער דער מאַשין, איבער דער פּלייצע פֿון שאָפֿער, אַוועקלאָזן זיך אויף דער באַריקאַדע, ווי אַ ריזי־קער שפּאַנענדיקער סלופּ, וואָס וואַלגערט אום אַלץ, וואָס טרעפֿט זיך אים אין וועג...

און איוואַן, ווי מען וואָלט אים אויף די הענט אויפֿגעהויבן: ער האָט זיך דערהויבן איבער דעם עולם אָנהענגער זיינע, געהוידעט זיך אינדערלופֿטן, נישט געוואָרן, ווידער אַרויסגעשווומען; דער האַרטער הוט זיינער האָט זיך ביי אים אַראָפּגערוקט אויף דער פּאַטיליצע, און עס איז אָפּגעדעקט געוואָרן זיין גרויסער קלאָרער שטערן פֿון אַ פֿאַר־מאַטערטן מענטשן.

און אַראָפּגעשלעפּט האָט אים דער ברודער זיינער אַנדריי פֿון דער הויכקייט זיינער, אָנכאַפּנדיק אים פֿאַר די הויזן אויפֿן בויך. און ער האָט אים אַזוי אַ שליידער געטון צום מיליציאָנער.

— אין געפּעאו! — האָט ער אַ זאָג געטון.

און ווי נאָר דאָסדאָזיקע צוויבערוואָרט איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן, האָט זיך גלייך אויפֿגעכאַפּט דער גאַנצער אַרום פֿון זיין הינער־פּלעט: עס האָבן אַ גלאַנץ געטון די שפּיצעס אויף די רעדער, די רעדער האָבן זיך אַוועקגעקוילערט. די טירלעך זענען פֿאַרהאַקט געוואָרן, און די אַלע טוּאונגען, וואָס זענען אָנגעהויבן געוואָרן פֿאַרן הינער־פּלעט, האָבן באַקומען זייער ווייטערדיקע אַנטוויקלונג.

איוואַן איז געזעסן אַרעסטירט צען טעג.

ווען ער האָט זיך אומגעקוקט אויף דער פרייהייט, האָבן זיינע פריינט, די מיט-טרינקער זיינע, געפרעגט ביי אים, צי איז עס אמת, אַז דער ברודער זיינער האָט אים אַרעסטירט אינמיטן דער גאַס ביי אַזעלכע מיני ווונדערלעכע אומשטענדן, ער האָט זיך אויסגעלאַכט.

— דאָס איז אַ ליגן, אַ לעגענדע, מען האָט מיך פשוט אין דער ביר-האַלע פאַרהאַלטן, איך מיין, אַז מען האָט שוין אַ לאַנגע צייט פריער געהאַט אַכטונג געגעבן אויף מיר, אָבער, פונדעסטוועגן, ס'איז גוט, וואָס לעגענדעס ווערן געשאַפן, דער סוף פון אַן עפּאָכע, די איבערגאַנג-צייט פאָדערט זיך אירע לעגענדעס און מעשיות, נו, איז וואָס-זשע, איך בין גליקלעך דערמיט, וואָס איך וועל זיין דער העלד פון איינער אַזאַ מין מעשה, און עס וועט זיין נאָך איין לעגענדע: וועגן אַ מאַשין מיטן נאָמען „אָפּעליע"... די עפּאָכע וועט שטאַרבן מיט מיין נאָמען אויף די ליפּן. איך וועל זיך שוין אַ סטאַרע טון דערויף.

מען האָט אים פריינעלאָזן, אָבער אַ דראָע געטון מיט אַרויסשיקן: וואָס האָט מען אים געקאָנט אינקרימינירן אין געפּעאו?

— איר האָט זיך אָנגערופן אַלס קעניג? — האָט דער אויספאָר-שער ביי אים געפרעגט.

— יאָ... אַלס קעניג פון די גאָרנישטן.

— וואָס באַטייט עס?

— איר פאַרשטייט מיך, ביי אַ גרויסער קאַטעגאָריע מענטשן עפן איך די אויגן...

— אויף וואָס עפנט איר ביי זיי די אויגן?

— זיי דאַרפן באַנעמען זייער פאַרמשפּטקייט.

— איר האָט געזאָגט: אַ גרויסע קאַטעגאָריע מענטשן: וועמען מיינט איר אונטער דערדאָזיקער קאַטעגאָריע?

— אָט די אַלע, וועמען איר רופט אָן יורדים, די טרעגער פון די יורדישע שטימונגען. דערלויבט, כ'וועל עס אייך דעטאַלער געבן צו דערקלערן.

— איך וועל אייך זיין דאַנקבאַר.

— ...אַ גאַנצע ריי מענטשלעכע געפילן, דוכט זיך מיר, וועט דאַרפן אונטערגיין און פאַרניכטעט ווערן...

— למשל? די געפילן פון...

— ...רחמנות, צאַרטקייט, שטאָלץ, אייפערזוכט, ליבע, — מיט

איין וואָרט, כמעט די אַלע געפילן, פון וועלכע עס איז באַשטאַנען די נשמה פון דעם מענטשן, פון דער אויסגייענדיקער עפּאָכע. די עפּאָכע פון סאָציאַליזם וועט באַשאַפן אָנשטאָט די פריערדיקע געפילן אַ נייע סעריע צושטאַנדן פון דער מענטשלעכער נשמה.

— אַזוי-וי.

— איך זע, אַז איר באַנעמט מיך נישט. אַ קאָמוניסט, ווען עס האָט אַ ביס געטון די שלאַנג פון אייפערזוכט, ווערט פאַרפאַלגט, און אַ קאָמוניסט אַ בעל-רחמן ווערט אויך פאַרפאַלגט. דאָס בלימעלע פון רחמנות, די יאַשטשעריצע פון ערנגייציקייט, די שלאַנג פון אייפערזוכט — דידאָזיקע פלאָרע און פאַונע דאַרף אַרויסגעטריבן ווערן פון האַרץ פונם נייעם מענטש.

...איר וועט מיר אַנטשולדיקן, איך רעד עטוואָס פאַרביק. אייך וועט זיך אויסדוכטן, מליצהדיק? אייך איז נישט שווער? איך דאַנק אייך. וואַסער? ניין, איך וויל נישט קיין וואַסער... איך האָב ליב צו רעדן שיין...

...מיר ווייסן, אַז דער קבר פון קאָמיוגיסט, וואָס האָט אויף זיך אַ האַנט אַרויפגעלייגט, ווערט באַפּוצט אַחוץ מיט בלומען, אויך מיט קללות פון זיינע מיטקעמפער. דער מענטש פון דער נייער וועלט זאָגט: זעלבסטמאָרד איז אַן אַקט אַ יורידישער, און אַ מענטש פון דער אַלטער וועלט פלעגט זאָגן: ער האָט געמוזט מיט זיך פאַרענדיקן, כדי צו ראַטעווען זיין ערע, אויף אַזאַ מין אופן זעען מיר, אַז דער נייער מענטש לערנט זיך צו פאַרהאַסן די אוראַלטע געפילן, ווען די פּאָעטן און די מוזע פון דער געשיכטע אַליין האָבן רום געשאַפן. נו, איז אָט, איך וויל מאַכן דעם לעצטן פּאַראַד אָט די געפילן.

— אָט דאָס איז עס, וואָס איר רופט אָן די פאַרשווערונג פון די געפילן?

— יאָ, דאָס איז עס די פאַרשווערונג פון די געפילן, אין דער שפּיץ פון וועלכער איך שטיי.

— זעצט פאָר.

— יאָ, איך וואָלט געוואָלט פאַרייניקן אַרום זיך אַ געוויסע טרופּע... איר פאַרשטייט מיך?

— ... איר פאַרשטייט, מען קאָן דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז די אוראַלטע געפילן זענען געווען פּרעכטיק. די ביישפּילן פון גרויסער ליבע, לאָמיר זאָגן, צו דער פרוי, אָדער צום פאָטערלאַנד. מאַלע וואָס!

ווייט מודה, עפּעס וואָס פון אַט דעם סאָרט דערינערונגען רירט נאָך ביז היינטיקן טאָג, אַן אמת דאָך? איז אָט וואָלט זיך מיר געוואָלט...

... איר ווייסט, עס טרעפט אַמאָל, אַז אַן עלעקטריש לעמפּל ווערט פּלוצלונג אויסגעלאָשן. איבערגעברענט געוואָרן, זאָגט איר. אָבער אויב מען זאָל אָט דאָס עלעקטרישע לעמפּל אַ טרייסל טון, קאָן עס אויפבליצן און אַ געוויסע צייט וועט עס נאָך לייכטן. אינעווייניק, אינם לאָמפּ, איז פאָרגעקומען אַ קאַטאַסטראָפע, די וואָלפראַם-פעדעם האָבן זיך איבערגעריסן, אָבער ווען מען גיט אַ טרייסל, פאַרייניקן זיך די אָפּגעריסענע שפּיצן פון די וואָלפראַם-פעדעם, און דאָס לעמפּל ווערט אויף אַ שטיקל צייט צוריק אויפגעלעבט. אַ קורץ, נישט נאַטירלעך, אַן אָפּן-פאַרמשפּט לעבן איז עס — אַ פיבער, מיט אַ צו העלן גלי שיינט דאָס לעמפּל, מיט אַ צו העלן שיין לייכט עס, אָבער דערווייל איז עס לעבן. דערנאָך וועט קומען די פינסטערניש, דאָס לעבן וועט זיך נישט צוריקקערן, און אין דער פינסטער וועלן בלויז קלינגען די טויטע, איבערגעברענטע פעדעם, איר פאַרשטייט מיך? אָבער דער קורצער שיין איז פּרעכטיק!

... איך וויל אויפטרייסלען...

... איך וויל אויפטרייסלען דאָס האַרץ פון דער איבערגעברענ־טער עפּאָכע. דאָס לאָמפּ-האַרץ, כּדי די שפּיצן זאָלן זיך פאַרייניקן...

... און אַרויסרופן אויף אַ ווײַלע דעם פּרעכטיקן גלאַנץ...

... איך וויל געפינען פאַרשטייער פון דאָרטן, פון דעם, וואָס איר רופט אָן די אַלטע וועלט, יענע געפילן האָב איך אין מיין אייפערזוכט, ליבע צו דער פרוי, ערנגייציקייט. נאָר אַזאַ מין וויל איך געפינען, כּדי צו באַווייזן אים אייך: אָט, חברים, איז דער פאָר־שטייער פון יענעם מענטשלעכן צושטאַנד, וואָס ווערט אָנגערופן מיטן נאָמען „נאַרישקייט״.

... אַסך כאַראַקטערן האָבן געשפּילט די קאָמעדיע פון דער אַלטער וועלט, דער פאַרהאַנג לאָזט זיך אַראָפּ. די פּערסאָנאַזשן דאַרפן זיך צונויפלויפן צו דער אַוואַנסצענע און אויסזינגען די לעצטע קופּ־לעטן, איך וויל זיין דער פאַרמיטלער צווישן זיי אין דעם צושויער־זאַל. איך וועל דיריזשירן מיטן כאָר און דער לעצטער אַוועק פון דער סצענע.

... אויף מיין גורל איז אויסגעפאַלן דער כּבוד צו דורכפירן אין אַ לעצטן פּאַראַד די אוראַלטע מענטשלעכע ליידנשאַפטן...

... דורך די אויגן-דורכשניטן פון איר מאַסקע שפּירט אונז נאָך מיט איר פינקלדיקן בליק די געשיכטע, און איך וויל איר באַווייזן: אָט איז אַ פאַרליבטער, אָט איז אַן ערנגייציקער, אָט איז אַ פאַרעטער, אָט איז אַ זינלאָזער העלד, אָט איז אַ זיכערער פריינט, אָט איז אַ פאַרבלאַדזעטער זון, — אָט זענען זיי, די טרעגער פון די גרויסע געפילן, וואָס זענען איצט דערקלערט געוואָרן אַלס נישטיקע און נאַרישע, זאָלן זיי צום לעצטן מאָל איידער זיי וועלן פאַרשווינדן, איידער זיי וועלן ווערן אויסגעלאַכט, זאָלן זיי זיך אַנטפּלעקן אין זייער הויכער אָנשטרענגונג.

— איך הער זיך צו צו אַ פרעמדן געשפּרעך, וועגן אַ גאָל-מעסער רעדט מען. וועגן אַ משוגענעם, וואָס שניידט זיך איבער דעם גאָרגל. דאָ גיט דערביי אַ פלי אַ פרויען-נאָמען, ער איז נישט געשטאָרבן, דער זינלאָזער, דעם גאָרגל האָט מען אים פאַרנייט, און ער האָט ווידעראַמאָל זיך אַ פאַסעווע געטון מיטן גאָלמעסער אויפן זעלבן אָרט. ווער זשע איז ער? באַווייזט מיר אים, איך באַדאַרף אים האָבן, איך זוך אים, און זי זוך איך אויך, זי, די דעמאָנישע פרוי, און אים דעם טראַגיש-איינגעליבטן — זיי ביידן זוך איך, אָבער ווו זאָל איך אים זוכן? אין סקליפּאַטאָווסקיס שפּיטאָל? און זי? ווער איז זי? אַ קאַנטאָר-מיידל? אַ נעפּמאַנס אַ טעכטערל?

... מיר איז זייער שווער צו געפינען העלדן...

... קיין העלדן זענען נישטאָ...

... איך קוק אַריין אין פרעמדע פענסטער, איך הויב זיך אויף אויף פרעמדע טרעפּ. אָפּטמאָל לויף איך נאָך אַ פרעמדן שמייכל, מיט אַ שפּרונגעלע, ווי אַ נאַטוראַליסט יאָגט זיך נאָך אַ באַבעלע! מיר ווילט זיך אַ געשריי טון: „שטעלט זיך אָפּ! מיט וואָס בליט יענער קוסט, פונוואַנען עס איז אַרויסגעפלויגן דער שוואַכער און שטיפערישער שמעטערלינג פון אייער שמייכל? פון וואָס פאַר אַ געפיל איז דערדאָזיקער קוסט? די ראָזאָווע שטעכערלעך פון אומעט אָדער די ווייניפּערלעך פון קליינלעכער ערנגייציקייט? שטעלט זיך אָפּ! איך באַדאַרף אייך האָבן...

... איך וויל צונויפקלייבן אַרום זיך אַסאַך, כדי איך זאָל קאָנען האָבן אַן אויסוואַל און אויסקלייבן די בעסטע פון זיי, די העלסטע פון זיי, באַשאַפן אַ מין שלאָג גרופּע, צו וואָס... אַ גרופּע פון געפילן.

... יאָ, דאָס איז אַ פאַרשוועררונג, אַ פרידלעכער אויפשטאַנד. אַ פרידלעכע דעמאָנסטראַציע פון געפילן.

... איך וועל, לאָמיר זאָגן, אויסזוכן ערגעץ־ווו אַ פול בלוטיקן, הונדערט־פראָצענטיקן ערנגייצלער. איך וועל אים זאָגן: אַנטפלעקט זיך! באַווייז די, וואָס פאַרשטופן דיך אין אַ ווינקעלע, באַווייז זיי, אַז עס איז ערנגייציקייט אויף דער וועלט. טו אָפּ אַזאַ מין טאַט, וועגן וועלכן מען זאָל זאָגן: „אָ, נידערטרעכטיקע ערנגייציקייט! אָ, ווי גרויס איז דער כּוח פון ערנגייציקייט!“ אָדער, לאָמיר זאָגן, עס וועט מיר גליקן צו געפינען אַן אידעאַל־לייכטזיניקן מענטשן. וועל איך אים אויך אַ בעט טון: „אַנטפּלעקט זיך, באַווייזט דעם כּוח פון דעם לייכטזין. אַז די צושויער זאָלן זיך צעאַפּלאָדירן“.

... די זשעניס פון געפילן געוועלטיקן איבער די נשמות. מיט איין נשמה פירט אָן דער זשעני פון שטאָלץ, מיט דער צווייטער — דער זשעני פון מיטלייד, איך וויל זיי אַרויסבאַקומען, אָט די דאָזיקע שדים, און אַרויסלאָזן זיי אויף דער אַרענע.

אויספאָרשער: איז וואָס זשע? אייך איז שוין געלונגען עמעצן צו געפינען?

איוואַן: איך האָב לאַנג געראָפן, לאַנג געזוכט, דאָס איז זייער שווער, מעגלעך, אַז מען פאַרשטייט מיך נישט, אָבער איינעם האָב איך געפונען.

אויספאָרשער: ווער זשע איז ער עס?

איוואַן: אייך אינטערעסירט דאָס געפיל, וועמענס טרעגער ער איז, אָדער זיין נאָמען?

אויספאָרשער: אי דאָס אי יענץ.

איוואַן: ניקאָליי קאַוואַלעראָוו. אַ פּינוי.

4

ד יי זענען אַוועק פון שפּיגל.

איצט זענען שוין די צוויי קאָמיקער געגאַנגען צוזאַמען. איינער, דער, וואָס איז געווען נידעריקער און דיקלעכער, איז אויף אַ טראָט פאָרויסגעלאָפן, דאָס איז געווען איוואַן באַביטשעוו רגילות. ווען ער האָט געשמועסט מיט זיין מיטגייער, איז ער געצוווּנגען געווען אַלע

ווײַלע זיך אומצודרייען צו אים. אויב אים איז אויסגעקומען ארויסצו־זאָגן אַ לאַנגן זאַץ (און די זאַצן זײַנע זענען קיינמאָל נישט קורץ געווען), פלעגט ער זיך נישט איינמאָל אָנשטויסן אָן די פאַרבײַגייער, מחמת ער פלעגט אין אַזעלכע פאַלן גיין מיט אָן אומגעדרייטן פנים צו זײַן מיטשפּרעכער — אויף הינטן. אין אַזעלכע פאַלן פלעגט ער גלייך אַ ריס טון דעם הוט פון זײַן קאָפּ און אַ שאָט טון אַביסל מליצהדיקע אַנטשולדיקונגען. אַ מענטש איז ער געווען אָן איידעלער. אויף זײַן פנים האָט שטענדיק געשפּילט אַ ליב שמייכעלע.

דער טאָג האָט זיך צונויפגענומען זײַנע בעבעכעס און געלאָזט זיך אין וועג אַרײַן. אַ ציגיינער אין אַ בלויען קאַמזויל מיט געפאַרב־טע באַקן און באָרד האָט געטראָגן אויף זײַן אַקסל אַ ריינע מעשענע שיסל. דער טאָג האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן ציגיינערס פּלייצע און אַוועקגעלאָזט זיך מיט אים. דער דיסק פון דער שיסל איז געווען ליכ־טיק און בלינד, דער ציגיינער האָט פאַמעלעך געשפּאַנט, די שיסל האָט זיך לייכט געהוידעט, און דער טאָג האָט זיך דאָרטן לייכט געוויגט.

די פּאָר קאָמיקער האָבן נאָכגעקוקט דעם ציגיינער מיטן טאָג אויף זײַנע פּלייצעס.

און דער דיסק איז פאַרגאַנגען ווי אַ זון. דער טאָג האָט זיך געענדיקט.

די פּאָר גייער האָבן גלייך פאַרקערעוועט אין אַ ביר־האַלע.

קאַוואַלעראָוו האָט דערציילט איוואַנען, ווי אַזוי די באַדייטנ־דיקע פּערזענלעכקייט האָט אים פון זײַן שטוב אַרויסגעטריבן. קיין נאָמען האָט ער נישט אָנגערופן. איוואַן האָט אים דערציילט אויך וועגן זעלבן: אים האָט אויך אַ באַדייטנדיקע פּערזענלעכקייט אַרויס־געטריבן פון זײַן שטוב.

— איר קאָנט אים זיכער. אַלע קאָנען אים. דאָס איז דער ברו־דער מײַנער, אַנדריי פּעטראָוויטש באַביטשעוו. געהערט?

קאַוואַלעראָוו איז רויט געוואָרן און אַראָפּגעלאָזט די אויגן. ער האָט דערויף גאָרנישט געענטפערט.

— אַזוי אַרום זענען די מזלות אונזערע ענלעך איינער צום אַנדערן, און מיר דאַרפן דעריבער זײַן פרײַנט, — האָט איוואַן אַ שיי־נענדיקער אַ זאָג געטון. — און די פאַמיליע קאַוואַלעראָוו געפעלט מיר: זי איז פון אַ הויכן סטיל און פון אַ נידעריקער פּראָבע.

קאוואַלעראָוו האָט אַ טראַכט געטון: „איך בין טאַקע פון אַ הויכן שפּיל און פון אַ נידעריקער פּראָבע".

— זעלטען ביר! — האָט איוואַן אויסגעשריען. — די פּוילן זאָגן: אירע אויגן זענען פון ביר־קאָליר. נישט אמת, דאָס איז גוט?

... נאָר די סאַמע הויפּטזאַך דערפון איז דאָס, וואָס אָט דער באַרימטער מענטש, דער ברודער מיינער, האָט ביי מיר צוגענגבעט מיין טאָכטער...

... איך וועל זיך נוקם זיין אָן מיין ברודער.

... ער האָט צוגעגנבעט ביי מיר מיין טאָכטער. נו, פאַרשטייט זיך, נישט בוכשטעבלעך צוגעגנבעט, שטעלט נישט אויס אַזאַ פּאָר גרויסע אויגן, קאַוואַלעראָוו. און ס׳וואָלט אייך נישט געשאַדט אויך די נאָז אַביסל קלענער מאַכן, מיט אַזאַ דיקער נאָז דאַרפט איר זיין באַרימט, — ווי אַ העלד, כּדי צו זיין אַזוי גליקלעך, ווי אַ פּשוטער באַלעבעסל. ער האָט אויף איר מאָראַליש געווירקט. אָבער דערפאַר קאָן מען דאָך משפּטן? צום פּראָקוראָר, האַ? זי האָט מיך אוועקגעוואָרפן. איך באַשולדיק אַפילו דערין נישט אַזוי שטאַרק אַנדרייען, ווי יענעם אויסוווּרף, וואָס לעבט ביי אים.

ער האָט דערציילט וועגן וואָלאָדיען.

ביי קאַוואַלעראָוון האָבן אויף די פּיס די גרויסע פינגער זיך געטרייסלט פון אויפרעגונג.

... דאָס דאָזיקע יינגל האָט מיר קאַליע געמאַכט מיין לעבן. אָ, ווען מען האַקט אים אָפּ די נירן אויפן פוטבאָל-פּלאַץ! אַנדריי פּאָלגט אים אין אַלץ. ער, דאָס דאָזיקע יינגל, פאַרשטייט איר מיך, איז דאָס דער נייער מענטש! דאָס יינגל האָט געזאָגט, אַז וואַליע איז אומגליקלעך דערפאַר, ווייל איך, דער פאָטער אירער, בין אַ משוגענער און אַז איך (אויסוווּרף!) פיר זי סיסטעמאַטיש אַראָפּ פון זינען. אויסוווּרף! זיי האָבן אין צווייען זי אָנגערעדט. און וואַליע איז אַנטלאָפן פון מיר. עפּעס אַ חברטע האָט זי צו זיך צוגענומען. איך האָב פאַרשאָלטן דידאָזיקע חברטע אירע. איך האָב איר געווּנטשן, אַז די גלייכע קישקע אירע מיט דער שפּייז-רער זאָלן זיך בייטן מיט זייערע ערטער. איר שטעלט זיך פאָר אַזאַ מין בילד? דאָס איז אַ קאָמפּאַניע פון קופּערקעפּ...

...די פרוי איז געווען דאָס בעסטע, דאָס פּרעכטיקסטע, דאָס ריינסטע ליכט פון אונזער קולטור. איך האָב געזוכט אַ פרויען-וועזן. איך

האָב געזוכט אַזאַ מין ווען, אין וועלכן עס זאָלן זיין פּאַרייניקט אַלע פרויען-אייגנטימלעכקייטן. איך האָב געזוכט דעם קנופּ פון די פרויען-אייגנטימלעכקייטן. דאָס פרויישע — דאָס איז געווען דער רום פון אַלטן דור. איך האָב געוואָלט אַ גלאַנץ טון מיט אָט דעם פרויִישן. מיר שטאַרבן, קאַוואַלעראָוו. איך האָב געוואָלט, ווי אַ שטורקאַטש, די פרוי איבערן קאָפּ אַדורכטראָגן. איך האָב געמיינט, אַז די פרוי וועט אויסגעלאָשן ווערן צוזאַמען מיט אונזער ערא. טויזנטער יאָרן ליגן ווי אַ מיסטקאַסטן. אין מיסטקאַסטן וואַלגערן זיך מאַשינען, שטיקלעך טשוּ-הון... בלעך, שרויפן, ספּרוזשינעס... אַ שוואַרצער, פינסטערער גרוב. אין דעם גרוב לייכטן זיך גלי-ווערעמלעך, פאָספאָרעסצירנדיקער שוועמעלעך-שימל. דאָס זענען אונזערע געפילן! דאָס איז אַלץ, וואָס איז געבליבן פון אונזערע געפילן, פון דער בליעכץ פון אונזערע נשמות. דער נייער מענטש קומט צו גיין צו דעם גרוב, צום מיסטקאַסטן, לאָזט זיך אַראָפּ אַהין אויף אַ ווײַלע, גראַבלט זיך דאָרטן, קלויבט זיך אויס דאָס, וואָס קאָן אים נוצן ברענגען, — אַ וועלכן נישט איז טייל פון אַ מאַ-שין, אַ שרייפל, — אָבער דאָס גלי-ווערעמל צעטרעט ער, פאַרלעשט. איך האָב געטרוימט צו געפינען אַ פרוי, וואָס זאָל אין אָט דעם מיסט-קאַסטן זיך צעבליען מיט אַן אויסערגעוויינלעכן, נישט געוועזענעם נאָך געפיל, צעבליען זיך מיטן ווונדערלעכן געבלי פון פּאַפּראָטניק; אַז דער נייער מענטש, וואָס וועט קומען גנבענען אונזער אייזן, זאָל זיך דערשרעקן, זאָל אַ צי טון די האַנט אויף צוריק, זאָל פאַרמאַכן די אויגן אַ פאַרבלענדטער פון דעם ריזיקן ליכט דערפון, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר אַ גלי-ווערעמל.

... איך האָב געפונען אַזאַ מין ווען. נעבן זיך. וואַליען. איך האָב געמיינט, אַז וואַליע וועט אויפשיינען איבערן אָפּשטאַרבנדיקן דור, וועט אים באַלייכטן דעם וועג צום גרויסן בית-עלמין. אָבער איך האָב אַ טעות געהאַט. זי איז אַוועקגעפלויגן. זי האָט פאַרלאָזן דעם צוקאָפּנס פון דער אַלטער וועלט. איך האָב געמיינט, אַז די פרוי — דאָס איז אונזערס, אַז צאַרטקייט און ליבע — דאָס געהערט נאָר צו אונז, — אָבער אָט... איך האָב אַ טעות געהאַט. איז אָט בלאָנקע איך אַרום אויף די ראַנדן פון דעם גרוב, דער לעצטער טרוימער פון דער ערד, ווי אַ פאַרוווּנדעטע פלעדערמויז...

קאַוואַלעראָוו האָט אַ טראַכט געטון: „איך וועל וואַליען אַרויס-רייסן פון זייערע הענט". אים האָט זיך געוואָלט דערציילן, אַז ער

איז געווען אַן עדות פון דער סצענע אינם ליקל, ווו דער פלויט האָט געבליט. אָבער עפּעס האָט אים אָפּגעהאַלטן דערפון.

— אונזערע מזלות זענען ענלעכע,—האָט איוואַן פאַרטגעזעצט.— גיט מיר אייער האַנט. אַזוי. איך באַגריס אייך. עס פרייט מיך זייער צו טרעפן זיך מיט אייך, יונגער מענטש. לחיים! האָט מען אייך אַרויסגעטריבן, קאַוואַלעראָוו? דערציילט, דערציילט. איבעריקנס, איר האָט עס שוין דערציילט. זייער אַ וויכטיקע פּערזאָן האָט אייך הינטער דער טיר אַרויסגעשטעלט? איר ווילט נישט אָנרופן זיין נאָמען? נו, מילא. איר האָט זייער שטאַרק פיינט אָט דעמדאָזיקן מענטשן?

קאַוואַלעראָוו שאָקלט מיטן קאָפּ.

— אַך, ווי דאָס אַלץ איז פאַרשטענדלעך, מיין ליבער! ווי איך פאַרשטיי אייך, איר האָט דעם כבוד אָנגערירט ביי איינעם אַ מאַכטפולן מענטשן. שלאָגט מיך נישט איבער. איר האָט פיינט געקראָגן אַ מענטשן, וועלכער ווערט פון אַלעמען געשעצט און געאַכפּערט. אייך דוכט זיך, פאַרשטייט זיך, אויס, אַז דאָס האָט ער אייך באַליידיקט. שלאָגט מיר נישט איבער, טרינקט.

... איר זענט זיכער, אַז דאָס שטערט ער אייך צו אַנטפּלעקן זיך, אַז דאָס האָט ער פאַרכאַפּט אייער רעכט, אַז דאָרטן, ווו, לויט אייער מיינונג נאָך, וואָלט איר באַהערשט הערשן, הערשט ער און איר ברענט...

דער אָרקעסטער ליגט פאַרוויקלט אין אַ רויך. דאָס בלייך פּנים פונם קלעזמער ליגט אויף דער פידל.

— די פידל איז ענלעך אויפן קלעזמער, — זאָגט איוואַן, — דאָס איז אַ קליינטשיקער פידלער אין אַ הילצערנעם פראַק. איר הערט? האַלץ זינגט. איר הערט די שטים פון האַלץ? דאָס האָלץ אין אָרקעסטער זינגט מיט פאַרשידענע שטימעס. אָבער ווי שלעכט זיי שפּילן! גאָט מיינער, ווי שלעכט זיי שפּילן!

ער האָט זיך אומגעדרייט צו די קלעזמער.

— איר מיינט, אַז דאָס איז אַ פּויק ביי אייך? איר מיינט, אַז די פּויק שפּילט עס אויס זיין פּאַרטיע? ניין, דאָס קלאַפּט אַזוי איבער אייערע קעפּ דער גאָט פון מוזיק.

... מיין פריינט, די קנאה פרעסט אונז ווי אַ וואָרם. מיר זענען מקנא די אָנקומענדיקע עפּאָכע. אויב איר ווילט, איז דאָס די קנאה פון דער עלטער. דאָ באַווייזט זיך די קנאה פון אַן אַלט געוואָרע-

נעם מענטשלעכן דור. לאָמיר אַ שמועס טון וועגן קנאה. דערלאַנגט אונז נאָך ביר...

זיי זענען געזעסן ביי אַ ברייטן פענסטער.

אַ רעגן האָט נאָכאַמאָל אַ שמיץ געטון. עס איז געווען אָוונט. די שטאָט האָט געגלאַנצט, ווי זי וואָלט אויסגעהאַקט געווען פון קאָר־דיפער קויל. פון סאַמאָטיאָקע האָבן מענטשן אַהער אין פענסטער אַריינ־געקוקט און פאַרשטעקט די נעזער.

... יאָ, קנאה. דאָ דאַרף אויפגעשפילט ווערן אַזאַ מין דראַמע, איינע פון יענע גראַנדיעזע דראַמעס אין דעם טעאַטער פון דער גע־שיכטע, וועלכע רופן אַרויס לאַנג נאָך זיך געוויין, אַנטציקונג און כעס פון דער מענטשהייט. איר באַנעמט גאָר אַליין נישט, ווי ווייט איר זענט דער טרעגער פון אַ געשיכטלעכער מיסיע. איר זענט, אַזוי צו זאָגן, אַ קאָנדענסירט שטיקל עפּעס. איר זענט אַ קאָנדענסירט שטיקל קנאה פון דער אומקומענדיקער עפּאָכע. די אומקומענדיקע עפּאָכע איז מקנא דעם, וואָס קומט זי פאַרבייטן.

— וואָס זשע זאָל איך טון? — האָט קאַוואַלעראָוו אַ פרעג געטון.

— ליבער מיינער, דאָ דאַרף מען זיך אונטערגעבן אָדער... אַ סקאַנדאַל מאַכן. אָדער מען דאַרף אַוועק מיט אַ טראַסק. גיט אַ זעץ, ווי מען זאָגט עס, מיט דער טיר. אָט וואָס די הויפּטזאַך איז: אַוועק־גיין מיט אַ טראַסק, אַז אַ שראַם זאָל בלייבן אויף דער מאָרדע פון דער געשיכטע. גיט אַ שיין, צו אַלדע שוואַרצע יאָר אייך! מען וועט דאָך אייך סיי־ווי־סיי נישט לאָזן אַהין. גיט זיך נישט אונטער אָן אַ שלאַכט...איך וויל אייך דערציילן אַ פאַל פון מיין קינדהייט...

... עס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ באַל. די קינדער האָבן גע־שפילט אַ פּיעסע, געפּראַוועט אַ באַלעט אויף אַ ספּעציעל איינגעאָר־דענטער בינע אין גרויסן גאַסטצימער. און איינע אַ מיידעלע... איר שטעלט זיך פאָר? — אַזאַ מין טיפּיש מיידעלע פון אַ יאָר צוועלף, אַ מיידעלע מיט דינע פיסעלעך, אין אַ קורץ קליידעלע, אַזאַ ראָזעווינקס, אַן אַטלאַסינס, אַן אויסגעפּוצטינקס — נו, איר ווייסט, אַזוי איינ־גאַנצן גענומען, מיט אַלע אירע פעלדעלעך און לענטעלעך — ענלעך אויפן בלימל מיטן נאָמען „לייב־מויל" — אַ שיינינקס, אַ פאַריסנס, אַ צעבאַלעוועטס, אַזאַ, וואָס האַלט אין איין טרייסלען מיט אירע לאָקנד־לעך,—אָט אַזאַ מין מיידעלע איז געווען דער גאַנצער קאָכלעפל אויף אָט דעם באַל. זי איז געווען די קעניגין פון באַל. זי האָט געטון אַלץ,

וואָס זי האָט געוואָלט, אַלע זענען אַנטציקט געווען פון איר, אַלץ איז געגאַנגען פון איר און אַלץ האָט זיך געצויגן צו איר. זי האָט בעסער פאַר אַלעמען געטאַנצט, געזונגען, געשפּרונגען, שפּילן צוגע-טראַכט. די בעסטע מתנות זענען איר אַוועקגעגעבן געוואָרן, די בעס-טע קאָנפעקטן, בלומען, מאַראַנצן, ליוובערייען... איך בין אַלט געווען דרייצן יאָר. איך בין געווען אַ גימנאַזיסט. זי האָט מיך פאַרשטעלט. מיך האָט מען אויפן באַל נישט אַרויסגעזען, אָבער איך בין אויך גע-וווינט געווען, אַז מען זאָל זיך מיט מיר אַנטציקן, איך בין אויך צעבאַלעוועט געווען פון מיין דור. ביי זיך אין קלאַס בין איך געווען דער אָנפירער, בין איך געווען דער רעקאָרדסמאַן. איך האָב נישט אויסגעהאַלטן, איך האָב געפּאַקט דאָס מיידעלע אין קאָרידאָר און אָנ-געבראָכן איר די ביינדלעך, אַראָפּגעפליקט אירע לענטעס, צעלאָזן די לאָקנדלעך אירע אויפן ווינט, מיט די נעגל צעדראַפּעט איר זעלטן צורהלע. איך האָב זי אַ כאַפּ געטון פאַר דער פּאָטיליצע און עטלעכע מאָל אַ זעץ געטון זיי מיטן שטערן אָן דער קאָלאָנע. אין יענעם מאָ-מענט האָב איך ליב געהאַט אָט דאָס מיידעלע שטאַרקער פאַרן לעבן, איך האָב זיך געבוקט צו איר — און פאַרהאַסט זי מיט אַלע כוחות מיינע. ווען איך האָב צעפליקט די לאָקנדלעך פון מיין שיינהייט, האָב איך געמיינט, אַז איך וועל זי דערמיט פאַרשעמען, צעזייען, צעטרעטן איר ראָזקייט, איר גלאַנץ, איך האָב געמיינט, אַז דערמיט וועל איך פאַריכטן דעם טעות, וואָס אַלע האָבן אין יענעם אָוונט געמאַכט. אָבער עס איז גאָרנישט נישט אַרויסגעקומען דערפון. איך בין אַליין פאַרשעמט געוואָרן. מען האָט מיך אַרויסגעטריבן. אָבער פונדעסטוועגן, מיין ליבער, האָט מען אָן מיר דעם גאַנצן אָוונט געדענקט, אָבער פונדעסטוועגן האָב איך זיי דעם באַל קאַליע געמאַכט, אָבער פונדעסט-וועגן האָט מען אומעטום גערעדט וועגן מיר, ווו נאָר דידאָזיקע שיינ-הייט האָט זיך באַוויזן... אָט ווי אַזוי איך האָב זיך צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן מיט דער קנאה באַקאָנט. ווי שווער עס איז מקנא צו זיין! די קנאה דריקט צונויף אין אַ ספּאַזמע דעם האַלדז, זי דריקט אַרויס די אויגן פון די אָרביטעס. ווען איך האָב געפּייניקט דאָרטן אין קאָ-רידאָר דעם קרבן מיינעם, וואָס איך האָב אין דער שטיל געפּאַקט, — האָבן זיך טרערן, ווי באָב, געשאָטן פון מיינע אויגן, — איך האָב זיך פאַרכלינעט, אָבער פונדעסטוועגן האָב איך געפליקט אירע זעלטענע מלבושימלעך, כאָטש איך האָב זיך געצאַפּלט פון יעדן באַריר פון

מײנע פינגער אָן אַטלאַס. דער אַטלאַס האָט שיר נישט אַרויסגערופן קײן אָסקאָמינע בײ מיר אויף די צײנער און ליפּן. איר װײסט, װאָס איז אַזױנס אַטלאַס, דאָס װאָרט פון אַטלאַס, — איר װײסט, װי עס דרינגט אַדורך דעם רוקנבײן, דעם גאַנצע נערװן-סיסטעם אַ יעדע באַ-רירונג אָן אַטלאַס. איר װײסט סאַראַ גרימאַסע עס רופט אַרױס! אַט אַזױ האָבן אַלע כּוחות זיך אױפגעהױבן אױף מיר און פאַרטײדיקט פון מיר דאָס שלעכטע מײדעלע. די אָסקאָמינע, דער גיפט, װאָס איז געלעגן פאַרטײעט אין די קוסטן און קױשן, איז אַרױסגערונען פון דעם, װאָס האָט ערשט אױסגעזען אַזױ אומשולדיק-פּרעכטיק אין גאַסטצימער, איז אַרױסגערונען פון אַט דעם קלײדל, פון איר ראָזעװן, אַזאַ זיסן פאַרן אױג אַטלאַס. איך געדענק נישט: צי האָב איך אַרױסגעלאָזט װעלכע נישט איז קלאַנגען, װען איך האָב זי געשלאָגן און געריסן. װײזט אױס, אַז איך האָב געשעפּטשעט: אַט האָסטו דיר! דאָס איז נקמה! פאַרבלענד נישט! נעם נישט צו דאָס, װאָס קאָן געהערן צו מיר...

— איר האָט מיך אױפמערקזאַם אױסגעהערט? איך װיל דורכ-פירן אַ געװיסע אַנאַלאָגיע. איך מײן דאָ דעם קאַמף פון עפּאָכעס. פאַרשטײט זיך, אױפן ערשטן בליק װעט דערדאָזיקער פאַרגלײך זיך אױס-װײזן לײכטזיניק. אָבער איר פאַרשטײט מיך? איך רעד װעגן קנאה.

די אָרקעסטראַנטן האָבן פאַרענדיקט זײער נומער.

— נו, דאַנקען גאָט, — האָט איװאַן אַ זאָג געטון. — זײ זענען אַנטשװיגן געװאָרן. גיט אַ קוק: די װיִאָלאָנטשעל. זי האָט אַסאַך װײ-ניקער געגלאַנצט אײדער מען האָט זיך צו איר גענומען. לאַנג האָט מען זי געפּײניקט. איצט גלאַנצט זי װי אַ נאַסע — ממש אָן אָפּגעשװוּנ-דענע װיִאָלאָנטשעל. מען דאַרף פאַרשרײבן, קאָװאַלעראָװ, מײנע רײד. איך רײד נישט—איך האַק אױס מײנע װערטער אױף מירמל. נישט אמת?...

... מײן ליבער, מיר זענען געװען רעקאָרדסלײט, מיר זענען אױך צעבאַלעװעט געװען דורך אונזער דור, מיר זענען אױך געװױנט געװאָרן צו זײן אין דער שפּיץ דאָרטן... בײ זיך... װוּ בײ זיך?... דאָרטן אין דער פאַרטונקלטער עפּאָכע. אָ, װי פּרעכטיק עס איז די װעלט, װאָס גײט אױף, אָ, װי העל עס צעבליט זיך דער יום-טוב, אױף װעלכן מען װעט אונז נישט אַרײנלאָזן! אַלץ קומט פון איר, פון דער נײער עפּאָכע, אַלץ ציט זיך צו איר, די בעסטע מתּנות און אַנטצי-קונגען װעט זי באַקומען. איך האָב ליב אַט די װעלט, װאָס רוקט זיך אָנאױף מיר, שטאַרקער װי דאָס לעבן האָב איך זי ליב, איך בוק זיך

צו איר און מיט אַלע מיינע כּוחות פֿאַרהאַט איך זי! איך פֿאַרכלינע זיך, טרערן שיטן זיך פֿון מיינע אויגן, ווי אַ האָגל. אָבער איך וויל אַריינפּאָרן מיט מיינע נעגל אין זיינע מלבושים, צעפּליקן, צערייסן, פֿאַרבלענד נישט! נעם נישט צו דאָס, וואָס קאָן מיר געהערן...

... מיר באַדאַרפֿן נקמה נעמען. אי איר, אי איך — אַסאַך טויזנטער זענען פֿאַראַן אַזעלכע — מיר באַדאַרפֿן זיך נוקם זיין. קאַוואַלעראָוו, נישט שטענדיק זענען די שונאים נישט מער, ווי ווינטמילן. אָפּטמאָל איז דאָס, וואָס אונז וואָלט זיך געוואָלט אָננעמען פֿאַר אַ ווינטמיל — אונזער שונא, דער באַצווינגער אונזערער, דער, וואָס ברענגט אונז אומקום און טויט. אייער שונא, קאַוואַלעראָוו, איז אַן אמתער שונא. זייט זיך נוקם אָן אים. גלויבט מיר, מיר וועלן אַוועק פֿון דאַנען מיט אַ טראַסק. מיר וועלן אַביסל אַרונטערזעצן די גדלות פֿון דער נייער וועלט. מיר זענען אויך נישט פֿון קלאָטשע געמאַכט. אונז האָט אויך געבאַלעוועט די געשיכטע...

... צווינגט וועגן זיך צו רעדן, קאַוואַלעראָוו. עס איז קלאָר: אַלץ גייט צום אומקום, אַלץ איז פֿאָרויס באַשטימט, קיין אויסגאַנג איז נישטאָ, — עס וועט אייך אויסקומען אומצוקומען, גראָבע נאָז! יעדע מינוט וועט כּפֿלען די דערנידערונגען, וואָס אייך וועט אויסקומען אַריבערצוטראָגן, מיט יעדן טאָג וועט זיך דער שונא אַלץ מער צעבליען, ווי אַ געפּעסטעטער ייִנגלינג. אומקומען: דאָס איז קלאָר. איז באַפּוצט כאָטש אייער אומקום, באַשיינט אים מיט אַ פֿייערווערק, צערייסט די מלבושים ביי די, וואָס פֿאַרבלענדן אייך, צעזעגנט זיך אַזוי, אַז אייער „אַדיע" זאָל זיך ווי אַ דונער איבער די דורות צעקוילערן.

קאַוואַלעראָוו האָט אַ טראַכט געטון: „ער טרעפֿט מיינע געדאַנקען".

— אייך האָט מען באַליידיקט? מען האָט אייך אַרויסגעטריבן?

— מען האָט מיך שוידערלעך באַליידיקט, — האָט קאַוואַלעראָוו הייס אַ זאָג געטון, — אַ לאַנגע צייט האָט מען מיך דערנידעריקט.

— ווער האָט אייך באַליידיקט? איינער פֿון די אויסדערוויילטע פֿון דער עפּאָכע?

„אייער ברודער, — האָט קאַוואַלעראָוו געוואָלט אַ געשריי טון, — דערזעלבער, וואָס האָט אויך אייך באַליידיקט". אָבער ער האָט פֿאַרשוויגן.

— אייך האָט געגליקט, איר קאָנט אין פּנים אייער באַצווינגער. ביי אייך איז דאָ אַ קאָנקרעטער שונא. און ביי מיר אויך.

— וואָס זשע זאָל איך טון?

— אייך האָט געגליקט. די אַרבעט פון אָפּרעכענען זיך פאַר זיך פערזענלעך קאָנט איר פאַרייניקן מיט דער אַרבעט פון אָפּרעכענען זיך פאַר דער עפּאָכע, וואָס איז פאַר אייך אַ מוטער געווען.

— וואָס זשע זאָל איך טון?

— טויט אים. עס איז אַ כבוד צו לאָזן נאָך זיך אַן אָנדענק וועגן זיך, ווי וועגן אַ געדוונגענעם מערדער פון אַ פאַרגאַנגענער וועלט. ער גרויסט זיך, ער איז שוין פאַרטיק, ער איז שוין דאָרטן, ער איז שוין אַ זשעני, אַ מלאכל, וואָס פליט אַרום מיט דער נייער תורה ביי די טויערן פון דער נייער וועלט, — ער האָט שוין פאַרריסן די נאָז און זעט אייך שוין נישט, — איז גיט אים אַ זעץ ביים געזעגע־נען זיך. איך בענטש אייך. און איר (איוואַן האָט אויפגעהויבן זיין קופּל), איך וועל אויך פאַרניכטן מיין שונא. לאָמיר אויסטרינקען, קאַ־וואַלעראָוו, פאַר „אָפּעליע". דאָס איז דאָס געווער פון מיין נקמה.

קאַוואַלעראָוו האָט אַן עפן געטון אַ מויל אויף צו זאָגן אים דאָס סאַמע וויכטיקסטע: ביי אונז איז איין שונא, איר בענטשט מיך צו דער דערמאָרדונג פון אייער ברודער, — אָבער ער האָט קיין איין וואָרט נישט געזאָגט, מחמת צו זייער טיש איז צוגעקומען אַ מענטש, וואָס האָט איינגעלאַדן איוואַנען גלייך און אָן קיינע שום טענות גיין מיט אים, ער איז אַרעסטירט געוואָרן, וואָס איז שוין באַוווסט פון פריערדיקן קאַפּיטל.

— צום ווידערזען, מיין ליבע, — האָט איוואַן אַ זאָג געטון, — מען פירט מיך אויף דער גאָלגאָטע. גייט צו צו מיין טאָכטער (ער האָט אָנגערופן דעם ליקל, וואָס האָט שוין לאַנג געשיינט אין קאַוואַ־לעראָווס זכרון), גייט צו און גיט אַ קוק אויף איר. איר וועט באַגע־מען דעמאָלט, אַז אויב אַזאַ מין וועזן האָט געקאָנט אונדז פאַראַטן, בלייבט נאָר איינס: נקמה.

ער האָט אויסגעטרונקען זיין ביר און איז אַוועק אויף איין טריט פאַרויס דעם געהיימניספולן מענטשן.

אויפן וועג צו דער טיר האָט ער אונטערגעזונגען צו די באַזוכער, געשיקט שמייכעלעך צו אַלעמען, אַריינגעקוקט אין דער רער פון דעם קלאַרנעט, און ווען ער איז שוין געווען נעבן דער סאַמע טיר, האָט ער זיך אומגעדרייט, אַראָפּגענומען זיין הוט פון קאָפּ און אַ רעקלאַמיר געטון:

ס'בין דאָך נישט קיין שאַרלאַטאַן קיין דייטשישער,
קיין מענטשן גענאַר איך דאָך אַוודאי נישט אויס!
ס'וויז נאָר שטילע האָקוס-פּאָקוסן סאָוועטישע,
אַ צויבער-בילדל, אַ כּישוף און—אויס!

5

— וואָס לאַכסטו? דו מיינסט, אַז איך וויל שלאָפן? — האָט וואָלאָדיע אַ פרעג געטון.

— איך לאַך גאָרנישט. איך הוסט.

און וואָלאָדיע איז ווידער איינגעשלאָפן, ווי נאָר ער האָט זיך צום שטול דערלאַנגט.

דער יונגער פלעגט גיכער פאַרמאַטערט ווערן. יענער, דער עלטערער, אַנדריי באַביטשעוו, איז געווען אַ גיגאַנט. ער האָט געאַרבעט אַ גאַנצן טאָג, ער האָט געאַרבעט אַ האַלבע נאַכט. אַנדריי האָט געקלאַפּט מיטן פויסט אין טיש. דער אַבאַזשור אויפן לאָמפּ איז אונטערגעשפּרונגען, ווי עס שפּרינגט דאָס דעקל אויף אַ קאָכעדיקן טשייניק, אָבער דער יונגער איז געשלאָפן. דער אַבאַזשור איז געשפּרונגען. אַנדריי האָט זיך דערמאָנט: דזשעמס וואַט קוקט אויפן דעקל פון טשייניק, וואָס שפּרינגט אונטער פון דאַמף, וואָס האָט זיך אונטער אים אָנגעזאַמלט.

אַ באַוווּסטע לעגענדע. אַ באַוווּסט בילדל.

דזשעמס וואַט האָט ערפונדן די דאַמף-מאַשין.

— וואָס זשע דערפינדסטו, מיין דזשעמס וואַט? אַ וואַסער מאַשין דערפינדסטו, וואָלאָדיע? וואָס פאַר אַ נייעם נאַטור-סוד אַנטפּלעקסטו, נייער מענטש?

און דאָ הויבט זיך אָן אַנדריי באַביטשעווס געשפּרעך מיט זיך אַליין. אויף זייער אַ קורצער ווײַלע האָט ער געוואָרפן די אַרבעט און, קוקנדיק אויפן שלאָפנדיקן, געטראַכט:

„און אפשר איז איוואַן גערעכט? אפשר בין איך אַ פּראָסטער און געוויינלעכער באַלעבעסל, און די פאַמיליע-געפילן זיצן אין מיר? צי בלויז דערפאַר איז ער מיר טייער, וואָס פון קינדווייז אָן לעבט ער מיט מיר, איך האָב זיך פּשוט צוגעוווינט צו אים, ליב געקראָגן, ווי אַ זון? צי בלויז נאָר דערפאַר? צי איז עס אַזוי פּראָסט? און

אויב ער וואָלט געווען אַ שטיק טעמפּקייט? דאָס, צוליב וואָס איך לעב, האָט זיך אין אים קאָנצענטרירט. מיר האָט אָפּגעגליקט. דאָס לעבן פון דער נייער מענטשהייט איז ווייט. איך גלויב אין דעם לעבן. און מיר האָט אָפּגעגליקט. אָט איז ער אַנטשלאָפן געוואָרן — אַזוי נאָענט נעבן מיר, די פּרעכטיקע נייע וועלט מיינע. די נייע וועלט לעבט ביי מיר אין שטוב. איך האָב זי ליב, ווי דאָס לעבן. אַ זון? אַ שטיצע? אָט דער, וואָס וועט מיר צומאַכן די אויגן? נישט אמת! נישט דאָס באַדאַרף איך! איך וויל נישט שטאַרבן אויף אַ הויכן בעט, אויף קישנס. איך ווייס: די מאַסע און נישט די משפּחה וועט זיין ביי מיין לעצטן הויך. נאַרישקייטן, אָט פּונקט ווי מיר פּיעסטען, די נייע וועלט, אַזוי פּיעסטע איך אים. און ער איז מיר טייער, ווי אַ פאַרווירקלעכטע האָפענונג. איך וועל אים אַרויסטרייבן, אויב איך וועל זיך כאַפּן, אַז איך האָב זיך אָפּגענאַרט אין אים. אַז ער איז נישט איינגאַנצן קיין נייער, אַז ער איז נישט איינגאַנצן קיין אַנדע־רער פון מיר, מחמת איך שטיי נאָך ביזן גאַרטל אינעם אַלטן און וועל שוין פון דאָרטן נישט אַרויסקריכן. איך וועל אים דעמאָלט אַרויס־טרייבן: איך באַדאַרף נישט קיין זון, איך בין נישט קיין פאָטער, און ער איז מיר נישט קיין זון, מיר זענען נישט קיין משפּחה. איך בין דער, וואָס האָט געגלויבט אין אים, און ער איז דער, וואָס האָט אָט דעם גלויבן באַרעכטיקט.

מיר זענען נישט קיין משפּחה, מיר זענען — די מענטשהייט.

איז וואָס זשע באַטייט עס? באַטייט עס, אַז דאָס מענטשלעכע געפיל פון פאָטער־ליבע דאַרף מען פאַרניכטן? איז פאַרוואָס זשע האָט ער מיך ליב, ער, דער נייער? הייסט עס, אַז דאָרטן, אין דער נייער וועלט, וועט אויך בליען די ליבע צווישן זון און פאָטער. דע־מאָלט באַקום איך דאָס רעכט צו יובלען: דעמאָלט האָב איך דאָס רעכט צו ליב האָבן אים אי ווי אַ זון, אי ווי אַ נייעם מענטשן. איוואַן, איוואַן, נישטיק איז דיין פאַרשוווערונג. נישט אַלע געפילן וועלן אומ־קומען. אומזיסט גייסטו אַרויס פון די כּלים, איוואַן! עפּעס־וואָס וועט בלייבן".

אַמאָל־אַמאָל, אין איינער אַ פינסטערער נאַכט, ערגעץ אין ראַוון און גריבער, איבער די קני אין שטערן, שרעקנדיק די שטערן, וואָס זענען געהאָנגען הינטער די קוסטעס, זענען געלאָפן צווייען: אַ קאָמיסאַר און אַ יינגל. דאָס יינגל האָט געראַטעוועט דעם קאָמיסאַר.

דער קאָמיסאַר איז געווען אַ ריז, דאָס יינגל — אַ ברעקל. ווען עמע־צער וואָלט זיי דעמאָלט געזען, וואָלט ער אַ טראַכט געטון: עס לויפט איינער — אַ ריז. ער לויפט נידעריק אָנגעבויגן איבער דער ערד, און דאָס יינגל וואָלט מען אָנגענומען פאַר דער דלאָניע פון דעם ריז.

זיי האָבן זיך פאַרייניקט אויף אייביק.

דאָס יינגל האָט געלעבט נעבן ריז, געוואַקסן, אויסגעוואַקסן, געוואָרן אַ קאָמיוגיסט און געוואָרן אַ סטודענט. ער איז געבוירן גע־וואָרן אין אַן אייזנבאַן־שטעטל, געווען אַ זון פון אַן אַרבעטער אַ מעטאַל־גיסער.

עס האָבן אים ליב געקראָגן די חברים זיינע, עס האָבן אים ליב געקראָגן די דערוואַקסענע. אים האָט אָפט באַאומרויקט דאָס, וואָס ער געפעלט אַלעמען, — אָפט פלעגט זיך אים אויסווייזן, אַז ער האָט עס נישט פאַרדינט, אַז עס איז אַ טעות. דאָס געפיל פון חברישקייט איז אין אים געווען דאָס סאַמע שטאַרקסטע געפיל. ווי ער וואָלט זיך געזאָרגט וועגן אַ געוויסן גלייכגעוויכט, וואָס איז געשטערט גע־וואָרן; ווי ער וואָלט זיך געפרווט פאַריכטן עפעס אַ פעלער, וואָס די נאַטור האָט אָפגעטון, ווען זי האָט צעטיילט די מתנות אירע, — פלעגט ער אָפט באַנוצן זיך אפילו מיט שפיצלעך, מיטן ציל צו פאַר־גלעטן ווי ס'נישט איז דעם איינדרוק וועגן זיך, אַראָפּזעצן אים, פאַרלעשן דעם צו העלן גלאַנץ זיינעם.

אים פלעגט זיך וועלן באַלוינען זיינע ראָוויעסניקעס, וואָס זענען געווען ווייניקער מזלדיק אָדער פעיק פאַר אים מיט זיין טרייקייט, איבערגעגעבנקייט, מיט זיין גרייטקייט צו זעלבסטאָפּפערונג, מיט זיינע היציקע פריינטשאַפט־אַנטפּלעקונגען, מיטן אויסזוכן ביי יעדן איינעם פון זיי זעלטענע שטריכן און פעיקייטן.

זיין אָנוועזנהייט פלעגט שטויסן זיינע חברים צו געוועט.

— איך האָב געטראַכט, פאַרוואָס זענען מענטשן אין כעס, אָדער פאַרוואָס באַליידיקן זיי זיך, — האָט ער געזאָגט. — דידאָזיקע מענטשן האָבן נישט קיין באַגריף פון צייט. זיי זענען נישט באַקאַנט מיט דער טעכניק. צייט — דאָס איז דאָך אויך אַ באַגריף אַ טעכנישער. אויב אַלע וואָלטן געווען טעכניקער, וואָלט פאַרשוווּנדן דער כעס, די אייגנליבע און אַלע קליינלעכע געפילן. דו שמייכלסט? דו פאַרשטייסט: מען דאַרף באַנעמען, וואָס איז אַזוינס צייט, כדי זיך באַפרייען פון קליינלעכע געפילן. אַ פאַרדראָס, לאָמיר זאָגן, געדויערט אַ טאָג אָדער

אַ יאָר, ביי זיי קלעקט פאַרשטעלונג אויף אַ יאָר, און אויף טויזנט יאָר קאָנען זיי זיך נישט פונאַנדעריאָגן. זיי זעען נאָר דריי-פיר חלקים אויפן ציפערבלאַט, קריכן זיי אַרום איבער אָט די פאָר חלקים, שטויסן זיך בלינדע... טאַפּן אַ וואַנט! דעם גאַנצן ציפערבלאַט קאָנען זיי נישט אַרומכאַפּן. און בכלל, דו זאָג זיי, אַז עס עקזיסטירט אַ ציפערבלאַט, וועלן זיי דיר נישט גלויבן.

— אָבער פאַרוואָס נאָר די קליינלעכע געפילן? די הויכע געפילן זענען דאָך אויך קורצווייליק. נו... גרויסמוטיקייט?

— פאַרשטייסטו מיך, דו הער אָקאָרשט, וואָס איך וועל דיר זאָגן. אין גרויסמוט איז דאָ עפּעס אַ באַשטימטע... טעכנישע געזעצמעסיקייט. דו שמייכל נישט. יאָ, יאָ. ניין, טאַקע אין דער אמתן... איך האָב, דוכט זיך, פאַרפּלאָנטערט זיך אַביסל. דו שטערסט מיר. ניין, וואַרט צו! די רעוואָלוציע איז געווען... נו, אַ וועלכע? פאַרשטייט זיך, זייער אַ גרויזאַמע. כאָ! אָבער צוליב וואָס איז זי געווען אַזאַ גרויזאַמע? געווען איז זי אַ גרויסמוטיקע, ריכטיק? אַ גוטע איז זי געווען — פון גאַנצן ציפערבלאַט... ריכטיק? מען דאַרף זיך באַליידיקן נישט אין מאַסשטאַב פון צוויי חלקים, נאָר אין גאַנצן ציפערבלאַט... דעמאָלט איז נישטאָ קיין חילוק צווישן גרויסמוטיקייט און גרויזאַמקייט. דעמאָלט איז דאָ נאָר איינס: צייט. די אייזערנע, ווי מען זאָגט עס, לאָגיק פון דער געשיכטע. און די געשיכטע אין די צייט — דאָס איז איינס און דאָסזעלבע. לאָך נישט, אַנדריי פּעטראָוויטש. איך זאָג: דאָס הויפּט-געפיל דאַרף ביים מענטשן זיין דער פאַרשטאַנד פאַר דער צייט.

ער האָט אייך געזאָגט:

איך וועל אַראָפּזעצן די גדלות פון דער בורזשואַזער וועלט. זיי איזדיעקעווען זיך איבער אונז. די אַלטע ברומקען: ווו זענען אייערע נייע אינזשינירן, כירורגן, פּראָפעסאָרן, דערפינדער? איך וועל צוזאַמקלויבן אַ גרויסע גרופּע חברים, אַ מאַן הונדערט, מיר וועלן אָרגאַניזירן אַ פאַרבאַנד. אויף אַראָפּזעצן די גדלות פון דער בורזשואַזער וועלט. דו מיינסט, אַז איך באַרים זיך? דו הויבסט נישט אָן צו פאַרשטיין. איך הויב אַפילו נישט אָן צו באַרימען זיך. מיר וועלן אַרבעטן, ווי די חיות. אָט וועסטו זען. מען וועט קומען צו אונז זיך בעטן. און וואַליע וועט אויך זיין אין דעם פאַרבאַנד.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט.

— איך האָב געזען אַ חלום, — האָט ער אַ לאַך געטון, — ווי איך זיך אַזוי מיט וואָלקען אויפן דאַך און קוק דורך אַ טעלעסקאָפּ אויף דער לבנה.

— וואָס? האַ? טעלעסקאָפּ?

— און איך זאָג צו איר: אָן דאָרטן, אונטן, אַ „ים קריזיסן", און זי פרעגט: „אַ ים ריזן"?

אין יענעם יאָר, אין פרילינג, איז וואָלאָדיע אַוועקגעפאָרן אויף אַ קורץ שטיקל צייט אין דער שטאָט מוראָם צו זען זיך מיט זיין פאָטער. דער פאָטער זיינער האָט געאַרבעט אין די מוראָמער לאָקאָ-מאָטיוון-בוי-וואַרשטאָטן. עס זענען אַוועק צוויי טעג ביי אַנדריי באַבי-טשעוו אָן וואָלאָדיען, און ביינאַכט אויפן דריטן מעת-לעת איז אַנדריי געפאָרן אַהיים. אויפן ראָג האָט דער שאָפער פאַרמינערט די שנעל-קייט, עס האָט שוין געטאָגט, און אַנדריי האָט געזען אַ וואַנט דערזען דעם מענטשן, וואָס האָט זיך אַ שיכורער דאָרט געוואַלגערט.

די דערמאָנונג וועגן אָפּוועזנדיקן וואָלאָדיען האָט צו אים אַ פּלי געטון פון דעם מענטשן, וואָס איז אין רינשטאָק געלעגן. דאָס האָט אים באַפוילן אַ ריס טון זיך און אָנבויגן זיך צום שאָפער. „אָבער ער איז דאָך אויף קיין טראָפּן אַפילו נישט ענלעך אויף אים!" — האָט אַנדריי שיר נישט אויסגעשריען. און ווירקלעך, קיין שום מינדסטע ענלעכקייט פון דעם מענטשן, וואָס איז דאָ געלעגן, צום מענטשן, וואָס איז קיין מוראָם אַוועקגעפאָרן איז נישט געווען. פּשוט: ער האָט זיך זייער לעבעדיק פאָרגעשטעלט וואָלאָדיען. ער האָט אַ טראַכט געטון: און ווי איז אויב עפּעס וואָס האָט געצווונגען וואָלאָדיען אָנגעמען אַזאַ מין נעבעכדיקע פּאָזע. און פראָסט: ער האָט אַ נאַרישקייט אָפּגעטון, ער האָט געלאָזט די געפילן זיינע זיך צעשפּילן. די מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט.

ניקאָליי קאָוואַלעראָוו איז אויפגעהויבן געוואָרן פון דער ערד, עס זענען אויסגעהערט געוואָרן זיינע שכורע רייד.

אַנדריי האָט אים געבראַכט צו זיך, אַרויפגעשלעפּט אים אויפן דריטן שטאָק און אַנידערגעלייגט אויף וואָלאָדיעס דיוואַן, אויסגעבעטן אים אַ געלעגער און איינגעדעקט אים מיט דער קאָלדרע ביזן האַלדז, — יענער איז געלעגן ווי אַ פלאַסט, מיט די וואָפליע-שפּורן פון דער ריי-

שטאָק-רישטע אויף דער באַק. דער באַלעבאָס איז אין אַ גוטער שטי-
מונג אוועק שלאָפן: דער דיוואַן איז ליידיק נישט געשטאַנען.

אין יענער נאַכט האָט זיך אים געחלומט, אַז דער יונגער מענטש
האָט זיך אויפגעהאָנגען אויפן טעלעסקאָפ.

6

ביי אַניטשקע פּראָקאָפּאָוויטש אין צימער איז געשטאַנען אַ זעלטן
בעט — פון טייער האָלץ, וואָס איז געדעקט געווען מיט לאַק פון
אַ טונקל-ווײַנשל-קאָליר, מיט שפּיגל-אַרקעס אין דער אינעווייניקסטער
זייט פון די ווענטלעך.

איינמאָל, אין אַ טיף פרידלעך יאָר, אויף איינעם אַ פּאָלק-
שפּאַציר, איז אַניטשקעס מאַן אונטער די קלאַנגען פון טרומייטן, אַ
באַשאָטענער מיט קאָנפעטי, אַרויף אויף דער הילצערנער טריבונע און,
דערלאַנגענדיק אַ לאָטעריע-בילעט, באַקומען פון פאַראָרדנער אַ קווי-
טאַנציע אויפן רעכט צו באַקומען אָט דאָס זעלטענע בעט. מען האָט
דאָס בעט אַרויפגעלייגט אויף אַ פור און אַוועקגעפירט זי צו אַניטשקען
אַהיים. יינגלעך האָבן נאָכגעפייפט. דער בלויער הימל האָט זיך גע-
שפּיגלט אין די הוידענדיקע שפּיגל-אַרקעס פון דעם בעט, ווי עס וואָלטן
זיך געעפנט און פאַרמאַכט די ווײַעס איבער פרעכטיקע אויגן.

די משפּחה האָט געלעבט, צעפאַלן געוואָרן,—דאָס בעט איז אי-
בערגעקומען אַלע צרות און געבליבן שטיין אויף זיין אָרט.

קאַוואַלעראָוו וווינט אין אַ ווינקל הינטער דעם בעט.

ער איז געקומען צו אַניטשקען און געמאָלדן:

— דרייסיק רובל אַ חודש קאָן איך אייך צאָלן פאַר אַ ווינקל.

אַניטשקע האָט צעצויגן אַ שמייכל געטון און מסכּים געווען. ער
האָט נישט געהאַט ווו אַהינצוטון זיך. אין זיין פריערדיקן צימער האָט
זיך פעסט באַזעצט אַ נייער שכן. דאָס שוידערלעכע בעט זיינס האָט
קאַוואַלעראָוו פאַרקויפט פאַר פיר רובל, און מיט אַ קרעכצעניש איז עס
אַוועק פון אים.

אַניטשקעס בעט איז געווען ענלעך אויף אַן אָרגאַן.

אַ האַלבן צימער האָט דאָס בעט פאַרנומען. די שפּיצן זיינע זענען
אייסגערונען געוואָרן ערגעץ אין דער טונקלקייט פון דער סטעליע.

קאָוואַלעראָוו האָט געטראַכט.

„ווען איך בין אַ קינד, אַניטשקעס קליינער זון, — וויפל פּאָעטי־שע, צויבערנדיקע געבייען וואָלט מיין קינדערשע פאַנטאַזיע באַשאַפן, דערזעענדיק אַזאַ מין אויסערגעוויינלעך בעט! איצט בין איך אַ דער־וואַקסענער, און איך נעם אויף דעריבער בלויז די אַלגעמיינע קאָנ־טורן, בלויז אייניקע דעטאַלן כאַפּ איך אויף, אָבער ווען איך בין אַ קינד, וואָלט איך געקאָנט...

... דעמאָלט וואָלט איך זיך נישט אונטערגעוואָרפן קיינע מהלכן, מאַסשטאַבן, צייט, וואָג, צוציִונג־קראַפט, — איך וואָלט אַרומגעפּויזעט אין די קאָרידאָרן, וואָס האָבן זיך אויסגעבילדעט אין דער פּוסטקייט צווישן דער ראַם פון דעם מאַטראַץ און די ווענטלעך פון בעט; איך וואָלט זיך באַהאַלטן הינטער די קאָלאָנעס, וואָס איצטער זעען זיי אויס אין מיינע אויגן נישט גרעסער, ווי מענזורקעס; איך וואָלט זיך פאָרגעשטעלט קאַטאַפּולטן און אויסגעשטעלט זיי אויף די באַריערן, איך וואָלט פון אָט די פאָרגעשטעלטע קאַטאַפּולטן געשאָסן אין מיינע שונאים, וואָס פאַרלירן די כּוחות זייערע אין געלויף אויף דער ווייטער קאָלדרע, ווו זייערע טריט זינקען; איך וואָלט אונטער דער שפּיגל־אַרקע איינגעאָרדנט אויפנאַמען פון געזאַנדטע, ווי דער קעניג פון דעם נאָרוואַס דורכגעלייענטן ראָמאַן; איך וואָלט זיך געלאָזן אין אַ פאַנטאַסטישער רייזע איבער די געשניצטע קעפּלעך אירע — אַלץ העכער און העכער — איבער די פּיס און הינטנס פון די מלאכימלעך, איך וואָלט געקראָכן אויף זיי, ווי מען קריכט אויף בודדאַס סטאַטוע, נישט קאָנענדיק אַרומכאַפּן זי מיטן אויג, און פון דעם לעצטן קרייז, פון דער קאַפּשווינדלערישער הויך, וואָלט איך געפלויגן אינם שווידער־לעכן תּהום, אינם אייזיקן תּהום פון די קישנס"...

איוואַן באַביטשעוו פירט קאָוואַלעראָוון מיט אַ גרינגעם בערגל... די פּוכבלימעלעך פליען פון אונטער זיינע פיס. זיי שווימען — און זייער שווימען איז די דינאַמישע אָפּשפּיגלונג פון דער היץ... פון היץ איז באַביטשעוו אַזש בלייך. זיין פול פּנים גלאַנצט, ווי די היץ וואָלט פון זיין פּנים אַ מאַסקע אַראָפּגענומען.

— אָהער! — קאָמאַנדעוועט ער.

די פאָרשטאָט בליט.

זיי האָקן איבער אַ פּוסטן פּלאַץ, זיי גייען פאַזע די פאַרקאַנעס, הינט־לעך בילן משוגענערווייז הינטער די פאַרקאַנעס, בריאַזגען מיט זייערע

קייטן. קאַוואַלעראָוו פייפט, רייצט זיך מיט די הינט. — אָבער עס איז אַלץ מעגלעך: פלוצלונג וועט עפּעס איינס אַ הינטל זיך אַראָפּ־רייסן פון דער קייט, אַריבערשפּרינגען איבערן פּאַרקאַן, — און דער־פון פּלאַצן ביי קאַוואַלעראָוון ערגעץ אונטער דעם לעפעלע די קאַפּ־סולן שרעק. ער הערט אויף רייצן די הינט.

זיי לאָזן זיך אַראָפּ איבער אַ גרינענדיקן שיפּוע, וואָס ליגט כמעט אויף די דעכער פון די רויטע שטיבעלעך, אויף די שפּיצן פון די סע־דער, — קאַוואַלעראָוון איז דאָס דאָזיקע אָרט נישט באַקאַנט, און ער קאָן זיך דאָ נישט אָריענטירן אַפילו דאַן, ווען ער דערזעט די קרעס־טאָווסקע טורעמס. עס דערטראָגט זיך אַהער די פייפערייַ פון די לאָ־קאָמאָטיוון, דער בריאַזג פון דער נאָענטער אייזנבאַן־ליניע.

— איך וועל אייך ווייזן מיין מאַשין, — האָט איוואַן אַ זאָג געטון, אומקוקנדיק זיך אויף קאַוואַלעראָוון. — גיט זיך אָקאָרשט אַ קנייפּ... אַזוי... נאָכאַמאָל... און נאָכאַמאָל... נישט קיין חלום? ניין! איז געדענקט זשע: איר זענט נישט געשלאָפן א־ן געדענקט זשע: אַלץ איז געווען פּשוט, מיר זענען געגאַנגען מיט אייך איבערן פוסטן פּלאַץ, עס האָט געשיינט די קאַלוזשע, וואָס ויערט קיינמאָל נישט אויסגעטרוקנט, אויף די פּלעקענער פון די פּאַרקאַנעס זענען טעפּ גע־האַנגען, — פאַרגעדענקט מיין פריינט, — ווונדערלעכע זאַכן האָט מען געקאָנט באַמערקן אין מיסט אויפן וועג, הינטער די פּלויטן, אין די גריבער; למשל, אָט זעט, — אַ בלעטל פון אַ בוך, — בויגט זיך אָן, גיט אַ קוק, כּל־זמן דער ווינט האָט עס נישט אַוועקגעטראָגן, — איר זעט: דאָס איז אַן אילוסטראַציע צו „טאַראַס בולבאַ“ — איר דער־קענט עס? — ווייזט אויס, אַז פון אָט יענעם פענסטער האָט מען עס אַרויסגעוואָרפן, דערין איז אַוודאי עסנוואַרג געלעגן איינגעפּאַקט, און איצט וואַלגערט עס זיך דאָ. ווייטער — וואָס איז דאָס? דער אייביקער טראַדיציאָנעלער שוך אין גראָבן? עס לוינט זיך נישט אומ־קוקן דערויף, — דאָס איז אַ צו אַקאַדעמיש בילד פון פאַרלאָזנקייט! ווייטער—אַ פלאַש... וואַרט צו, זי איז נאָך גאַנץ, אָבער מאָרגן וועט זי צעריבן ווערן אונטער די רעדער פון אַ וואָגן, און אויב אין קורצן נאָך אונז וועט נאָך איינער אַ טרוימער דורכגיין מיט אָט דעם וועג אונזערן, וועט ער באַקומען דעם פולן פאַרגעניגן פון אָנקוקן די באַ־רימטע גלאָז־שערבלעך פון אַ פלאַש, די ווונדערבאַרע גלאָז־שערבלעך, וואָס זענען אַזוי באַרימט געוואָרן דורך די שרייבער פאַר דער

פעיקייט זייערער פלוצלונג א פינקל טון פון מיסט ארויס און ארויס-רופן ביי די דורכגייער פארשידענע מיראזשן אזעלכע... קוקט זיך צו, מיין פריינט, קוקט זיך צו... אט וואלגערן זיך קנעפלעך, רייפן, אט איז א באנדאזש, אט זענען די בבל-טורעמלעך פון פארשטיינערטן מענטש-לעכן מיסט... מיט איין ווארט, מיין פריינט, — דא האט איר דעם געוויינלעכן רעליעף פון א פוסטן פלאץ... פארגעדענקט. אלץ איז גע-ווען פראסט. און איך האב אייך געפירט באווייזן מיין מאשין. גיט זיך א קניפ אזוי. הייסט עס, עס איז נישט קיין חלום? נו, גוט. א נישט איז דערנאכדעם — איך וויס, וואס עס וועט זיין, — דער-נאכדעם וועט איר זאגן, אז איר זענט נישט געזונט געווען, אז עס איז געווען צו הייס, אז אסאך זאכן האבן זיך אייך פראסט פארגע-שטעלט פאר די אויגן פון היץ, פארמאטערטקייט און אזוי ווייטער... ניין, מיין פריינט, איך פאדער, אז איר זאלט באשטעטיקן, אז איר געפינט זיך אין דעם סאמע נארמאלסטן צושטאנד. דאס, וואס איר וועט באלד דערזען, קאן אייך צו שטארק איבערראשן.

קאוואלעראוו האט באשטעטיקט:

— איך געפין זיך אין דעם סאמע נארמאלסטן צושטאנד.

און עס איז געווען א פלויט, א פלויט פון ברעטער, נישט קיין הויך פארקאנדל.

— זי איז דארטן. — האט אייוואן א זאג געטון. — ווארט צו. לאמיר זיך צוזעצן. אטא דא, איבערן גראבנדל. איך האב אייך דער-ציילט: מיין טרוים איז געווען א מאשינעס-מאשין, אן אוניווערסאלע מאשין. געטראכט האב איך וועגן א פולקאם געצייג. איך האב גע-האפט אין איינעם א קליינעם אפאראט קאנצענטרירן הונדערטער פאר-שידענערליי פונקציעס. יא, מיין פריינט. א פרעכטיקע, הויכע אויפגא-בע. צוליב אזא מין אויפגאבע האט געלוינט צו ווערן א פאנאטיקער. ביי מיר איז געווען א געדאנק איינצונעמען דעם מאסטאדאנט פון דער טעכניק, אגטווינען אים, פארהיימישן... געבן דעם מענטשן אזא מין שטענגעלע, א פשוטס, א באקאנטס, וואס זאל אים נישט איבערשרעקן,— וואס זאל זיין פאר אים אזוי ווי געוויינלעך, ווי געוויינלעך עס איז די קליאמקע פון טיר...

— אין מעכאניק פארשטיי איך גארנישט נישט, — האט קאווא-לעראוו א זאג געטון, — איך האב מורא פאר א מאשין...

— און מיר איז געלונגען. הערט מיך אויס, קאוואלעראָוו. איך האָב דערפונדן אַזאַ מין מאַשין.

דאָס פאַרקאַנדל האָט גערופן, געוווּנקען, און, פונדעסטוועגן, איז אויך וואַך געווען דער פשוטער געדאַנק, אַז קיין שום סוד ליגט נישט פאַרשטעקט הינטער די פשוטע גרויע ברעטער פונם פאַרקאַנדל.

— זי קאָן בערג אויפרייסן. זי קאָן פליען. זי הויבט אויף משאות. זי ברעקלט ארצן. זי פאַרבייט אַ קיך-פּליטע, אַ קינדער-וועגעלע, אַ ווייט-שיסנדיקן האַרמאַט... דאָס איז דער סאַמע זשעני פון דער מעכאַניק אַליין...

— וואָס שמייכלט איר, איוואַן פּעטראָוויטש?

איוואַן האָט געשפּילט מיט אַ ווינקל פון אַן אויג.

— איך בלי. איך קאָן נישט רעדן פון איר, און מיין האַרץ זאָל דערביי בלייבן רויק און נישט שפּרינגען, ווי אַן איי אין קאָכעדיק וואַסער. הערט מיך. איך האָב איר איינגעטיילט הונדערטער מעגלעכקייטן. איך האָב דערפונדן אַ מאַשין, וואָס קאָן אַלץ טון. צי באַנעמט איר עס? באַלד וועט איר זי דערזען, אָבער...

ער האָט זיך אויפגעהויבן, אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף קאַוואַלעראָווס פּלייצע און פייערלעך געזאָגט:

— אָבער איך האָב פאַרבאָטן. אין איינעם אַ זעלטענעם טאָג האָב איך באַנומען, אַז איך פאַרמאָג אַן איבערנאַטירלעכן כוח צו נעמען נקמה פאַר מיין עפּאָכע... איך האָב צעלאָזן מיין מאַשין, געמאַכט זי אויסגעלאַסן, אומישנע, אויף צו להכעיס.

ער האָט זיך צעלאַכט מיט אַ גליקלעכן געלעכטער.

— ניין, איר באַנעמט אָקאָרשט, קאַוואַלעראָוו, סאַראַ ריזיקע באַפרידיקונג דאָס איז. דעם גרעסטן וווּנדער פון דער טעכניק האָב איך איינגעטיילט די סאַמע נישטיקסטע מענטשלעכע געפילן: איך האָב געשענדעט די מאַשין. איך האָב נקמה גענומען פאַר מיין דור, וואָס האָט מיר געגעבן דעם מאַרך, וואָס ליגט אין מיין שאַרבן, מיין מאַרך, וואָס האָט אויסגעטראַכט די וווּנדערלעכע מאַשין... וועמען זאָל איך זי איבערלאָזן? דער נייער וועלט? זיי פרעסן אונז ווי שפּייז — דעם ניינצנטן יאָרהונדערט ציען זיי אין זיך אַריין, ווי אַ ריזן-שלאַנג ציט אַריין אין זיך דעם קראָליק.. זיי קייען און קאָכן איבער. דאָס, וואָס נוצט זיי — זאַפּן זיי אין זיך אַריין, וואָס עס שעדיקט — שליידערן זיי אַרויס... אונזערע געפילן שליידערן זיי אַרויס, אונזער טעכניק —

זאָפּן זיי איין! איך נעם נקמה פאַר אונזערע געפילן. זיי וועלן נישט באַקומען מיין מאַשין, זיי וועלן מיך נישט אויסנוצן, זיי וועלן נישט איינזאַפּן מיין מאַרך... מיין מאַשין וואָלט געקאָנט באַגליקן די נייע וועלט; מיטאַמאָל, גלייך פון די ערשטע טעג וואָלט זי געקאָנט אַריינפירן אין סאַמע געבעלי פון דער טעכניק. אָבער אָט — זיי וועלן זי נישט באַקומען! די מאַשין מיינע — דאָס איז אַ בלענדנדיקע פייג, וואָס די אָפּשטאַרבנדיקע וועלט ווײַט באַוויזן דער אויפקומענדיקער. די סלינע וועט ביי זיי רינען, ווען זיי וועלן זי דערזען... די מאַשין, גיט נאָר אַ טראַכט,— דער אָפּגאָט זייערער איז דאָך די מאַשין... און פלוצלונג... און פלוצלונג ווייזט זיך אַרויס, אַז די סאַמע בעסטע מאַשין, די מאַשינעס-מאַשין איז אַ ליגנערן, אַ גאָרנישט, אַ סענטימענטאַלע נידערטרעכטיקייט, קומט... איך וועל זי אייך ווייזן... זי, אָט די, וואָס קאָן אַלץ טון, — זי זינגט איצטער אונזערע ראָמאַנסן, די ינאַרישע ראָמאַנסן פון דער אַלטער וועלט, זי קלויבט צונויף די בלומען פון דער אַלטער וועלט. זי ליבט זיך איין, אייפערט, וויינט, זעט חלומות... איך האָב דאָס אַזוי געמאַכט... איך האָב זיך אָנגעלאַכט איבערן אָפּגאָט פון די אָט קומענדיקע מענטשן, איבער דער מאַשין. און איך האָב איר אַ נאָמען געגעבן נאָך אַ מיידל, וואָס איז פון זינען אַראָפּ פון ליבע און פאַרצווייפלונג — איך האָב זי אָנגערופן אָפעליע... דעם סאַמע מענטשלעכסטן, סאַמע רירבאַרסטן נאָמען האָב איך איר געגעבן...

איוואַן האָט אַוועקגעשלעפּט קאַוואַלעראָוון מיט זיך.

איוואַן איז צוגעפאַלן צו דעם שפּאַרונקעלע, און אויסגעשטעלט קאַוואַלעראָוון דעם גלאַנציקן מעשענעם הינטן זיינעם — צוויי געוויכטער. מעגלעך, אַז די היץ האָט טאַקעווירקלעך געווירקט אויף קאַוואַלעראָוון; מעגלעך, אַז עס האָט געווירקט אויף אים די נייע פּאַר אים הינטערשטאָטישע פּוסטקייט, די נייקייט פון לאַנדשאַפט, וואָס האָט זיך אַזוי נישט געקלעפּט צו דער מאָסקווער שטאָטישער לאַנדשאַפט; מעגלעך, אַז קאַוואַלעראָוו איז ווירקלעך געווען פאַרמאַטערט, און דאָס האָט געווירקט אויף אים. אָבער דאָ, ווען קאַוואַלעראָוו איז געבליבן אַליין אויפן פּוסטן פּלאַץ, ווייט פון דעם רגילותדיקן שטאָטישן טומל, האָט זיך אים אויף אַ ווײַלע אויסגעדוכט, אַז ער האָט דערזען עפּעס אַ מיראַזש, האָט ער זיך אונטערגעוואָרפן געוויסע געהער-האַלוצינאַציעס. אים האָט זיך געדוכט, אַז ער האָט דערהערט איוואַנס שטים, דערהערט, ווי איוואַן רעדט זיך דורך מיט עמעצן דורך דעם שפּאַרונקעלע.

דערנאָך איז איוואַן אָפּגעשפּרונגען פון דער שפּאַרונע. דאָסזעלבע האָט אויך געטון קאַוואַלעראָוו, כאָטש ער איז געשטאַנען אויף אַ היפּשלעכן מהלך פון איוואַנען, — ווי דער פּחד וואָלט געלעגן באַהאַלטן ערגעץ פון הינטן, צווישן די ביימער, ווי ער וואָלט זיי ביידן געהאַלטן אויף איין שטריקעלע, וואָס ער האָט איצט אַ ציִ געטון.

— ווער פייפט עס? — האָט מיט אַ קלינגנדיקן דערשראָקענעם קול קאַוואַלעראָוו אַ פרעג געטון.

אַ הילכיקער פייף האָט זיך דורכגעטראָגן איבערן אַרום. קאַוואַלעראָוו האָט זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעקערט, באַהאַלטנדיק זײַן פּנים אין די דלאָניעס, ווי מען קערט זיך אָפּ פון אַ צוג-ווינט. איוואַן איז געלאָפן פון פאַרקאַנדל צו קאַוואַלעראָוון, — ווי ער וואָלט געשאַרט מיט די פּיסלעך, — דער פייף האָט אים נאָכגעיאָגט, געפלויגן נאָך אים, ווי איוואַן וואָלט נישט געלאָפן, נאָר געגליטשט זיך, אַן אָנגעניזעוועטער אויפן בלענדנדיקן פייפנדיקן שטראַל.

— איך האָב מורא פאַר איר! איך האָב מורא פאַר איר! — האָט קאַוואַלעראָוו דערהערט איוואַנס פאַרשטיקט געשעפּטשעריי.

זיי האָבן זיך געכאַפּט פאַר די הענט, געלאָפן אַראָפּ, אויפגערודערט עפּעס אַ שלעפער, וועלכן זיי האָבן פון דערהויך אָנגענומען פאַר אַ קופּע אַלטע אַוועקגעוואָרפענע שמאַטעס...

דער שלעפער האָט זיך געזידלט. מען האָט אים פּלוצלונג פון שלאָף אויפגעוועקט. ער איז געזעסן אויף דער ערד און געשאַרט מיט די הענט אַרום זיך אין גראָז — געזוכט אַ שטיין. זיי זענען נישט געוואָרן ערגעץ אין אַ געסל.

— איך האָב מורא פאַר איר, — האָט איוואַן פלינק גערעדט.
— זי פאַרהאַסט מיך... זי האָט מיך פאַראַטן... זי וועט מיך דערהרגענען...

ווען קאַוואַלעראָוו איז געקומען צו זיך, האָט ער זיך פאַרשעמט פאַר זײַן קליינמוט. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז דעמאָלט גופא, ווען ער האָט דערזען, ווי איוואַן האָט זיך געלאָזט לויפן, האָט ער נאָך עפּעס וואָס דערזען, וואָס — האָט ער פון שרעק נישט געקאָנט כאַפּן.

— הערט, — האָט ער אַ זאָג געטון, — סאַראַ מין נאַרישקייט! פּשוט אַ ייִנגל האָט אַרײַנגעלייגט צוויי פינגער אין מויל און געפייפט. איך האָב געזען. אַ ייִנגל האָט זיך באַוויזן אויפן פאַרקאַן און געפייפט... נו, יאָ. אַ ייִנגל...

— איך האָב דאָך געזאָגט, — האָט איוואַן אַ שמייכל געטון, —

איך האָב דאָך געזאָגט, אַז איר וועט אָנהויבן זוכן פאַרשידענע דער־קלערונגען. איך האָב דאָך אייך געבעטן : גיט זיך אַ שטאַרקערן קניפּ.

עס איז אויסגעבראָכן אַ קריג. איוואַן האָט פאַרקערעוועט אין אַ ביר־הויז. ער האָט נישט איינגעלאַדן קאַוואַלעראָוון. יענער האָט זיך אָוועקגעשלעפּט. ער האָט דאָ דעם וועג נישט געוווּסט, און מיטן גע־הער געזוכט אַ טראַמוויי־קלונג. אָבער אויפן נאָענטסטן ראָג האָט ער אַ טופּע געטון מיט אַ פוס און פאַרקערעוועט אין ביר־הויז אַריין. אי־וואַן האָט אים באַגעגנט מיט אַ שמייכל און מיט אַ דלאָניע, וואָס האָט אָנגעוויזן אויפן שטול.

— נו, זאָגט־זשע מיר, — האָט קאַוואַלעראָוו זיך אַ בעט גע־טון, — נו, ענטפערט מיר, צו וואָס פייניקט איר מיך? צו וואָס גע־נאַרט איר מיך? עס איז דאָך נישטאָ ביי אייך קיין שום מאַשין! עס איז דאָך נישט געמאָלט אַזאַ מין מאַשין! דאָס איז אַ ליגן און אַ וויסטער חלום! צו וואָס לייגט איר?

אַ פאַרמאַטערטער האָט זיך קאַוואַלעראָוו אַ זעץ געטון אויפן שטול.

— הערט אויס, קאַוואַלעראָוו, באַשטעלט זיך ביר, און איך וועל אייך דערציילן אַ מעשהלע. הערט.

אַ מעשהלע וועגן אַ באַגעגעניש פון צוויי ברידער

...דער צאַרטער, וואַקסנדיקער סקעלעט פון דעם „פּערטעלע" איז געווען פאַרהילט אין רושטאָוואַניעס.

רושטאָוואַניעס, ווי רושטאָוואַניעס : שוועלן, באַלקעס, שטויסן, טרעפּ, דורכגאַנגען, בריקלעך, — אָבער פאַרשיידענע כאַראַקטערן און אויגן זענען געווען אינם עולם וואָס האָט זיך צונויפגעזאַמלט צו־פוסנס פון דער געביידע. אייניקע האָבן געהאַט אַ נטיה צו פּשטות און האָבן געזאָגט : די געביידע איז פאַרשטריכירט. איינער האָט באַמערקט :

— הילצערנע געביידעס קומט נישט צו וואַקסן צו הויך. דאָס אויג האָט נישט ליב קיין הויך אויפגעריסענע ברעטער. די רושטאָ־וואַניעס פאַרטושן די פּראַכט פון דער געביידע. דער סאַמע העכ־סטער מאַסטבוים זעט אויס שוואַך און קאָן לייכט איינפאַלן, אַזאַ מין ריזיקע צאָל האָלץ איז צאַרט און שוואַך, נישט געקוקט אויף קיין שום זאַך, עס קומט גלייך אין קאָפּ אַריין דער געדאַנק וועגן אַ שׂרפה.

אַ צווייטער האָט אויסגעשריען :

— און אין יענער זייט — גיט אַ קוק! די שוועלן האָבן זיך אויסגעצויגן, ווי סטרונעס! אַ גיטאַרע, ממש — אַ גיטאַרע!

דערויף האָט דער ערשטער באַמערקט:

— נו, אָט, איך האָב דאָך געזאָגט, אַז דאָס האָלץ איז צאַרט. זיין אַרבעט איז — דינען דער מוזיק.

דעמאָלט האָט זיך אַריינגעמישט עמעצנס אַ חוזקדיק קול:

— און מעש? איך, למשל, אָנערקען נאָר בלאָז-אינסטרומענטן.

אַ שילער האָט דערקענט אין די פאָרמעס פון געהילץ-געפלעכט די אַריטמעטיק. קיינער ביז אים האָט עס נישט באַמערקט, אָבער באַשטימען, וווהין עס פירן די צלמדיקע כפל-צייכנס און וואָס עס באַווייזן די פּאַראַלעלע פאַרגלייך-צייכנס — האָט ער נישט באַוויזן: די ענלעכקייט פון די רושטאָוואַניעס אויף די אַריטמעטישע צייכנס איז גלייך פאַרשווונדן געוואָרן, די ענלעכקייט איז געווען אַ וואַקלדיקע.

„די באַלאַגערונג פון טראָיע, — האָט דער פּאָעט אַ טראַכט געטון, — אָט זענען די באַלאַגערונג-טורעמס״.

און דער פאַרגלייך האָט זיך פאַרשטאַרקט מיטן אָנקומען פון די מוזיקאַנטן. זיי זענען געווען באַפלאַכטן מיט די טרומייטן זייערע און זענען אַוועקגעקראָכן ערגעץ אין אַהילצערנער טראַנשיי, צופוסן פון דער געביידע.

דער אָוונט איז געווען שוואַרץ, ווייסע קוילן — לאַמטערנעס עלעקטרישע זענען אינדערהויך געהאָנגען. די רויטע לייוונטן האָבן אויסערגעוויינלעך געפלאַטערט אונטערן ליכט. די לעכער אונטער די הילצערנע ווענט זענען געווען טויט-שוואַרץ. עס האָבן געהוידעט און געקלונגען מיט זייערע דראָטן די לאַמטערנעס. דער שאָטן האָט זיך געהויבן און געפאַלן, ווי ער וואָלט מיט זיינע ברעמען געפּאַכט. מוקן זענען אַרום די לאַמטערנעס געפלויגן, געווירבלט זיך און אומגעקומען. פונדערווייטנס האָבן געפינקלט די פענסטער פון די דערנעבנדיקע הייזער, די לאַמטערנעס האָבן זיך געהוידעט, געפליקט די קאָנטורן פון די דערנעבנדיקע הייזער, געשליידערט זיי אויף דער געביידע, און דעמאָלט (אַזוי לאַנג ביזוואַנען עס האָט זיך נישט איינגעשטילט דער צעהוידעטער לאַמטערן דורכן ווינט), האָבן שטורמיש אויפגעלעבט די רושטאָוואַניעס: אַלץ האָט זיך באַוועגט, און ווי אַ פּילשטאָקיקע זעגלשיף איז געשוווּמען די געביידע אַנטקעגן עולם.

צופוסנס פון דער געביידע איז אויף די געהילצן און מיט די געהילצן געקומען אַנדריי באַביטשעוו. ער האָט זיך אַליין פון זיך

גלייך אויסגעטוויט דאָרטן אַ טריבונע. די אָראַטאָר האָט גלייך גע־האַט אונטער זיך אַ טרעפּ, אי אַ בימה, אי אַ פּאַרענטשע, און אַ בלענדנד־שוואַרצן פאַן הינטער זיך. און גלייך אַנטקעגן זיך — ליכט. ליכט איז געגעבן געוואָרן אַזויפיל, אַז די סאַמע ווייטסטע צוקוקער האָבן געקענט זען וויפל וואַסער עס געפינט זיך אין דער פלאַש אויפן טיש פונם פּרעזידיום.

באַביטשעו האָט זיך געהוידעט איבערן עולם. ער איז געווען אַ גלאַנציקער און פּילקאַלירטער, ער איז ענלעך געווען אויף אַן עלעקטריש פּיגירל. ער האָט געדאַרפט האַלטן אַ רעדע. ערגעץ אונטן, אונטער דער טריבונע, האָבן זיך די אַקטיאָרן געגרייט צו זייער אַרויס־טרעטונג. זיס, באַהאַלטן און אומפאַרשטענדלעך פאַרן עולם האָט זיך צעשפּילט דער גאַבאַי, אומפאַרשטענדלעך איז געוואָרן פאַרן עולם די פּויק. די פּויק איז געווען אויסגעדרייט מיט איר פעל צום עולם. פון דעם בלענדנדיקן ליכט, וואָס איז אויף אים געפאַלן, האָט זיין הויט באַקומען אַ זילבערנעם גלאַנץ. אונטער דער טריבונע, הינטער די ברעטער האָבן זיך גרימירט די אַקטיאָרן. יעדער טריט, וואָס עמעצער האָט פון אויבן, איבער זיי, אויף דער טריבונע געשטעלט, האָט געהוידעט די ברעטערדיקע סטעליע איבער זייערע קעפּ און באַ־שאָטן זיי מיט אַ גאַנצן נעפּל פּילענעס.

ווען באַביטשעו האָט זיך באַוויזן אויף דער טריבונע, איז דער עולם פריילעך געוואָרן, מען האָט אים אָנגענומען פאַר אַ קאָנפעראַנסיע, ער איז געווען צו פּריש, צו טעאַטראַל לויט זיין אויסערלעכן אויסזען.

— אַ דיקער! שוין איינמאָל אַ דיקער! — האָט זיך עמעצער אין עולם אַנטציקט.

— בראַוואָ! — האָבן פאַרשיידענע שטימען אין פאַרשיידענע זייטן זיך צעשריען.

— אָבער — דאָס וואָרט באַקומט דער חבר באַביטשעוו, — האָט עמיצער אין פּרעזידיום אויסגערופן, און פונם געלעכטער איז קיין זכר נישט געבליבן. אַ גרויסער טייל פון עולם האָט זיך אויפגעהויבן אויף די שפּיץ פינגער. די אויפמערקזאַמקייט איז געוואַקסן, און יעדן איי־נעם איז פלוצלונג געוואָרן אָנגענעם, זייער אָנגענעם איז געווען צו זען באַביטשעוון צוליב צוויי סיבות: ערשטנס — ער איז געווען אַ באַרימטער מענטש, און צווייטנס — ער איז געווען זייער אַ דיקער. די דיקקייט האָט דעם באַרימטן מענטשן היימיש געמאַכט. באַביטשעוון

האָט מען געמאַכט אַן אָוואַציע. אַ העלפט אַפּלאָדיסמענטן זענען גע-ווען צוליב זיין דיקקייט. ער האָט געהאַלטן אַ רעדע.

ער האָט דערציילט וועגן דעם, וואָס עס וועט טון דאָס „פּער-טעלע" — אַזויפיל און אַזויפיל מיטאָגן, אַזויפיל און אַזויפיל מענטשן וועט עס פּעזיק זיין דורכצולאָזן, אַזאַ מין פּראָצענט נאַרהאַפטיקייט — און וואָס פּאַראַ וויגאָדעס עס גיט דער קאָמונאַלער נערונג.

ער האָט גערעדט וועגן דער קינדער-דערנערונג, — אַז, הייסט עס, אין דעם „פּערטעלע" וועט זיין אַ קינדער-אָפּטיילונג, — וועגן וויסנשאַפטלעכן צוגרייטן קאַשע אויף מילך, וועגן וווקס פון די קינ-דער, וועגן חוט-השדרה, וועגן בלוט-אָרעמקייט. ער האָט ווי יעדער אָראַטאָר געקוקט אין דער ווייט, אַריבער די קעפּ פון די פאָדערשטע שורות מענטשן, און דעריבער איז ער ביז צום סאַמע סוף פון זיין רעדע געבליבן גלייכגילטיק דערצו, וואָס איז פאָרגעקומען אונטן, אונ-טער דער טריבונע. און דאָ אונטן האָט עפּעס איינער אַ מענטש אין אַ האַרטן הוט שוין לאַנג צעשטערט די אויפמערקזאַמקייט פון די פאָ-דערשטע צוהערער; דידאָזיקע האָבן שוין אַ שטיק צייט נישט גע-הערט דעם אָראַטאָר, מחמת זיי זענען געווען אינגאַנצן פאַרנומען מיט באַטראַכטן די אויפפירונג פון דעם מענטשן אין האַרטן הוט. איבע-ריקנס, דער מענטש אין דעם האַרטן הוט האָט זיך געפירט פּולקאָם פרידלעך. ער האָט, אמת, געפּרוווט אָפּטיילן זיך פון עולם און אַרי-בערשפּרייזן אַריבער דעם שטריק, וואָס האָט אָפּגעטיילט דעם עולם פון דער טריבונע, — ער איז, אמת, געשטאַנען אָפּגעזונדערט פון עולם, וואָס האָט באַשיינפּערלעך באַוויזן, אַז דער מענטש, אָדער ער האָט דאָ עפּעס באַזונדערע רעכט, אָדער ער האָט זיך אַליין גענומען אָט די באַזונדערע רעכט... ער איז געשטאַנען מיט דער פּלייצע צום עולם אָנגעשפּאַרט אויף דעם שטריק, ריכטיקער — כּמעט געזעסן אויף דעם שטריק, אַראָפּגעהאָנגען אַריבער דעם שטריק דעם הינטן זיינעם, און אים האָט לחלוטין, ווייזט אויס, נישט געאַרט, וואָס אַ פּולשטענ-דיקע אומאָרדענונג וועט אויסברעכן, ווי נאָר דער שטריק וועט זיך אונטער אים איבעררייסן.

ער איז זיך רויִק געזעסן און, ווייזט אויס, הנאה געהאַט פון זיין הוידען זיך אויף דעם שטריק.

מעגלעך, אַז ער האָט געהערט דעם אָראַטאָר, און, מעגלעך, אַז ער האָט זיך צוגעקוקט צו די אַקטיאָרן, הינטער די רושטאָוואַניעס

האָט אויפגעפינקלט דער באַלעריינעס קליידל, פון הילצערנעם פענסטער האָבן אַרויסגעקוקט פאַרשידענע קאָמישע צורות.

און יאָ! אָט וואָס די הויפּטזאַך איז נאָך דאָ געווען. דערדאָזיקער מאָדנער מענטש איז דאָך געקומען אַהער גאָר מיט אַ קישן. ער האָט געבראַכט צו טראָגן מיט זיך אַ גרויס קישן אין אַ געלן ציכל, אַן אַלט קישן, אויף וועלכן עס זענען אויסגעשלאָפן אַסאַך מענטשן. ווען ער האָט זיך איינגעאָרדנט אויף דעם שטריק, האָט ער דאָס קישן אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, און דאָס קישן האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן אים, ווי אַ חזרל.

און ווען דער רעדנער האָט געענדיקט זיין רעדע, מיט איין האַנט געווישט מיט אַ טיכל די ליפּן, מיט דער צווייטער—וואַסער זיך אָנגעגאָסן פון גראַפין — ביזוואַנען די אַפּלאָדיסמענטן האָבן זיך איינגעלייגט, און דער עולם האָט זיך גענומען איבערשליסן זיין אויפמערקזאַמקייט, גרייט געמאַכט זיך צו הערן און קוקן די אַקטיאָרן, — האָט דער מענטש מיט דעם קישן אויפגעהויבן פון דעם שטריק זיין הינטן, אויפגעשטעלט זיך אין זיין גאַנצן קליינעם וווקס, אויסגעצויגן זיין האַנט מיט דעם קישן און הויך אַ געשריי געטון:

— חברים! איך בעט אַ וואָרט!

דעמאָלט האָט דער רעדנער דערזען דעם ברודער זיינעם איוואַן. די פויסטן האָבן זיך ביי אים פאַרדריקט. דער ברודער איוואַן האָט זיך געלאָזט מיט די טרעפּ צו דער טריבונע אַרויף, ער איז פּאַמעלעך געגאַנגען אַרויף. אַ מענטש פון פּרעזידיום איז צוגעלאָפן צום באַריער, ער האָט געדאַרפט מיט זשעסטן און מיט אַ וואָרט אָפּשטעלן דעם אומבאַקאַנטן, אָבער די האַנט זיינע איז געבליבן הענגען אינדערלופטן, און ווי זי וואָלט געציילט די טריט פונם אומבאַקאַנטן, אין קורצע שטויסן זיך אַראָפּגעלאָזט.

— איינס... צוויי... דריי... זעקס... עקס...

— דאָס איז אַ היפּנאָז! — האָט מען אין עולם אויסגעשריען.

און דער אומבאַקאַנטער איז געגאַנגען און געטראָגן פאַר אַן עק דאָס קישן, און אָט איז ער אויף דער טריבונע. אַן אויסגעצייכנט עלעקטריש פיגורל האָט זיך באַוויזן אויפן שוואַרצן פאָן. ווי אַן אַספּיד-טאָוול האָט זיך געשוואַרצט דער פאָן. דער פאָן איז געווען אַזוי שוואַרץ, אַז עס האָט זיך אַזש געדאַכט, אַז דאָרט זעען זיך קרייד

שטריכן. — עס האָט געשווינדלט אין די אויגן. דאָס פיגורל האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— אַ קישן! — האָט זיך אַ געשעפּטשעריי אין עולם דערהערט.

און דער אומבאַקאַנטער האָט אָנגעהויבן.

— חברים! מען וויל ביי אייך צונעמען דאָס סאַמע בעסטע, וואָס איר פאַרמאָגט: אייער היים. די פערד פון דער רעוואָלוציע, דונערנדיק איבער אייערע הינטערגאַנגען, מימתנדיק אייערע קינדער און קעץ, ברעכנדיק די באַליבטע אייך קיכן און אויוונס, וועלן זיך אַריינרייסן אין אייערע קיכן. פרויען, אין אַ סכנה געפינט זיך דער שטאָלץ אייערער און דער רום אייערע — די היים, דאָס היימישע פייערל אייערס! מיט די עלעפאַנטן פון דער רעוואָלוציע וויל מען דערשטיקן און צערייבן אויף שטויב די קיך אייערע, מוטערס און פרויען!

— וואָס האָט ער דאָ גערעדט צו אייך? ער האָט זיך איזדיעקעוועט איבער אייערע פאַנען, איבער אייערע טעפּ, איבער דער שטילקייט אייערער, איבער אייער רעכט אַריינצושטופּן די סאָסקע אין מויל פון אייערע קינדער... ער לערנט אייך פאַרגעסן — וואָס? וואָס וויל ער אַרויסשטויסן פון אייער הארץ? די היים אייערע, די שטוב, די ליבע היים! ער וויל פון אייך מאַכן שלעפּער, וואָס זאָלן זיך אַרומשלעפּן איבער די ווילדע פעלדער פון דער געשיכטע, ווייבער! ער שפּייט אין אייער זופּ אַריין, מוטערס! ער טרוימט אַראָפּצוּווישן פון די צורהלעך פון אייערע קינדער די ענלעכקייט זייערע צו אייך — די הייליקע, פּרעכטיקע פאַמיליען-ענלעכקייט, ער רייסט זיך אַריין צו אייך אין אַלע ווינקעלעך, לויפט אַרום, ווי אַ מויז, אויף די פּאָליצעס, קריכט אונטער די בעטן, אונטער די העמדער, אין די האָר אונטער אייערע הענט. טרייבט אים צום טייוול!... אָט איז אַ קישן, איך בין דער קעניג פון די קישנס. זאָגט אים: יעדער איינער פון אונז וויל שלאָפן אויף זיין אייגענעם קישן. טשעפּע נישט די קישנס אונזערע! אונזערע קעפּ, ווען זיי זענען נאָך געווען מיט אַ הינדעלע-פּוך באַדעקט, ווען זיי האָבן נאָך קיין רעכטע האָר נישט געהאַט, זענען שוין געלעגן אויף אָט די קישנס; אונזערע קושן זענען אין די ליבע-נעכט געפאַלן אויף אָט די קישנס; מיר זענען אויסגעגאַנגען; דעם לעצטן הויך אונזערן האָבן מיר אָפּגעגעבן אויף אָט די קישנס, — און יענע, וועמען מיר האָבן געטויט, זענען אויך אויסגעגאַנגען אויף אָט די קישנס, — טשעפּע נישט אונזערע קישנס! רוף אונז נישט, נאָר אונז

ניִשט, פֿיר אונז נישט אַראָפּ פון וועג. וואָס קאָנסטו אונז פאַרלייגן אַנשטאָט אונזער קאָנען ליב האָבן, פיינט האָבן, האָפן, וויינען, רחמנות האָבן און פאַרגעבן?... אָט איז דאָס קישן, אונזער הערב, אונזער פּאָן, אָט איז דאָס קישן. פון אַ קויל קאָן עס שיצן, דאָס קישן. מיט דעם קישן וועלן מיר דיך דערשטיקן...

זיין רעדע האָט זיך אָפּגעהאַקט. ער האָט שוין אַזוי אויך צופיל געזאָגט. עפּעס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז מען האָט אים געפּאַקט פאַר דער לעצטער פּראַזע, ווי מען קאָן פּאַקן ביי אַ האַנט; די פּראַזע זיינע האָט מען, ווי אַ האַנט, אויף הינטן פאַרדרייט. ער האָט זיך אָפּגעהאַקט, פלוצלינג דערשראָקן געוואָרן, און די סיבה פון זיין פּחד איז געווען דווקא דאָס, וואָס דער, וועמען ער האָט אַזוי געשמיסן מיט זיינע ווערטער, איז געשטאַנען אַ שווייגנדיקער און צוגעהערט זיך. די גאַנצע סצענע האָט מען באמת געקאָנט אָננעמען פאַר אַ פאַר־שטעלונג. אַזוי האָבן עס טאַקע פיל מענטשן באַנומען. זייער אָפט באַ־ווייזן זיך דאָך די אַקטיאָרן פונם עולם. און בפרט נאָך: אָט האָבן זיך טאַקע באַוויזן די אמתע אַקטיאָרן. יאָ, ווי אַ באַבעלע, נישט ווי עפּעס אַנדערש, איז אַרויסגעפלויגן פון הינטער די ברעטער די טענ־צערן. דער עקסצענטריק אין אַ מאַלפּישער קאָמזויל איז געקראָכן אויף דער טריבונע, געהאַלטן זיך מיט איין האַנט פאַר דער פאָרענטשע, און אין דער צווייטער האָט ער געהאַלטן עפּעס אַ מוזיקאַלישן אינ־סטרומענט פון אַ מאָדנעם אויסזען — אַ לאַנגן טראָמפּייט מיט דריי טראָמפּייט־רערלעך, — און, אַזוי ווי פון אַ מענטשן, וואָס גייט אָנגע־טון אין אַ מאַלפּישן קאָמזויל מיט אַ געלן פּאַריק אויפן קאָפּ, קאָן מען אַלץ דערוואַרטן, האָט זיך טאַקע גאַנץ פּשוט אויסגעוויזן, אַז דערדאָזיקער מענטש קריכט אויף עפּעס אַ מאָדנעם כּשופדיקן אופן אויף זיין אייגענעם טראָמפּייט. עפּעס איינער אַ מענטש אין א פּראַק איז אַרומגעלאָפן הינטער דער טריבונע, געזוכט די אַקטיאָרן, וואָס זענען זיך צעלאָפן, און די אַקטיאָרן האָבן זיך אַ לאָז געטון אַ קוק טון אויפן אויסטערלישן רעדנער. מחמת אויך די אַקטיאָרן האָבן גע־מיינט, אַז נישט קיין רעדנער איז עס, נאָר דאָס האָט עמעצער פון די עסטראַדניקעס, וואָס איז איינגעלאַדן געוואָרן אַנטיילצונעמען אין קאָנצערט, צוגעטראַכט אַזאַ מין שפּיצל, געקומען אַהער מיט אַ קישן, גענומען זיך דיסקוטירן מיטן פּאַרטערגער, און באַלד וועט ער באַווייזן זיין געוויינלעכן נומער, אָבער ניין, דער עקסצענטריק איז פון פּחד

אַראָפּגעפאַלן פון זיין נאַרישן טראָמפּייט. און עס איז געוואָרן אומ־רויק. אָבער נישט די הויכע ווערטער, וואָס דער אומבאַקאַנטער רעד־נער האָט אין עולם אַריינגעוואָרפן, האָט דעם אומרוי פאַרזייט. פאַר־קערט, דידאַקטיק רעדע איז אָנגעגומען געוואָרן אַלס אומישנעדיקע, טאַקע אַלס עסטראַדע־טריוק, אָבער אָט די שטילקייט, וואָס האָט זיך אויף דער טריבונע איינגעשטעלט, האָט אָנגעיאָגט אַ שרעק אויף אַלעמען, און ביי אַסאַך האָבן זיך די האָר אונטער די היטלען אַ באַ־וועג געטון.

— וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר? — האָט דער מענטש אַ פרעג געטון און אַרויסגעלאָזט דאָס קישן פון זיין האַנט.

דעם ריזס שטימע (קיינער האָט נאָך נישט געוווסט, אַז דאָס רעדט אַ ברודער מיט אַ ברודער), דעם קורצן אויסגעשריי פונם ריז, האָט דער גאַנצער פּלאַץ געהערט. דורך פענסטער, דורך טירן, דורך טויערן האָט זיך דעם ריזס קול געטראָגן. אַלטע לייט האָבן זיך אין זייערע בעטן אַ הויב אונטער געטון.

— קענן וועמען ביסטו אַרויס אין אַ מלחמה, אויסוורף? — האָט דער ריז אַ פרעג געטון.

זיין פּנים איז אָנגעדראָלן געוואָרן. עס האָט זיך געדוכט, אַז פון אָט דעם פּנים זיינעם וועט אַ פּלייץ טון, ווי פון אַ לאָגל, פון אומע־טום—פון נאָז, פון מויל, פון די אויערן—עפּעס אַ מין טונקעלע פליסי־קייט, און אַלע וועלן אין פּחד די אויגן פאַרמאַכן... נישט ער האָט דאָס אַזוי אַ געשריי געטון. דאָס האָבן אַזוי געשריען די ברעטער אונטער אים, דער בעטאָן, די באַלקנס, די ליניעס, די פאָרמולעס, וואָס זענען אין בעטאָן אויסגעגאָסן געוואָרן. דאָס האָט זייער צאָרן אַזוי געשפּאַרט פון אים.

אָבער דער ברודער זיינער איוואַן איז אַפילו נישט אָפּגעטראָטן (אַלע האָבן דערוואַרט: אָט וועט ער אָפּטרעטן אויף הינטן, אויף הינטן און זיך געבן אַ זעץ אויף זיין קישן),—פאַרקערט: ער איז פּלוצלונג שטאַרק געוואָרן ביי זיך, אויסגעגלייכט זיך, צוגעגאַנגען צום באַריער, אַ שטעל געטון אַ דלאָניע איבער די אויגן און אַ רוף געטון:

— ווו ביסטו? איך וואַרט אויף דיר! אָפעליע!

אַ ווינט איז אָנגעלאָפן. איבעריקנס דער ווינט האָט כּסדר גע־ריסן, געהוידעט די לאַמטערנס... צו די פאַרייניקונגען און פונאַנ־דערפאַלונגען פון די שאָטן־פיגורן זענען שוין די ביוועזנדיקע גע־ווינט געוואָרן, — עס האָט זיך כּסדר געריסן פון זיינע אַנקערס

און געקראָכן אויפן עולם דער פּיל-שטאָקיקער זעגל-אָקרענט פון דער געביידע,—אַזוי, אַז דער נייער ריס פון ווינט, כאָטש ער איז געווען איצט אַסאַך אַ שטאַרקערער, כאָטש ער האָט פיל מענטשן פון דער מאַסע אַ כאַפּ געטון ביי די פּלייצעס און אומגעדרייט זיי, כאָטש ער האָט פיל אַנדערע געצווונגען די קעפּ אַראָפּבויגן, וואָלט דאָך באַגעגנט געוואָרן מיט דער געוויינלעכער אומצופרידנקייט און וואָלט גלייך פאַרגעסן געוואָרן, ווען נישט... און דערציילט האָט זיך דערנאָכדעם: עס איז עפּעס דורכגעפלויגן איבער די קעפּ. עס איז עפּעס אַרויסגעפלויגן פון הינטן.

אויפן עולם האָט געשוועמען דער ריזיקער ,זעגל-אָקרענט, ער האָט געסקריפּעט מיט זיינע געהילצן, דער ווינט האָט אין אים געוואָיעט, און אַ שוואַרצער פליענדיקער גוף האָט זיך ווי אַ פויגל אָן אַ מאַסטבוים אַ זעץ געטון אָן אַ הויכן באַלקן. אַ פּאַך געטון און צעבראָכן אַ לאַמטערן...

— אַ פּחד האָט דיך אָנגעכאַפּט, ברודער?—האָט איוואַן אַ שרײַ געטאָן. — איך וועל אָט וואָס אָפּטון. איך וועל זי שיקן אויף רושטאָוואַניעס. זי וועט פאַרניכטן דיין געביידע. די שרויפן וועלן זיך אַליין פאַנאַנדערשרויפן, די מוטערקעס וועלן אַליין אַראָפּפאַלן, דער בעטאָן וועט זיך צעשיטן, ווי אַ פאַרנצעוואַטער גוף. נו? זי וועט אויסלערנען יעדן באַלקן נישט פאָלגן דיך. נו? זי וועט אַלץ איינוואַלגערן. זי וועט פאַרוואַנדלען יעדע ציפער דיינע אין אַן אומנוצלעך בלימל. אָט, ברודער אַנדריי, וואָס איך קאָן אָפּטון...

— איוואַן, דו ביסט שווער קראַנק. דו רעדסט פון היץ, איוואַן, — האָט פלוצלונג ווייך און האַרציק זיך צערעדט דער, פון וועמען מען האָט געוואַרט דונערנדיקע קולות. — וועגן וועמען רעדסטו? ווער איז דאָס „זי”? איך זע זי נישט! ווער וועט עס פאַרוואַנדלען מיינע ציפערן אין בלומען? פּשוט דער ווינט האָט אַ זעץ געטון דעם לאַמטערן אָנם באַלקן, פּשוט — אַ לאַמטערן האָט זיך צעבראָכן. איוואַן, איוואַן...

און דער ברודער האָט אַ טראָט געשטעלט צו איוואַנען, אויסגעצויגן צו אים זיינע הענט, אָבער יענער האָט אים אָפּגעשטויסן.

— קוק — האָט ער אויסגעשריגן, אויפהויבנדיק אַ האַנט. — ניין, נישט אַהין קוקסטו... אָט-אָט... לינקער... דו זעסט? וואָס זיצט עס דאָרטן, אויף באַלקנדל? דו זעסט? גיב אַ טרונק וואַסער, דערלאַנגט

דעם חבר באַביטשעוו אַ גלאָז וואַסער... וואָס האָט עס זיך צוזאַמעצט דאָרטן אויף דער זשערדעלע? דו זעסט?!! דו גלויבסט?!! דו האָסט מורא?!!

— דאָס איז אַ שאָטן! — האָט אַנדריי געזאָגט. — ברודער, דאָס איז פשוט אַ שאָטן. קום פון דאַנען. איך וועל דיך צופירן. זאָל זיך אָנהויבן דער קאָנצערט. די אַקטיאָרן מאַטערן זיך. דער עולם וואַרט. מיר פאָרן, וואַניאַ, מיר פאָרן...

— אַך, אַ שאָטן? ניין, דאָס איז נישט קיין אָטן, אַנדריוּשאַ. דאָס איז די מאַשין, וואָס דו האָסט אויסגעלאַכט... דאָס זיץ איך אויף דער זשערדעלע, אַנדריוּשאַ. איך, די אַלטע וועלט, דער דור מיינער זיצט דאָרטן. דער מאַרך פון מיין דור, אַנדריוּשאַ, וואָס האָט געקאָנט שאַפן סיי לידער, סיי פאָרמולעס. דער מאַרך, וואָס איז פול מיט חלומות, דער מאַרך, וועלכן דו ווילסט פאַרניכטן.

איוואַן האָט אויפגעהויבן אַ האַנט און אַ געשריי געטון:

— גיי, אָפעליע! איך שיק דיך!

און דאָס, וואָס האָט זיך געהאַט צוגעזעצט אויף דער זשערדעלע, האָט זיך אַ דריי געטון, אַ גלאַנץ געטון, אומגעדרייט זיך, צעטופּעט זיך, צעטראַסקעט זיך, ווי אַ פויגל, און גענומען פאַרשווינדן ווערן אין דעם שוואַרצן לאָך צווישן די קרייץ-באַלקנס.

עס איז געוואָרן אַ פּאַניק, מענטשן זענען געלאָפן, געריעוועט, געשטיקט איינע די אַנדערע. און יענץ האָט זיך צעבריאַזגעט, געקראַכן מיט די ברעטער. פלוצלונג האָט זיך עס ווידער באַוויזן, אַ שיין געטון מיט אַ שטראַל פון אַ מאַראַנץ-קאָליר, אַ פייף געטון — אַזאַ מין גופלאַזע לויט דער פאָרם אירער — און מיט אַ געוויכטלאָזן שאָטן, ווי אַ שפּין, אַ שפּרונג געטון אַרויף העכער, אין כאַאָס פון די ברעטער, און ווידער זיך צוגעזעצט אויף אַ באַלקנדל, ווידער זיך אומגעקוקט...

— טו, אָפעליע! טו! — האָט איוואַן געשריען, אַרומטראָגנדיק זיך איבער דער טריבונע. — דו האָסט געהערט, וואָס ער האָט גערעדט וועגן דער היים? איך באַפעל דיר פאַרניכטן די געביידע...

מענטשן זענען געלאָפן, אין זייער געלויף איז באַלייט געוואָרן מיטן גאָביאָגן פון די וואָלקנס, מיט דעם צעשטורעמטן אויסזען פון הימל.

דאָס „פּערטעלע" איז איינגעפאַלן...

דער דערציילער איז אַנטשוויגן געוואָרן...

... די פויק איז געלעגן צווישן די רויִנעס, און אויף דער פויק

בין איך, איוואַן באַביטשעוו, אַרויפגעקראָכן. אָפּעליע האָט געציילט צו מיר. זי האָט געשלעפּט דעם דערשטיקטן, אויסגעייענדיקן אַנדרייען.

— לאָז אַנידערלייגן מיין קאָפּ אויפן קישן, ברודער, — האָט ער געשעפּטשעט, — איך וויל שטאַרבן אויף אַ קישן. איך גיב זיך אונטער, איוואַן...

איך האָב אַנידערגעלייגט אויף מיינע קני דאָס קישן. ער איז געפאַלן אַהין מיט זיין קאָפּ.

— מיר האָבן געזיגט. אָפּעליע. — האָב איך אַ זאָג געטון.

7

זונטיק אינדערפרי האָט איוואַן באַביטשעוו באַזוכט קאַוואַלעראָוון.

— איך וויל אייך היינט באַווייזן וואַליען. — האָט ער פייערלעך געמאָלדן.

זיי זענען אַוועק צו וואַליען. דעם שפּאַציר האָט מען געקאָנט אָנרופן אַלס אַ באַצויבערנדיקן. דער שפּאַציר איז געמאַכט געוואָרן איבער אַ פוסטער, יום-טובדיקער שטאָט. זיי זענען אַוועק מיט אַרומיקע גאַסן צום טעאַטער-פּלאַץ, קיין באַוועגונג איז כמעט נישט געווען. דער באַרג-אַרויף אויף דער טווערסקאַיאַ גאַס האָט זיך געבלויט. זונטיק אינדערפרי — דאָס איז איינע פון די שענסטע בילדער פון מאָסקווער זומער. די באַלייכטונג איז נישט געפליקט געוואָרן דורך דער באַוועגונג, געבליבן גאַנץ, ווי די זון וואָלט נאָר-וואָס אויפגעגאַנגען. אויף אַזאַ מין אופן זענען זיי געגאַנגען איבער די געאָמעטרישע פּלאַנען פון ליכט און שאָטן, — ריכטיקער: זיי זענען געגאַנגען דורך סטערעאָסקאָפּישע קערפּערס, מחמת ליכט און שאָטן האָבן זיך איבערגעהאַקט נישט נאָר אין דער פלאַך, נאָר אויך אין דער לופט. נישט ווייט פון מאָסאָוועט זענען זיי אַריין אין אַ דורכויסיקן שאָטן. אָבער אין דורכלויכט צווישן צוויי קאָרפּוסן איז געשטאַנען אַ ריזיקער זייל ליכט. דאָס ליכט איז געווען געדיכט, כמעט קערפּערלעך, — דאָ האָט מען שוין נישט געקאָנט צווייפלען דערין, אַז דאָס ליכט איז מאַטעריעל: דער שטויב, וואָס האָט זיך אין דעם ליכט געטראָגן, האָט געקאָנט אָנגענומען ווערן אַלס די וואַקלונג פונם עטער.

און אָט איז דאָס ליקעלע, וואָס פאַרייניקט די טווערסקאַיאַ גאַס

מיט דער ניקיטסקער. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט און פּאַרקוקט זיך אויפן בליענדיקן פּאַרקן.

זיי זענען אַריין אין טויער און אויפגעהויבן זיך מיט הילצער־נע טרעפּ אויף אַ פאַרגלאָזטער גאַלעריע. די גאַלעריע איז געווען פאַר־לאָזן און חרוב, אָבער פרייליך איז דאָרט געווען פון דעם סאַך גלאָז, ליכט, הימל, וואָס האָט געשיינט דורכן גלאָז.

די שויבן האָבן דעם הימל צעטיילט אויף חלקימלעך. יעדער חלק האָט זיך געהאַט זיין קאָליר, זיין גראַד בלויקייט. אַ פערטכיילעך שויבן איז געווען אויסגעהאַקט. דורך דער אונטערשטער ריי שויבן זענען געקראָכן די גרינע עקעלעך פון עפּעס אַ געוויקס, וואָס איז געוואַקסן דרויסן, אויף דער וואַנט פון דער גאַלעריע. דאָ איז אַלץ גע־ווען אויסגערעכנט אויף אַ פריילעכער קינדהייט. אין אַזעלכע גאַלעריען פּלאָדיען זיך קראָליקעס.

איוואַן האָט זיך אַ לאָז געטון צו אַ טיר. דריי טירן זענען געווען אויף דער גאַלעריע. איוואַן האָט זיך אַ לאָז געטון צו דער לעצטער טיר.

קאַוואַלעראָוו האָט גייענדיק געוואָלט אָפּרייסן איינס אַ גרין עקעלע. ווי נאָר ער האָט אַ ציפּ געטון דאָס געוויקס, האָט זיך גלייך נאָכן עקעלע אַ צי געטון דער גאַנצער סיסטעם געוויקסן, וואָס איז גע־האָנגען אינדרויסן אויף דער וואַנט פון דער גאַלעריע, און ערגעץ האָט אַ קרעכץ געטון אַ דראָט, וואָס האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אינם לעבן פון אָט דעם פליושטש, אָדער וויס אים דער טייוול, ווי ער האָט דאָרט געהייסן. (ווי נישט אין מאָסקווע וואָלט עס געווען, נאָר אין איטאַליע...) קאַוואַלעראָוו איז צוגעפאַלן צום פענסטער און דערזען אַ הויף, וואָס איז אַרומגעצוימט געווען מיט אַ שטיינערנער וואַנט. די גאַלעריע האָט זיך געפונען אויף אַ הויך צווישן צווייטן און דריטן שטאָק. פון אָט דער הויך האָט ער דערזען הינטער דער שטיינערנער וואַנט (אויך דאָרטן איז געווען איטאַליע...) אַ שרעקלעך גרינעם פּלאַץ.

ווען ער איז נאָך אויפן גאַניק אַרויף, האָט ער שוין דערהערט שטימען און אַ געלעכטער. זיי האָבן זיך געטראָגן פון יענעם גרינעם פּלאַץ. אָבער ער האָט גאָרנישט נישט באַוויזן פונאַנדערצוקלויבן, איוואַן האָט אים אָפּגעריסן פון דאָרט. איוואַן האָט געקלאַפּט אין טיר. איינס, צוויי, נאָכאַמאָל...

— קיינער נישטאָ—האָט ער אַ ברום געטון.— זי איז שוין דאָרטן...

— קאַוואַלעראָווס אויפמערקזאַמקייט איז געבליבן צוגעשדמיט

צום גרינעם פלאַץ. דורך אַן אויסגעהאַקטער שויב האָט ער אַהין געקוקט. פאַרוואָס? דערווייל האָט ער דאָך נאָך קיין שום אויסטערלישעס דאָרט נישט געזען. ווען איוואַן האָט אין דער טיר געקלאַפּט, איידער ער האָט זיך אָפּגעקערט פון דער שויב, האָט ער באַוויזן צו אויפכאַפּן בלויז איין קער פון עפּעס אַ גימנאַסטישן ריטם. פּשוט, עס איז אים אָנגענעם, זיס און קיל געווען צו קוקן אויפן גרינעם פלאַץ, וואָס האָט זיך אַזוי אומדערוואַרט פאַר זיינע אויגן אַ שטעל געטון נאָכן געוויינלעכן הויף. גיכער פון אַלץ, האָט ער שוין שפּעטער זיך אַליין פאַרזיכערט, האָט מיך די פּראַכט פון דער לאָנקע אַזוי שטאַרק פאַרכאַפּט.

— זי איז שוין אַוועק! — האָט באַביטשעוו איבערגעחזרט. — דערלויבט אָקאָרשט...

און ער האָט אַ קוק געטון אין אַ שויב. קאַוואַלעראָוו האָט גלייך אויך דאָסזעלבע געטון.

דאָס, וואָס האָט געשאַפן ביי אים דעם איינדרוק פון אַ לאָנקע, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַ קליין הויפל, וואָס איז געווען באַוואַקסן מיט גראָז. דער הויפּט-כוח פון דעם גרינעם האָט געשטאַמט פון די הויכע, געדיכט-קרויניקעביימער, וואָס זענען ביי די זייטן געשטאַנען. דאָס גאַנצע ביסל גרינס איז דאָ געוואַקסן אונטער דער ריזיקער, טויבער וואַנט פון דער שטוב. קאַוואַלעראָוו האָט זיך צוגעקוקט פון אויבן אַראָפּ. אים האָט זיך פון דאָרטן געדוכט, אַז דאָס הויפל מוז ענג זיין. דער גאַנצער אַרום, וואָס האָט זיך געזען פון זיין זע-פונקט, האָט זיך אָנגעהויבט איבערן הויפל. דאָס הויפל איז געלעגן ווי אַ טעפּיכל אין אַ שטוב, וואָס איז פול אָנגעשטעלט מיט מעבל. פרעמדע דעכער האָבן פאַר קאַוואַלעראָוון זייערע סודות אַנטפּלעקט. ער האָט דערזען די פליגערס אין זייער נאַטירלעכער גרויס, די דאַך-פענסטערלעך, וועגן וועלכע קיינער אונטן האָט קיין שום פאָרשטעלונג נישט, און אַ קינדערשע פּילקע האָט ער דאָ דערזען, אַ קינדערשע פּילקע, וועלכע איז אַמאָל צו הויך אַרויפגעוואָרפן געוואָרן, געפאַלן דאָ אויפן דאַך, פאַרקוילערט זיך אין דער רינווע אַריין און געבליבן שוין דאָ אויף אייביק. אַנטענעס-נעצן האָבן זיך געהויבט אויף שטעקנס און קוימענס. אַ פריש-אויסגעפּאַרבטער שפּיץ פון אַ קלויסטערל איז אַריינגעפאַלן אין פוסטן חלל פון הימל, און עס האָט זיך געדוכט, אַז דער שפּיץ איז געפלויגן אַזוי לאַנג, ביז קאַוואַלעראָוו האָט עס נישט געכאַפּט מיטן בליק. ער האָט געזען די קאָראָמיסלע פון דעם טראַמוואַי-

סלופּ פון דער צענטער גאַס, און עפּעס אַ צווייטער קוקער האָט זיך אַרויסגערוקט פון אַ ווייטן פענסטער. געשמעקט אָדער געגעסן עפּעס, אונטערגעגעבן זיך דער פּערספּעקטיוו, כּמעט געהאָנגען אויף דער קאָראָמיסלע פון דעם טראַמוויי-סלופּ.

און די הויפּט-זאַך איז געווען דאָס הויפל.

זיי זענען אַראָפּ אונטן. אין דער שטיינערנער וואַנט, וואָס האָט אָפּגעטיילט דאָס הויפל פון הויף, דעם אומעטיקן, פּוסטן הויף פון דער געהיימניספּולער לאַנקע, האָט זיך געזען אַ לאָך. אין דער וואַנט האָבן עטלעכע ציגל געפעלט, ווי אין אַ אויוון, פון וואַנען מען האָט עטלעכע לאַבנס ברויט אַרויסגעשלעפּט. אין דערדאָזיקער אַמבראַזורע האָבן זיי אַלץ דערזען. די זון האָט געבראָטן קאַוואַלעראָווס קאָפּ. זיי האָבן דערזען, ווי מענטשן איבן זיך און שפּרינגען. צווישן צוויי סלופּקעלעך איז געווען דורכגעצויגן אַ שטריק. אַ יינגלינג איז אויפגעפלויגן, אַריבערגעטראָגן מיט אַ זייט זיין גוף איבער דעם שטריק, אַריבערגעטראָגן אים לייכט און כּמעט גליטשנדיק זיך, אויסציענדיק פּאַראַלעל דעם שטריק, ווי ער וואָלט נישט אַריבערגעשפּרונגען, נאָר אַריבערגעשווומען, ווי אַריבער אַ כוואַליע. און ווען ער האָט זיך אַריבערגעקוילערט, האָט ער אונטערגעוואָרפן די פיס און אַ באַוועג געטון מיט זיי אַזוי, ווי אַ שווימער, ווען ער שטויסט אָפּ מיט די פיס דאָס וואַסער. אין דער צווייטער רגע האָט אַ פינקל געטון זיין איבערגעקערט פאַרקרומט פּנים, וואָס איז געפלויגן אַראָפּ, און אָט האָט שוין קאַוואַלעראָוו דערזען אים אַ שטייענדיקן אויף דער ערד, דערביי, ווען ער האָט זיך אָנגעשטויסן אָן דער ערד, האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, וואָס איז זייער ענלעך אויף „אפּף" — דאָס איז געווען אַן אָפּגעהאַקטער אָטעם, אָדער אַ זעץ מיט די פּיאַטקעס אָן דעם זאַמד.

איוואַן האָט אַ קנייפּ געטון קאַוואַלעראָוון ביי אַן עלנבויגן.

— אָט איז זי... קוקט... (מיט געשעפּטשעריי).

אַלע האָבן זיך צעשריען און צעפּאַטשט אין די הויפּנס. דער שפּרינגער, כּמעט אַ נאַקעטער, איז אָפּ אין אַ זייט, אַ טראָפּעלע צופּאַלנדיק אויף איין פוס. ווייזט אויס, אַ מין ספּאָרטמעניש קאָקעטירן איז עס געווען.

דער שפּרינגער איז געווען וואָלאָדיע מאַקאַראָוו.

קאַוואַלעראָוו האָט זיך פאַרלוירן. אַ שרעק און אַ חרפּה האָט

אים אַרומגעכאַפּט. וואַלאָדיע האָט געשמייכלט און אָפּגעדעקט אַ גאַנצע גלאַנציקע מאַשין ציין.

אויבן אויף דער גאַלעריע האָט מען ווידער געקלאַפּט אין דער טיר. קאַוואַלעראָוו האָט זיך אומגעדרייט. זייער נאַריש וואָלט געווען געפּאַקט צו ווערן דאָ ביי דער וואַנט, ווי אַן אונטערקוקער. עמעצער גייט אַרום אויף דער גאַלעריע, די שויבן ציטערן אויף פּיצלעך דעם מענטשן, וואָס גייט דאָרטן אַרום אויף דער גאַלעריע. באַזונדערע טיילן פון זיין קערפּער באַוועגן זיך פולשטענדיק זעלבסטשטענדיק. עס איז אַן אָפּטישע גענאַרעריי. דער קאָפּ לויפט פאָרויס פאַרן גוף. קאַוואַלע־ראָוו דערקענט דעם קאָפּ, אויף דער גאַלעריע שווימט דורך אַנדריי באַביטשעוו.

— אַנדריי פּעטראָוויטש! — שרייט פון דעם לאָנקעלע וואַליע, — אַנדריי פּעטראָוויטש! אַהער! אַהער!

דער שוידערלעכער גאַסט איז נישט געוואָרן. ער פאַרלאָזט די גאַלעריע, זוכט אַ וועג צו דער לאָנקעלע. פאַרשידענע געגנשטאַנדן פאַרשטעלן אים פון קאַוואַלעראָווס אויגן. מען דאַרף אַנטלויפן.

— אַהער! אַהער! — קלינגט וואַליעס שטים.

קאַוואַלעראָוו זעט: וואַליע שטייט אויף דעם לאָנקעלע מיט ברייט און פעסט פונאַנדערגעשטעלטע פיס. זי איז אָנגעטון אין שוואַרצע, הויך־פאַרקאַטשעטע טרוסן, די פיס אירע זענען שטאַרק נאַקעט, דער גאַנצער געבוי פון די פיס זעט זיך אָן. די באָרוועסע פיס אירע זענען אָנגעטון אין ווייסע ספּאָרט־לאַטשן, און דאָס, וואָס די לאַטשן זענען אָן אָפּצאַסן, דאָס מאַכט איר געשטיי נאָך שטייפער און פעסטער — נישט קיין פרויען־געשטיי איז עס — אַזוי שטייט אַ מאַנספּאַרשוין אָדער אַ קינד. די פיס אירע זענען פאַרברוינט, פאַרשמירט און זיי גלאַנצן. דאָס זענען פיס פון אַ מיידעלע, אויף וועלכער עס ווירקט אַזוי אָפט די לופט, די זון, די פאַלענישן אויף דערנער, אויף גראָז, די קלעפּ, פון וואָס זיי ווערן פאַרגרעבט, באַדעקן זיך מיט וואַקסענע שראַמען פון אַראָפּגעריסענע פאַר דער צייט הייטלעך פון די פאַר־טרוקנטע ראַנצן, און די קניען זייערע ווערן האַרטלעך און שערשאָווע, ווי די שאָלעכץ אויף אַ מאַראַנץ. דער עלטער און די אונטערבאַוווסט־זיניקע זיכערקייט אין דער פיזישער רייכקייט פון איר אָרגאַניזם גיבן איר דאָס רעכט צו האַלטן אַזוי זאָרגלאָז די פיס אירע, נישט זשאַלע־ווען און נישט גלעטן זיי. אָבער העכער, הינטער די שוואַרצע טרוסן,

באַווייזט די ריינקייט און צאַרטקייט פון דעם לייב, ווי פּרעכטיק עס וועט זיין אָט דאָס מיידעלע, ווען זי וועט רייף ווערן און אין אַ פרוי פאַרוואַנדלט ווערן, ווען זי וועט אַליין זיך אומקוקן אויף זיך און וועלן זיך אַ פּוץ טון, — ווען אַלע ראַצן וועלן זיך פאַרהיילן, ווען אַלע פאַרטרוקנטע סטרופּקעלעך פון די ראַצן וועלן אַליין פון זיך אַראָפּפאַלן, די ברוינקייט וועט זיך אויסגלייכן און פאַרוואַנדלען זיך אין אַ קאָליר.

ער האָט זיך אויפגעטרייסלט און איז אַוועקגעלאָפן פּאַזע דער טויבער וואַנט, אַוועקגעלאָפן אין דער פאַרקערטער ריכטונג פון דער אַמבראַזורע, שמירנדיק מיט אַן אַקסל אָן דער וואַנט.

— וווּהין לויפט איר? — האָט אים איוואַן אַ רוף געטון. — וווּהין אַנטלויפט איר, וואַרט צו!

„ער שרייט! זיי וועלן דערהערן! — האָט אַ שוידער קאַוואַ־לעראָוון אָנגעכאַפּט. — זיי וועלן מיך דערזען!“.

ווירקלעך, הינטער דער וואַנט איז מיטאַמאָל אײַנגאַנצן שטיל געוואָרן. דאָרט האָט מען זיך צוגעהערט צום געשריי. איוואַן האָט דעריאָגט קאַוואַלעראָוון.

— הערט נאָר, מיין ליבער... איר האָט געזען? דאָס איז מיין ברודער! אירט געזען? וואָלאָדיע, וואַליע... אַלע! דער גאַנצער לאַ־גער... וואַרט צו אַ ווײַלע, איך וועל באַלד אַרויפקריכן אויף דער וואַנט און אויסזידלען זיי... איר האָט זיך אויסגעשמירט, קאַוואַלעראָוו, ווי אַ מילנער!

קאַוואַלעראָוו האָט שטיל אַ זאָג געטון:

— אייער ברודער קאָן איך אויסגעצייכנט. דאָס האָט ער מיך אַרויסגעטריבן. דאָס איז ער די יענע וויכטיקע פּערזאָן, וועגן וועלכער איך האָב אייך דערציילט... אונזערע מזלות זענען ענלעכע. איר האָט געזאָגט, אַז איך דאַרף טויטן אייער ברודער... וואָס־זשע זאָל איך טון?...

אויף דער שטיינערנער וואַנט איז געזעסן וואַליע.

— פּאַפּאַ! — האָט זי אַ דערשראָקענע אַ געשריי געטון.

איוואַן האָט אַרומגעכאַפּט אירע פיס, וואָס זענען אַראָפּגעהאָנגען פון דער וואַנט.

— וואַליע, שטעך מיר אויס די אויגן, איך וויל זיין בלינד, — האָט ער מיט אַ פאַרהאַקטן אָטעם גערעדט, — איך וויל גאָרנישט נישט זען: נישט די לאָנקעס, נישט די צווייגן, נישט די בלומען, נישט

קיין ריטערס, נישט קיין פּחדנים, — איך מוז בלינד ווערן, וואַלי איך האָב אַ טעות געהאַט, וואַליע... איך האָב געמיינט, אַז אַלע געפילן זענען אומגעקומען — אי ליבע, אי טרייהייט, אי צאַרטקייט, אָבער אַלץ איז געבליבן, וואַליע... נאָר... נישט פאַר אונז, פאַר אונז איז געבליבן נאָר קנאה און קנאה... שטעך מיר אויס די אויגן, וואַליע, איך וויל בלינד ווערן...

ער האָט זיך אַ גליטש געטון איבער די פאַרשוויצטע מיידלשע פּיס מיט זיינע הענט, מיטן פּנים, מיט דער ברוסט און שווער אַ פאַל געטון צופוסן דער וואַנט.

— לאָמיר אויסטרינקען, קאַוואַלעראָוו, — האָט איוואַן אַ זאָג געטון. — מירן טרינקען, קאַוואַלעראָוו, פאַר דער יוגנט, וואָס איז אַוועק, פאַר דער פאַרשווערונג פון די געפילן, וואָס איז דורכגעפאַלן, פאַר דער מאַשין, וואָס איז נישט געווען, נישטאָ און וועט נישט זיין...

— אַ הינטישער זון זענט איר, איוואַן פּעטראָוויטש! (קאַוואַלעראָוו האָט איוואַנען ביים קאָלנער אָנגעכאַפּט). די יוגנט איז נאָך נישט אַוועק! ניין! איר הערט? נישט אמת! נישט אַוועק! איך וועל עס אייך דערווייזן... נישט שפּעטער פון מאָרגן, איר הערט? מאָרגן אויפן פוטבאָל וועל איך דערהרגענען אייער ברודער...

8

ביקאַליי קאַוואַלעראָוו איז געזעסן אויף דער טריבונע. אינדערהויך, רעכטס פון אים, אונטער די ריזיקע לייוונטן מיט די לאָזונגען און אַפישן, אין דער לאָזשע איז געזעסן וואַליע. די לאָזשע איז געווען פול אָנגעפּאַקט מיט יוגנט.

עס האָט געבלאָזן אַ ווינט. דער טאָג איז געווען זייער אַ לויטערער, אַ דורכזיכטיקער, אַ דורכגעפייפטער דורכן ווינט פון אַלע זייטן. דאָס ריזיקע פעלד האָט געגרינט מיט דעם צוגעפלאַטשטן גראָז, וואָס האָט געגלאַנצט, ווי לאַק.

קאַוואַלעראָוו האָט פון דער לאָזשע קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט, און, ווען דער אָנגעשטרענגטער בליק זיינער איז פאַרמאַטערט געוואָרן, האָט ער זיך גענומען אַרבעטן מיט דער פאָרשטעלונג זיינער, סטאַרענדיק זיך צו דערזען אין דער פאָרשטעלונג דאָס, וואָס ער האָט

מיטן אויג און אויער פונדערווייטן נישט געקאָנט דערזען און דער־הערן. נישט נאָר ער — אַסאַך אַנדערע מענטשן, וואָס זענען געזעסן נאָענט צו דער לאָזשע, נישט געקוקט דערויף, וואָס זיי זענען געווען שטאַרק פאַרנומען מיט פאַרגעפיל, אָנגערעגט פון דעם פאַרשטייענ־דיקן, וואָס וועט זיי דאָ באַלד אויסקומען צו זען, האָבן זיי דאָך זיך פאַרקוקט אויף דעם באַצויבערנדיקן מיידל, וואָס איז געזעסן אין דער לאָזשע אין איר ראָזעווען קלייד; אויף דעם מיידל, וואָס איז נאָך כּמעט אַ מיידעלע, אַ קינד געווען, קינדערש לויט איר פּאָזע און באַוועגונ־גען, אָבער וועלכע האָט, צוזאַמען דערמיט, געהאַט אַזאַ מין אויסזען, אַז יעדן איינעם האָט זיך געוואָלט באַמערקט ווערן פון איר, ווי זי וואָלט געווען עפּעס אַ באַרימטהייט אָדער אַ טאָכטער פון אַ באַ־רימטן מענטשן.

צוואַנציק טויזנט צושויער האָבן אָנגעפּאַקט דעם סטאַדיאָן. עס איז דאָ פאָרגעשטאַנען אַן אויסערגעוויינלעכער יום־טוב — דער לאַנג־דערוואַרטעטער געוועט־קאַמף צווישן דער מאָסקווער און דייטשער פוטבאָל־קאָמאַנדע.

אויף די טריבונעס האָבן די מענטשן זיך געאַמפּערט, געשריען, געסקאַנדאַלעוועט צוליב קלייניקייטן. אַ ריזיקער עולם האָט צעשפּאַרט דעם סטאַדיאָן. ערגעצוווּ האָט מיט אַן ענטל־געשריי אַ בראָך געטון זיך אַ באַלוסטראַדע. קאַוואַלעראַוו, פאַרפלאָנטערנדיק זיך אין פרעמדע קאָלאָניעס, ווען ער האָט געזוכט זיין אָרט אויף דער טריבונע, האָט געזען, ווי אויפן שטעגעלע, צופוסנס דער טריבונע, איז געלעגן מיט צעוואָרפענע הענט און שווער געאָטעמט עפּעס איינער אַן אַלטינקער אין אַ קרעמאָווען קאַמזויל. די מענטשן האָבן פאַרביי אים צו די טרי־בונעס זיך געשפּאַרט, און קיינער האָט זיך אויף אים נישט אומגע־קוקט. דער אומרו איז נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרן דורכן ווינט. אויף די טורעמס האָבן ווי בליצן די פענער געפלאַטערט.

קאַוואַלעראָווס גאַנץ וועזן האָט זיך געריסן צו דער לאָזשע. וואַליע איז געזעסן איבער אים, אין דער קווער, אין אַ מעטער צוואַנ־ציק פון אים. דער בליק זיינער האָט זיך איזדיעקעוועט איבער אים. אים האָט זיך געדוכט, אַז זיי באַגעגענען זיך מיט די אויגן. דעמאָלט פלעגט ער זיך געבן אַ הויב־אונטער פון זיין אָרט. אים האָט זיך גע־דוכט: דער מעדאַליאָן אויף איר האַלדז פלאַמט אויף. דער ווינט האָט געטון מיט איר, וואָס אים האָט זיך געגלוסט. יעדע ווייַלע האָט זי

זיך געכאַפּט פאַר איר הוט. איר הוט איז געווען אַ קאַפּער פון רויטן גלאַנציקן שטרוי. דער ווינט האָט אַרויפגעבלאָזן דעם אַרבל אירן ביזן סאַמע אַקסל, און אָפּגעדעקט איר האַנט, וואָס איז געווען שלאַנק, ווי אַ פלייט. די אַפּישקע איז אַרויסגעפלויגן פון אירע הענט, אַ פּאַך געטון מיט די פליגלען און געפאַלן אין געדיכטעניש פון עולם.

נאָך אַ חודש פאַרן קאַמף-געוועט האָט זיך געלאָזט הערן, אַז מיט דער דייטשער קאָמאַנדע וועט קומען צופאָרן דער באַרימטער געצקע, וואָס שפּילט דעם צענטראַלן פאָרוואַרד, דאָס הייסט דעם הויפּט-שפּי-לער פון די פינף אָנגרייפנדיקע שפּילער. ווירקלעך, געצקע איז גע-קומען. ווי נאָר די דייטשע קאָמאַנדע איז אונטער מוזיק אַרויס אין פעלד, נאָך איידער די שפּילער האָבן באַוויזן זיך אויסשטעלן אויף זייערע ערטער, און דאָס פּובליקום (ווי עס פּאַסירט שטענדיק אין אַזעלכע פאַלן) האָט גלייך דערקאָנט די באַרימטהייט, כאָטש די באַ-רימטהייט איז געגאַנגען אין איין רייע מיט אַלע איבעריקע געקו-מענע געסט.

— געצקע! געצקע! — האָבן די צושויער זיך צעשריען, שפּירנ-דיק אַ באַזונדער פאַרגעניגן דערפון, וואָס זיי זעען די באַרימטהייט, ווי אויך דערפון, וואָס זיי פּאַטשן בראַוואָ דער באַרימטהייט.

געצקע, וועלכער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס נישט-גרויסער, שוואַרצהנעוודיקער און סוטולעוואַטער מענטש, האָט געשטעלט אַ צוויי טריט אין אַ זייט, אָפּגעשטעלט זיך, אויפגעהויבן זיינע הענט איבערן קאָפּ און אַ טרייסל געטון מיט זיינע צוויי דלאָניעס, וועלכע ער האָט איינע אין דער אַנדערער אַריינגעלייגט. דער נייער אויסלענדישער אופן באַגריסן זיך מיטן עולם האָט נאָך מער באַגייסטערט די צושויער.

די גרופּע דייטשן — עלף מאַן — האָבן געשיינט אויפן גרינס, אין דער ריינקייט פון דער לופט, מיט זייער בונטן אָנטועכץ. זיי זע-נען געווען אָנגעטון אין אָראַנזשעווע, כמעט גאָלד-קאָלירענע לייבלעך מיט גרין-לילאָווע לעקעכער אויף דער רעכטער זייט פון דער ברוסט און אין שוואַרצע טרוסן. די טרוסן האָבן זיך אָנגעבלאָזן אויפן ווינט.

וואָלאָדיע מאַקאַראָוו, אין אַ פּריש-אָנגעטוענעם פוטבאָליסטן-העמדל, האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער פון פוטבאָליסטן-צימער. די דייטשן זענען געקומען צום מיטן פעלד.

— מיר גייען, צי וואָס? האָט ער אַ פרעג געטון. — געגאַנגען?

— גענאַנגען — האָט דער קאַפּיטאַן פון דער קאָמאַנדע אַ קאָ־מאַנדעווע געטון.

עס איז אַרויסגעלאָפן די סאָוויעטישע קאָמאַנדע אין רויטע העמד־לעך און ווייסע טרוסן. די צושויער האָבן זיך אַרויפגעוואַלגערט אויף די באַלוסטראַדן, געהאַקט מיט די פיס אין די ברעטער. דאָס געפילדער פון די צושויער האָט פאַרטויבט די מוזיק.

די דייטשן איז אויסגעקומען צו שפילן די ערשטע העלפט שפיל מיטן ווינט.

אונזערע שפילער האָבן נישט נאָר געשפילט און געסטאַרעט זיך טון דאָס אַלץ, וואָס אין אַ שפּיל דאַרף געטון ווערן אויף צו שפּילן וואָס בעסער, נאָר זיי האָבן אויך נישט אויפגעהערט צוצוקוקן זיך צו דעם שפיל פון די דייטשן, ווי צושויער, און שאַצן זי, ווי פּראָפע־סיאָנאַלן. דער שפיל געדויערט נײַנציק מינוט, מיט אַ קורצן איבעררײַס אויף דער פינף און פערציקסטער מינוט. נאָכן איבעררײַס בײַטן זיך די קאָמאַנדעס מיט זייערע ערטער אויפן פעלד. אַזוי, אַז בײַ אַ ווינטיק וועטער לווינט בעסער צו שפּילן די ערשטע העלפט שפיל, ווען די כּוחות זענען נאָך פריש, קעגן דעם ווינט.

אַזוי ווי די דייטשן האָבן געשפּילט מיטן ווינט, און דער ווינט איז געווען זייער אַ שטאַרקער, האָט ער דעם גאַנצן שפּיל אַוועקגע־בלאָזן צו אונזערע טויערן. די פּילקע איז כּמעט נישט אַרויס פון דער סאָוויעטישער זייט פון פעלד. אונזערע בעקן האָבן געגעבן שטאַרקע „ליכטלעך", דאָס הייסט הויכע פאַראַבאָלישע קלעפּ, אָבער די פּילקע פלעגט זיך אַ גליטש טון אָן דער וואַנט פון ווינט, פלעגט זיך אַ דריי טון, אַ גלאַנץ טון מיט איר געלקייט און אַ רוק טון זיך אויף צוריק. די דייטשן האָבן העלדיש אַטאַקירט. דער באַרימטער געצקע האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַ באמת געפערלעכער שפּילער. אַלע האָבן געקוקט נאָר אויף אים.

ווען די פּילקע פלעגט אַרײַנפאַלן צו אים אין די הענט, פלעגט וואַליע, וואָס איז געזעסן אינדערהויך, אַ קוויטש טון, ווי אַט שוין גלײַך, וואָלט זיך פאַר אירע אויגן באַוויזן עפּעס שוידערלעכס און פאַרברעכערישעס. געצקע האָט זיך געריסן צו אונזערע טויערן, געלאָזן הינטער זיך אונזערע בעקן, וואָס האָבן זיך אַזש געהאַט צוגעזעצט פון זיין פלינקייט און שטורמישער אָנגרייפערישקייט, און געזעצט אין אונ־זער טויער. דעמאָלט פלעגט וואַליע זיך אַ וויג טון צו איר שכן, מיט

ביידע העגט פלעגט זי אָנכאַפּן די האַנט זייגע, צודריקן זיך מיט דער באַק צו דעם שכנס האַנט, און טראַכטנדיק נאָר וועגן איינס — באַהאַלטן דאָס פּנים און נישט זען דאָס שוידערלעכע, פלעגט זי פונדעסטוועגן פאַרטזעצן קוקן מיט צעקרומטע אויגן אויף די שוידערלעכע באַוועגונגען פון דעם שוואַרצן — פון געלויף אין היץ — געצקע.

אָבער וואָלאָדיע מאַקאַראָוו, דער טויערמאַן פון דער סאָוויעטישער קאָמאַנדע, פלעגט די פּילקע כאַפּן. געצקע, נישט פאַרענדיקנדיק נאָך די באַוועגונג, וואָס ער האָט געמאַכט צוליבן זעץ, האָט גלייך גראַציעזע איבערגעביטן דידאַזיקע באַוועגונג אויף אַ צווייטער, אויף אומצודרייען זיך און לויפן, אומגעדרייט זיך און געלאָפן, אָנבויגנדיק די פּלייצע, וואָס איז געווען שטייף פאַרצויגן אין דעם דורכגעווייקטן ביז שוואַרצקייט לייבל. דעמאָלט האָט וואָליע גלייך צוריק גענומען אַ נאַטירלעכע פּאָזע און געלאַכט — ערשטנס, פון פאַרגעניגן, וואָס די פּילקע האָט מען אונזערע נישט אַריינגעזעצט, און צווייטנס, דערפון, וואָס זי האָט זיך דערמאָנט, ווי זי האָט מיט אַ ווייל צוריק געקוויטשעט און אָנגעכאַפּט זיך פאַר איר שכנס אַרבל.

— מאַקאַראָוו! מאַקאַראָוו! בראַוואָ! — מאַקאַראָוו! האָט זי צוזאַמען מיט אַלע איבעריקע געשריען.

די פּילקע איז יעדע ווייל געפלויגן צו די טויערן. זי האָט זיך געהאַקט אָן זייערע שטאַנגען, די שטאַנגען האָבן געקרעכצט, וואַפנע האָט זיך פון זיי געשאָטן... וואָלאָדיע האָט געכאַפּט די פּילקע אין אַזאַ מין געפלי אירן, ווען מאַטעמאַטיש האָט עס אויסגעזען פאַר אוממעגלעך. — דאָס גאַנצע פּובליקום, דער גאַנצער לעבעדיקער שיפּוי פון די טריבונעס, האָט זיך ווי קאַפּויר געשטעלט, — יעדער איינער צושויער איז געשטויסן און געהויבן געוואָרן פון זיין אָרט דורכן שרעקלעכן, אומגעדולדיקן פאַרלאַנג צו דערזען, לסוף, דאָס סאַמע אינטערעסאַנטסטע — ווי מען זעצט עס אַריין די פּילקע. דער ריכטער האָט אין געלויף אַריינגעוואָרפן דאָס פייפל אין מויל, גרייט צו פייפן, אַז די פּילקע איז שוין אַריינגעזעצט... וואָלאָדיע פלעגט נישט כאַפּן די פּילקע, ער האָט זי אַרונטערגעריסן פון איר געפלי-ליניע, און, דערפאַר, וואָס ער האָט געוואָלט גיין קעגן די פּיזישע געזעצן, האָבן די אויפגעבראַכטע כּוחות אָפּגעטון מיט אים אויסטערלישע זאַכן, ער איז אויפגעפלויגן צוזאַמען מיט דער פּילקע, פאַרדרייענדיק זיך, פאַרשרויפנדיק זיך אין איר: ער האָט אַרומגעכאַפּט די פּילקע מיט

זיין גאַנצן גוף — מיט די קני, מיטן בויך און קין, אַרויפוואַלגערנדיק זיין וואָג אויף דער שנעלקייט פון דער פּילקע, ווי מען וואַרפט אַרויף אַ שמאַטע אויף אַ פלאַם אויף צו פאַרלעשן אים. די איבעריגעהאַקטע שנעלקייט פון דער פּילקע האָט וואָלאָדיען אָפּגעשליידערט אויף צוויי מעטער אין דער זייט, ער איז געפאַלן און אין געפאַל אויסגעזען, ווי אַ קאָלירטע באַמבע. די דייטשע פאָרווערדן זענען געפלויגן אויף אים, אָבער, סוף-כּל-סוף האָט זיך די פּילקע באַוויזן הויך איבערן שלאַכטפעלד.

וואָלאָדזע איז געבליבן ביי די טויערן. ער האָט נישט געקאָנט איינשטיין. ער איז אַרומגעגאַנגען אויף דער ליניע פון די טויערן, פון איין סלופּ צום צווייטן, אויסברענגנדיק אַזוי אַרום די ענערגיע זיינע, וואָס האָט זיך נאָר וואָס אויפגעריסן אין אים אין קאַמף מיט דער פּילקע. אַלץ האָט אין אים געהודזשעט. ער האָט געפּאָכעט מיט די הענט, אָפּגעטרייסלט זיך, געשנעלט מיט דער נאָז פון שוך אין שטיינדלעך, אין זאַמד. אַן אויסגעפּוצטער אין אָנהויב פון דעם שפּיל, איז ער איצט באַשטאַנען פון שמאַטעס, שוואַרצן גוף און ריזיקע לעדערנע הענטשקעס אָן פינגער. אָבער די אָפּרוען זיינע האָבן נישט לאַנג געדויערט. ווידער האָט זיך דער אָנגריף פון די דייטשן געקוילערט צו די מאָסקווער טויערן. וואָלאָדיע האָט ליידנשאַפטלעך געוואָלט, אַז אונזערע זאָלן זיגן און מיטגעלעבט מיט יעדן איינעם שפּי-לער אונזערן. ער האָט געהאַלטן, אַז בלויז ער איינער ווייס ווי אַזוי מען דאַרף שפּילן מיט געצקען, אַז ער איינער נאָר ווייס די שוואַכע זייטן זיינע, אַז ער איינער קאָן זיך פאַרטיידיקן פון אַטאַקע. אים האָט אויך אינטערעסירט די מיינונג, וואָס דער באַרימטער דייטש האָט זיך אין פּראָצעס פון דעם שפּיל געשאַפן וועגן די סאָוויעטישע שפּילער. ווען ער אַליין האָט געפּאַטשט בראַוואָ און געשריען „הוראַ!״ יעדן איינעם פון אונזערע בעקן, האָט זיך אים געוואָלט אַ געשריי טון אויך צו געצקען:

„אָט ווי מיר שפּילן! מיר שפּילן גוט, ווי מיינט איר?״.

אַלס פוטבאָליסט איז וואָלאָדיע געווען דער פולשטענדיקער היפּך פון געצקען. וואָלאָדיע איז געווען אַ פּראָפעסיאָנאַל אַ ספּאָרטסמאַן, יענער איז געווען אַ פּראָפעסיאָנאַל — אַ שפּילער. פאַר וואָלאָדיען איז געווען וויכטיק דער אַלגעמיינער גאַנג פון דעם שפּיל, דער אַלגעמיינער זיג פון זיין קאָמאַנדע, דער שלוס; געצקע האָט געשטרעבט בלויז צו

באַווייזן זיין קונסט. ער איז געווען אַן אַלטער, געניטער שפּילער, וואָס האָט זיך נישט געקליבן צו שטיצן דעם כבוד פון זיין קאָמאַנדע; אים איז געווען טייער בלויז זיין אייגענער דערפאָלג: ער איז נישט געווען קיין שטענדיקער מיטגליד פון אַ וועלכער נישט איז ספּאָרט-אָרגאַניזאַציע, מחמת ער האָט זיך קאָמפּראָמיטירט מיט אַרויסלויפן פון איין קלוב אין דעם אַנדערן צוליב געלט. אים איז פאַרווערט געווען צו אָנטייל נעמען אין געוועטן, ווו עס פלעגט פונאַנדערגעשפּילט ווערן פּערנטום. מען פלעגט אים איינלאַדן נאָר אויף אַ חברישן שפּיל, אויף מוסטער-געוועטן און אויף רייזעס אין אַנדערע לענדער. די קונסט האָט זיך ביי אים פאַרייניקט מיט הצלחה. זיין אָנטייל אין דעם שפּיל האָט יעטוועדע קאָמאַנדע פאַרוואַנדלט אין אַ געפערלעכע. ער האָט געהאַסט די שפּילער — סיי די, מ י ט וועלכע ער האָט געשפּילט, סיי יענע, ק ע ג ן וועלכע ער האָט געשפּילט. ער האָט געוווסט, אַז אַ יעדער איינער קאָמאַנדע וועט ער אַריינזעצן די פּילקעס. דאָס איבעריקע איז געווען פאַר אים נישט וויכטיק. ער איז געווען אַ כאַלטורשטשיק.

שוין אין מיטן דעם שפּיל איז פאַר די צושויער קלאָר געוואָרן, אַז די סאָוועטישע קאָמאַנדע איז נישט שוואַכער פאַר דער דייטשער. זיי האָבן נישט געפירט קיין ריכטיקע אַטאַקע. געצקע האָט געשטערט. ער האָט קאַליע געמאַכט, צעשטערט זייערע קאָמבינאַציעס. ער האָט געשפּילט נאָר פאַר זיך, אויף זיין אייגענער אַחריות, נישט העלפנדיק קיינעם פון זיין קאָמאַנדע און אָן דער הילף מצד זיי. האָט ער שוין באַקומען די פּילקע, האָט ער די גאַנצע באַוועגונג פון דעם שפּיל צוגעצויגן צו זיך, צונויפגעוויקלט אין אַ קנויל, פונאַנדערגעוויקלט און געהאַקט, געפירט פון איין ראַנד פעלד צום צווייטן — לויט זיינע אייגענע פּלענער, וואָס זענען פאַר זיינע פּאַרטנערן נישט קלאָר געווען, פאַרלאָזנדיק זיך נאָר אויף זיך, אויף זיין גוטן לויפן, אויף זיין קאָנען אַרומדרייען דעם קעגנער אַרום פינגער.

פונדאַנען האָבן די צושויער אַרויסגעדרונגען, אַז אין דער צווייטער העלפט שפּיל, ווען געצקע וועט אָפּגעשוואַכט ווערן און ווען אונזערע וועלן באַקומען די צווייטע העלפט פעלד און וועלן דעריבער שפּילן מיטן ווינט, וועט זיך דער גאַנצער שפּיל ענדיקן מיט אַ קראַך פאַר די דייטשן.

אָבער אויך דאָסמאָל האָט דער ווירטואָז געצקע דערשלאָגן זיין

זיינס, צען מינוט פאַרן איבערייס האָט ער זיך אַרויסגעריסן צום רעכטן ראַנד, אַ טראַג געטון די פּילקע מיט זיין קערפּער, דערנאָך מיטאמאָל זיך אָפּגעשטעלט, איבערגעהאַקט אַזוי אַרום די נאָכיאָגעניש נאָך אים, וועלכע איז נישט צוגעגרייט געווען צו אַזאַ מין אָפּשטעל און דעריבער אַוועקגעלאָפן ווייט פאָרויס און רעכטס, — פאַרקערעוועט מיט דער פּילקע צום צענטער, און אויפן פרייען פעלד, באַזייטיקנדיק נאָר איין סאָוויעטישן בעק, אַ יאָג געטון די פּילקע גלייך צו די טויערן, אָפּט געקוקט זיך אונטער די פיס, אויף די טויערן, ווי ער וואָלט מיטן בליק געמאָסטן און אויסגערעכנט די שנעלקייט, די ריכ-טונג און דעם טערמין, ווען ער דאַרף אַ שטויס געבן די פּילקע צו די טויערן.

אַ דורכאויסיקער „אָ—אָ—אָ" האָט זיך ווי אַ וואָיערייַ געקוי-לערט פון די טריבונעס.

וואָלאָדיע האָט צעשטעלט זיינע פיס און צעשפּרייט זיינע הענט אַזוי, ווי ער וואָלט געהאַלטן אַרומגעכאַפּט עפּעס אַ פעסל, און גרייט געמאַכט זיך כאַפּן די פּילקע. געצקע האָט נישט געשיקט די פּילקע פון זיין אָרט אין צענטער, נאָר איז צוגעלאָפן מיט דער פּילקע צו די טויערן. וואָלאָדיע איז אים געפאַלן אונטער די פיס. די פּילקע האָט זיך צעשפּרונגען צווישן זיי ביידן, ווי אין אַ פעסל, דערנאָך האָט אַ פייפעניש און טופּעריי פון די צושויער פאַרהילט דעם גאַנצן פינאַל פון דער סצענע. פון אַ זעץ, וואָס איינער פון אָט די צוויי ראַנגלענדיקע צווישן זיך שפּילער האָט אין פּילקע דערלאַנגט, איז די פּילקע אויפגעפלויגן איבער געצקעס קאָפּ, און געצקע האָט זי אַריינ-געוואָרפן אין דער נעץ מיט אַ שטויס פון זיין קאָפּ, וואָס איז זייער ענלעך געווען אויף אַ באַגריסונג.

אַזוי אַרום האָט די סאָוויעטישע קאָמאַנדע באַקומען אַ גאָל.

דער סטאַדיאָן האָט געדונערט. די בינאָקלען האָבן זיך אויסגע-דרייט צו דער זייט פון די סאָוויעטישע טויערן. געצקע האָט געקוקט אויף זיינע גלאַנציקע שיכעלעך און קאָקעטיש געלאָפן צום צענטער.

די חברים האָבן אויפגעהויבן וואָלאָדיען.

9

וואַליע האָט זיך אומגעדרייט צוזאַמען מיט אַלע איבעריקע צושויער.

קאַוואַלעראָוו האָט איצט דערזען איר פּנים. איר פּנים איז געווען געווענדט צו אים. ער האָט נישט געצווייפלט, אַז זי זעט אים, ער האָט זיך אַ רודער געטון, אַ מאָדנער געפיל האָט אים אין כּעס אַריינגעוואָרפן. אים האָט זיך געדוכט, אַז אַלע אַרום שפּאָטן פון אים — זיי האָבן באַמערקט זיין צערודערטקייט.

ער האָט זיך אומגעקוקט אויף די שכנים זיינע. און עס איז געווען זייער אומדערוואַרט פאַר אים דאָס, וואָס אין איין ווינקל מיט אים, אין גאַנץ נאָענטער שכנות, איז געזעסן אַנדריי באַביטשעוו, און ווידער איז קאַוואַלעראָוו אויפגעבראַכט געוואָרן אויף אַ פּאָר ווייסע הענט, וואָס רעגולירן די שאַרנירן פון בינאָקל, אויף אַ גרויסן גוף אין אַ גרויען רעקל, אויף די אונטערגעשוירענע וואָנצעס.

ווי אַ שוואַרצע קאַנאָנע איז געהאָנגען איבער קאַוואַלעראָוון דער בינאָקל, ווי אַ צוימל זענען געהאָנגען די רימענס פון בינאָקל פון באַביטשעווס באַקן.

די דייטשן האָבן שיין ווידער אָנגעגריפן.

פלוצלינג איז די פּילקע, אַן אַרויסגעוואָרפענע דורך עמעצנס אַ מעכטיקן אין נישט אויסגערעכנטן קלאַפּ, אויפגעפלויגן הויך און אָן אַ זייט פון פעלד אַרויסגעפלויגן פון דעם שפּיל, דורכגעפייפט איבער די אָנגעבויגענע קעפּ פון די אונטערשטע רייען, אויף אַ ווײַלע זיך פאַרהאַלטן, אַ ווירבל געטון זיך, אַ זעץ געטון זיך אָן די ברעטער און אַ קוילער געטון זיך צו קאַוואַלעראָווס פיס, דער שפּיל האָט זיך אָפּגעשטעלט. די שפּילער זענען פאַרגליווערטע שטיין געבליבן, — נישט ערווארט אַזויגס, דאָס גרינע און בונטע פעלד, וואָס האָט געהאַלטן די גאַנצע צייט פון דעם שפּיל אין איין באַוועגן זיך, איז איצט מיטאַמאָל פאַרשטיינערט געבליבן, אַזוי האַקט זיך מיטאַמאָל אָפּ דאָס בילד אויפן עקראַן, ווען דער פילם צערייסט זיך, ווען דער זאַל איז שוין באַלויכטן, אָבער דער מעכאַניק האָט נאָך נישט באַוויזן אויסצולעשן

דאָס ליכט אויפֿן עקראַן, און דאָס פּובליקום זעט אויפֿן לייוונט אַ מאָדנעם בלייך געוואָרענעם קאַדר און די קאָנטורן פֿון העלד אין אַזאַ מין פֿאַרגליווערטער פּאָזע, וואָס רעדט וועגן דער סאַמער שנעלסטער באַוועגונג. קאַוואַלעראָווס כּעס איז געוואַקסן, אַלע אַרום האָבן געלאַכט. ווען די פּילקע פֿאַלט אַריין אין די רייען פֿון די צושויער, רופֿט עס שטענדיק אַרויס אַ געלעכטער: אין יענער מינוט באַזינען די צושויער די גאַנצע וויציקייט דערפֿון, וואָס אַנדערהאַלבן שעה צייט יאָגן זיך מענטשן נאָך דער פּילקע, צווינגנדיק זיי — די צושויער, די זייטיקע מענטשן — מיט אַזאַ ערנסטקייט און ליידנשאַפֿטלעכקייט נאָכשפּירן נאָך דעם לחלוטין נישט ערנסטן צייט-פֿאַרטרייב.

אין דער מינוט האָבן אַלע טויזנטער צושויער באַשענקט קאַוואַלעראָוון מיט זייער אויפֿמערקזאַמקייט ווי ווייט זיי האָבן עס נאָר געקאָנט, און דידאָזיקע אויפֿמערקזאַמקייט איז געווען עפּעס אַ חוזקדיקע.

מעגלעך, אַז אויך וואַליע האָט געקייכט פֿון אים, פֿון מענטשן, אין וועמען די פּילקע האָט נעטראָפֿן! מעגלעך, אַז זי האָט דערפֿון אַ צווייענדיקע הנאה — דער שונא אירער איז איצט אין אַ לעכערלעכער לאַגע. ער האָט אַ שמייכל געטון, אָפּגערוקט דעם פֿוס פֿון דער פּילקע, אָבער די פּילקע—פֿאַרלירנדיק איר אָנשפּאַר-פּונקט, האָט זיך מיט דער צוגעבונדנקייט פֿון אַ קאַץ, ווידער אַ שטופּ געטון צו זיין פֿוס.

— נו! — האָט אומצופֿרידן און פֿאַרחידושט באַביטשעוו אַ געשריי געטון. קאַוואַלעראָוו איז געבליבן פּאַסיוו. צוויי גרויסע ווייסע דלאָניעס האָבן זיך אַ צי געטון נאָך דער פּילקע. עמעצער האָט אויפֿגעהויבן די פּילקע און איבערגעגעבן זי באַביטשעוון. ער האָט זיך אויפֿגעהויבן אין זיין גאַנצער הויך און אַרויסשטעלנדיק דעם בויך, פֿאַרוואָרפֿן די הענט מיט דער פּילקע הינטערן קאָפּ, צעפּאָכעט זיך אַ וואָרף טון די פּילקע וואָס ווייטער. ער האָט נישט געקאָנט זיין ערנסט אין אַזאַ מין לאַגע און, פֿאַרשטייענדיק, אַז ערנסט דאַרף מען יאָ זיין, האָט ער איבערגעכאַפּט די מאָס פֿון אויסערלעכער ערנסטקייט, צופֿיל אָנגעכמורעט זיך און צופֿיל אָנגעבלאָזן די פֿרישע, רויטע ליפּן.

באַביטשעוו האָט זיך אַ שטאַרקן הוידע געטון פֿאָרויס, אַ שלייַדער געטון די פּילקע, און אַזוי אַרום ווי דורך אַ צויבער, צוריק אין אַ געווירבל דאָס פֿעלד מיט די שפּילער אַוועקגעדרייט.

„ער דערקאָנט מיך נישט", — האָט קאַוואַלעראָוו דעם כּעס זיינעם אין זיך געשטאַרקט.

די ערשטע העלפט פון דעם שפיל האט זיך פארענדיקט מיטן רעזולטאט ,,איינס אויף א נול" צום גונסטן דער דייטשער קאמאנ- דע... די שפילער מיט די טונקעלעביילן אויף די פנימער, באקלעפטע מיט גרינע גראז-פעדעמלעך, זענען געגאנגען צום דורכגאנג, ברייט און שטארק שטעלנדיק די נאקעטע פיס אין די ספארט-שיכלעך, און די נאקעטע קניען האבן זיך באוועגט ביי זיי אזוי שארף, ווי זיי וואלטן אין וואסער געווען. די דייטשן זענען געווען מאדנע רויט — די רויט- קייט זייערע האט זיך ביי זיי אנגעהויבן פון די שלייפן, זיי האבן זיך אויסגעמישט מיט די מאסקווער, די שפילער זענען געגאנגען און געזען אלעמען מיטאמאל, די גאנצע מאסע צושויער אויף די טריבו- נעס, אבער קיין איינצלנע פנימער האבן זיי נישט געזען. זיי האבן געשמירט דעם עולם מיט זייערע שמייכעלעך און מיט די בליקן פון זייערע אויגן, וואס זענען אויף זייערע פארטונקלטע פנימער געווען צו דורכזיכטיק, נישט לעבעדיק. די מענטשן, וואס האבן נאר וואס אויסגעזען, ווי קליינינקע לויפנדיקע און פאלנדיקע פארשידנקאלירטע פיגורלעך, זענען איצט אויסגעוואקסן פאר די אויגן פון די צושויער, וואס זענען נעבן דורכגאנג געזעסן, אין געוויינלעכע נארמאלע וווקסיקע און מיטעלע מענטשן. עס האט זיך געדוכט, אז דער היציקער שפיל איז נאך נישט פארגליווערט געווארן, לויפט זיי נאך. געצקע, ענלעך אויף א ציגיינער, איז געגאנגען און געזויגן זיין ווונדל, וואס ער האט נאר וואס געפונען ביי זיך אויף דער האנט, העכער פארן עלנבויגן.

פאר די ליידיקגייער איז געווען א נייעס דער אדער יענער דעטאל אין וווקס אדער אין קערפער-געבוי פון דעם אדער יענעם שפילער, די ווונדן, די ראצן, וואס זיי האבן אין דעם שפיל באקומען, דער שווערער אטעם, די צעפליקטע מלבושים. פונדערווייטנס האט דאס אלץ געמאכט אסאך א גרינגערן, א מער יום-טובדיקן איינדרוק.

קאוואלעראוו האט זיך דורכגעשטופט צווישן צוויי פרעמדע זייטן אונטער עפעס א פארענטשע, און מיט א פארלייכטערטן געמיט אוועק מיטן גראז. דא אין שאטן איז ער צוזאמען מיט אלע אנדערע געלאפן מיט דעם שטעגעלע הינטער די טריבונעס. דער בופעט, וואס איז ארויסגעשטעלט געווארן אויף דער לאנקע אונטער די ביימער, האט זיך גלייך מיטאמאל אנגעפילט מיט מענטשן. דער צעריבענער אלטיטש- קער אין דעם קרעמאוון קאמזויל, וואס האט נאך אלץ אומצופרידן און מיט א שטיקל פחד געקוקט אויפן עולם, האט געגעסן געפרווירנס.

צו דעם לאָקאַל, ווו די פוטבאָליסטן האָבן זיך געפונען, האָט זיך צו־געקלעפּט אַן עולם.

— הוראַ! מאַקאַראָוו! הוראַ! — האָבן זיך געטראָגן פון דאָרטן אַנטציקסטע אויסגעשרייען. די אונטערקוקער זענען אַרויפגעקראָכן אויף די פּלויטן, זיך אָפּגעפּאָכעט פון דעם שטעך־דראָט, ווי פון בינען, — און העכער אויף די ביימער, אין דער טונקעלער גרינקייט, געהוידעט זיך דאָרטן פון ווינט און פון אייגענער שטיפערישקייט, ווי וואַלד־מענטשעלעך.

אין דער קרים איבערן עולם איז אויפגעפלויגן אַ גלאַנציקער, שייַנענדיקער מיט נאַקעטקייט גוף, מען האָט געהויבן און געשליי־דערט אינדערלופטן וואָלאָדיע מאַקאַראָוון.

ביי קאָוואַלעראָוון האָט קיין מוט נישט געקלעקט צו אַדורכ־רייסן זיך דורכן טריומפאַלן רינג, ער האָט געקוקט אין די שפּאַרונעס און געטאָפּטשעט זיך אין עולם.

וואָלאָדיע איז שוין געשטאַנען אויף דער ערד, דער זאָק איז פון איין פוס זיינעם אַראָפּגעפאַלן אין אַ גרינעם בייגל אַרום זיין לייכט־באַפּוכטן פוס, דאָס צעפליקטע העמדל האָט זיך קוים געהאַלטן אויף זיין לייב, ער האָט אומשולדיק פאַרקרייציקט די הענט אויף דער ברוסט.

און אָט שטייט וואַליע, און אַנדריי באַביטשעוו איז מיט איר.

די לײדיקגייער אַרום פּאַטשן זיי דרייען בראַוואָ.

באַביטשעוו קוקט אַ פאַרליבטער אויף וואָלאָדיען.

עס האָט זיך אַריינגעמישט דער ווינט, עס האָט זיך אומגע־וואַלגערט דאָס געפּאַסעוועטע פּלעקעלע, דאָס גאַנצע געבלעטער האָט זיך אַ הוידע געטון אויף רעכטס. דער רינג לײדיקגייער איז זיך צעפאַלן, דאָס גאַנצע בילד איז קאַליע געוואָרן, די מענטשן האָבן זיך באַשיצט פון שטויב, מיט וועלכן דער ווינט האָט זיי באַשאָטן, מער פון אַלעמען האָט געליטן פון ווינט וואַליע. דאָס ראָזעווע קלייד אירס, אַ גרינגס, ווי אַ שאָלעכץ, איז אויפגעפלויגן איבער אירע פיס און באַוויזן קאָוואַלעראָוון די דורכזיכטיקייט אירע. דער ווינט האָט צוגע־בלאָזן דאָס קלייד אירס צו איר פּנים, און די קאָנטורן פון איר פּנים האָט קאָוואַלעראָוו דערזען דורכן דורכזיכטיקן שטאָף, וואָס האָט זיך פונאַנדערגעוויקלט איבער איר קאָפּ, ווי אַ פּאַכער, דורך שטויב האָט קאָוואַלעראָוו אויך דערזען, ווי וואַליע, וועלנדיק כאַפּן איר קלייד, האָט

זיך פאַרדרייט, פאַרווירבלט, פאַרפּלאָנטערט, שיר נישט אומגעפאַלן, זי האָט זיך געסטאַרעט צו פאַרדעקן אירע קני מיט דעם קלייד, צו־האַלטן דאָרט דעם זוים, אַז עס זאָל זיך מער אַזוי נישט הויבן. אָבער דאָס איז איר נישט געלונגען, און דעמאָלט, כּדי כאָטש ווי נישט איז פאַרדעקן די נישטאָנשטענדיקייט, האָט זי זיך באַנוצט מיט האַלבע מיטלען: מיט די הענט האָט זי אַרומגעכאַפּט אירע צופיל אָפּגעדעקטע פיס, באַהאַלטן די קניען, געדרייט און געהויקערט זיך אין דריי שוואַרציאָרן, ווי אַ נאַקעטע ביים באָדן זיך, ווען עס פאַלט אויף איר פּלוצלינג אַ פרעמדער בליק.

ערגעץ האָט זיך דער ריכטער צעפּייפט. אַ מאַרש האָט זיך דערהערט. אַזוי איז איבערגעריסן געוואָרן די פרייליכע אומבאַקוועמ־ליכקייט. עס האָט זיך אָנגעהויבן די צווייטע העלפט פון דעם שפּיל, וואָלאָדיע האָט זיך אַוועקגעטראָגן צום פעלד.

— מינימום צוויי גאָלן די דייטשן! — האָט דאָס יאַטל אַ קוויטשע געטון, לויפנדיק פאַרביי קאַוואַלעראָוון.

וואַליע האָט נאָך אַלץ געהאַלטן אין קעמפן מיטן ווינט. יאָגנדיק זיך נאָכן זוים פון איר אייגענעם קלייד, האָט זי אַ מאָל צען געביטן איר פּאָזיציע און לסוף איז זי געבליבן שטיין נאָענט נעבן קאַוואַלע־ראָוון, אויף אַ מהלך, ווו מען האָט זיך געקאָנט איבערשעפּטשען איי־נער מיטן אַנדערן.

זי איז געשטאַנען מיט בריוט פונאַנדערגעשטעלטע פיס. דעם הוט, וואָס דער ווינט האָט ביי איר פון קאָפּ אַראָפּגעריסן און זיך האָט אין דער לופטן געכאַפּט, האָט זי איצט געהאַלטן אין דער האַנט, זי איז נאָך צו זיך נישט געקומען פון די שפּרונגען, זי האָט געקוקט אויף קאַוואַלעראָוון און אים נישט געזען, זי האָט עטוואָס אויף אַ זייט אָנגעבויגן דעם קאָפּ אירן, מיט די קורצע און קרום־פאַרשאָרענע ביי די באַקן קאַשטאַנאָווע האָר אירע.

דער זונען־שיין האָט זיך אַ גליטש געטון איבער איר פּלייצע, זי האָט זיך אַ הוידע געטון אין די שליסלביינער אירע האָבן אויפגע־פינקלט, ווי צוויי קינזשאַלן. אַ צענט־חלק מינוט האָט געדויערט זיין קוקן אויף איר, און מיטאַמאָל האָט קאַוואַלעראָוו מיט גרויל באַנומען, סאַראַ אומהיילבאַרע אַנגסט עס וועט בלייבן אין אים אייביק דער־פון, וואָס ער האָט זי דערזען, זי, דאָס וועזן פון אַן אַנדער וועלט, זי, אַ פרעמדע און וווּנדערלעכע, זי, וואָס זעט אויס אַזוי שווידערלעך

ליב, זי, ווען מען רייניקייט עס איז פאַר אים אויף אייביק פאַר־שלאָסן, זי, אָט דאָס מיידעלע, וואָס האָט ליב וואָלאָדיען און וואָס וועט אים קיינמאָל פאַר קיין שום זאַך אין דער וועלט נישט ליב האָבן.

באַביטשעוו האָט געוואַרט אויף איר מיט אַן אויסגעצויגענער האַנט צו איר.

— וואַליע, — האָט קאַוואַלעראָוו געזאָגט. — איך האָב אַ גאַנץ לעבן געוואַרט אויף אייך, דערבאַרעמט זיך אויף מיר...

אָבער זי האָט נישט געהערט, זי איז געלאָפן, אַן אונטערגע־שניטענע דורכן ווינט.

10

אין יענער נאַכט האָט זיך קאַוואַלעראָוו אומגעקערט אַהיים אַ שיכּורער.

ער איז אַוועק מיטן קאָרידאָר צום קראַן זיך אָנטרינקען. ער האָט געעפנט דעם קראַן ביזן האַק, אינגאַנצן זיך איינגענעצט. דעם קראַן האָט ער אָפן געלאָזן, דאָס וואַסער האָט פון דאָרטן געשמיסן, ווען ער איז אַריין צו אַניטשקען אין צימער, איז ער אַ פאַרחידושטער שטיין געבליבן. דאָס ליכט איז נישט געווען אויסגעלאָשן. די אלמנה איז געזעסן אויף איר ריזיקן בעט מיט אַראָפּגעהאָנגענע נאַקעטע פיס, מיט דעם געלן ליכט פון לאָמפּ איז זי געווען אַרומגעהילט, ווי מיט געלער וואַטע, די אלמנה איז גרייט געווען גיין שלאָפן.

קאַוואַלעראָוו האָט געשטעלט אַ טראָט צו דעם בעט, זי איז געזעסן אַ שטומע, ווי אַ באַצויבערטע. קאַוואַלעראָוון האָט זיך אויס־געדוכט, אַז זי שמייכלט צו אים, ווינקט צו אים, רופט אים.

ער איז אַוועק אויף איר.

זי האָט נישט דערווידערט און אַפילו צעשפּרייט פאַר אים אירע אָרעמס.

— אַך דו, קריכערל, — האָט זי געשעפּטשעט, — זעסטו, קריכערל.

ביינאַכט האָט ער זיך פון שלאָף אויפגעכאַפּט, עס האָט אים געפּייניקט דער דורשט, דער שיכּורער, מטורפדיקער טרוים וועגן וואַסער. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז שטיל געווען, מיט אַ סעקונדע צוריק איידער ער האָט זיך פון שלאָף אויפגעכאַפּט, האָט ער זיך דער־מאָנט דערין, ווי דער שטראָם וואַסער האָט פון אָפענעם קראַן

געשמיסן אין דער שווענק-שיסל אַריין, — די שאַרפע דערינערונג האָט אים פון געלעגער אונטערגעהויבן, — אָבער קיין וואַסער איז נישט געווען, ער האָט זיך ווידער אָוועקגעוואַלגערט. ווען ער איז געשלאָפן, האָט די אַלמנה דערווייל געבאַלעבאַטעוועט; זי האָט פאַרדרייט דעם קראַן, אויסגעטון אים אַ שלאָפנדיקן און פאַרריכט זיינע שעלקעס. עס איז געקומען דער פרימאָרגן, לכתחילה האָט קאַוואַלעראָוו גאָרנישט נישט באַנומען. ווי אַ שיכורער בעטלער אין אַ קאָמעדיע, וועלכער איז אויפגעהויבן פון דער גאַס און געבראַכט געוואָרן אין פּאַלאַץ אַריין דורך אַ רייכן מאַן, איז ער געלעגן אַ מטורפער אין פרעמדן און אומבאַקאַנטן ווילטאָג. ער האָט דערזען די אויסטערלישע אָפּשפּיגלונג פון זיינע פיאַטעס אין שפיגל. ער איז געלעגן פרעכטיק מיט אַ פאַרלייגטער האַנט הינטערן קאָפּ. די זון האָט אים פון אַ זייט באַשיינט, ווי אין אַ געוועלב פון אַ טעמפּל האָט ער אַרומגעשוועבט אין די ברייטע, רויכערנדיקע זיך פּאַסן ליכט. און איבער אים זענען אַראָפּגעהאָנגען ווייַנטרויבן-צווייגן, האָבן געטאַנצט מלאכימלעך, פון גליקלעכע האָרנס האָבן זיך געשאָטן עפּל, — און ער האָט כמעט געהערט, ווי דאָס אַלץ הודזשעט און פייפט, ווי אַן אָרגאַן. ער איז געלעגן אויף אַניטשקעס בעט.

— דו האָסט אין זיך זיינעם אַן אָנבליק... ווען איך קוק אויף דיר, דערמאָן איך זיך אָן אים. — האָט אַניטשקע הייס געשעפּטשעט, אָנבויגנדיק זיך איבער אים.

איבער דעם בעט איז געהאָנגען אַ פאַרגלאָזטער פּאָרטרעט. עס איז געהאָנגען הינטערן גלאָז אויף דער וואַנט אַ מאַנספּערשוין, עמעצנס אַ יונגער זיידע אין פּאַראַדנעם אָנטועכץ — אין איינעם פון די לעצטע קאַפּאָטעס פון יענער עפּאָכע. עס האָט זיך געפילט: ער האָט אַ שטייפן קאַרק, אַ יאָר זיבן און פופציק איז אַלט געווען דער מאַנספּאַרשוין.

קאַוואַלעראָוו האָט זיך דערמאָנט: דער פּאָטער טוט איבער זיין העמד...

— דו דערמאָנסט מיר זייער שטאַרק דעם מאַן מיינעם, — האָט אַניטשקע ווידעראַמאָל אַ זאָג געטון און אַרומגענומען קאַוואַלעראָוון, און קאַוואַלעראָווס קאָפּ ווערט נישט ביי איר אונטער דער האַנט, ווי אין אַ ביידל. די דעכלעך פון אירע הענט האָט די אַלמנה פאַר קאַוואַלעראָוון צעעפנט. אַנטציקונג און בושה האָבן געבושעוועט אין איר.

— ער האָט מיך אויך גענומען... אַזוי... מיט כיטרעקייט...

שטילינקע געשוויגן, געשוויגן, גאָרנישט נישט גערעדט... און דערנאָך! אָך די, קריכערל דו מיינ...

קאַוואַלעראָוו האָט איר אַ פּאַטש אַראָפּגעלאָזט.

זי האָט זיך פאַרלוירן. קאַוואַלעראָוו איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט אויפּרייסנדיק דאָס בעטגעוואַנט; די לײַלעכער האָבן זיך אַ ציִ געטון נאָך אים. זי האָט זיך אַ וואָרף געטון צו דער טיר, די הענט אירע האָבן גערופן הילף. זי איז געלאָפן און די בעבעכעס אירע זענען איר נאָכגעלאָפן און פאַרפאָלגט זי, ווי אַ פּאָמפּייערן. דער קאָרב איז אומגעפאַלן; דער שטול האָט זיך אָנגעבויגן.

ער האָט עטלעכע קלעפּ אַראָפּגעלאָזט איבער איר פּלייצע, איבערן רוקן, וואָס איז געווען באַגאַרטלט מיט פעטס, ווי מיט אַ שינע.

דער שטול איז געשטאַנען אויף איין פוס.

— ער האָט זיך אויך געשלאָגן. — האָט זי אַ זאָג געטון מיט טרערן אין איר שמייכל.

קאַוואַלעראָוו איז אַוועק צוריק צו דעם בעט. ער האָט זיך אַוועקגעוואַלגערט אויף דעם בעט און געפילט, אַז ער ווערט קראַנק. ער איז געלעגן אַ פאַרטונענער אַ גאַנצן טאָג. אינאָוונט האָט זיך די אַלמנה אָנידערגעלייגט נעבן אים. זי האָט געכראָפּעט. איר האַלדז האָט זיך פאַר קאַוואַלעראָווס אויגן פאַרגעשטעלט אין געשטאַלט פון אַן אַרקע, וואָס פירט אין חשך אַריין. ער האָט זיך באַהאַלטן אונטער די געוועלבן פון דער אַרקע, אַלץ האָט געצאַפּלט, געוואָרפן זיך, געטרייסלט, דער באָדן האָט זיך געוויגט, קאַוואַלעראָוו האָט זיך אונטערן דרוק פון דער לופט, וואָס האָט געשפּאַרט פון תהום, אַראָפּגעגליטשט זיך און ערגעץ אַוועקגעפאַלן. די שלאָפנדיקע אַלמנה האָט געוואָיעט. מיטאַמאָל האָט זי אויפגעהערט צו וואָיען, אַנטשוויגן געוואָרן און הויך עפּעס אַ קיי געטון. די גאַנצע אַרכיטעקטור פון איר גאָרגל האָט זיך גלייך איבערגעבויעט, פאַרקרומט זיך. איר כראָפּעניש איז מיט פולווער, מיט שיפּעדיקן זעלצער-וואַסער אָנגעפולט געוואָרן.

קאַוואַלעראָוו האָט זיך געשליידערט און געוויינט, זי האָט זיך פון שלאָף אויפגעכאַפּט און צוגעלייגט צו זיין שטערן אַ נאַסן האַנטוך. ער האָט זיך געצויגן צו דער פייכטקייט, אונטערגעהויבן זיך, געזוכט מיט די הענט דעם האַנטוך, געקנאָדערט אים, אונטערגעלייגט אונטער דער באַק, געקושט און געשעפּטשעט:

— זיי האָבן זי צוגעגנבעט... ווי שווער עס איז מיר צו לעבן אויף דער וועלט... ווי שווער...

און די אַלמנה האָט נישט באַוויזן מיטן קאָפּ אָן קישן זיך אַ שטעק טון, ווי זי איז גלייך צוריק איינגעשלאָפן, צושפּאַרנדיק זיך מיטן קאָפּ צו דער שפּיגל-אַרקע. דער שלאָף האָט זי אויסגעשמירט אין זיסקייט. זי איז געשלאָפן מיט אַן אָפענעם מויל, געבוילקעט, ווי אַלטע לייט שלאָפן.

די וואַנצן האָבן געלעבט, אַרומגערודערט, ווי עמעצער וואָלט די טאַפּעטן פון די ווענט געריסן. עס האָבן אָנגעהויבן אַרויסקריכן די וואַנצן פון זייערע באַהאַלטענע לעכער, באַוועגן זיך איבער דעם בעט.

עס האָט געוואָקסן, צעדראָלן געוואָרן דאָס בעט.

אין פענסטער האָט זיך אַ ראָזקייט באַוויזן.

אַרום דעם בעט האָט זיך געקוילערט אַ חושך. די נאַכט-סודות האָבן זיך אַראָפּגעגליטשט פון די ווינקלען ווענט, באַגאָסן מיט זיך די שלאָפנדיקע און אַוועקגעקראָכן אונטער דעם בעט.

קאַוואַלעראָוו האָט זיך פלוצלונג אַ זעץ געטון און ברייט צעעפנט די אויגן.

איבער דעם בעט איז געשטאַנען איוואַן.

11

און גלייך האָט זיך קאַוואַלעראָוו גענומען קלויבן פון דאַנען.

אַניטשקע איז אונטער דער אַרקע אַ זיצנדיקע געשלאָפן און גע-האַלטן די הענט אויפן בויך. ער האָט פאַרזיכטיק, כדי נישט אויפצו-וועקן זי, אַ שלעפּ געטון די קאָלדרע, אָנגעטון עס אויף זיך און באַ-וויזן זיך פאַר איוואַנען.

— נו, אויסגעצייכנט, — האָט יענער אַ זאָג געטון, — איר גלאַנצט, ווי אַ יאַשטשעריצע. אָט אַזוי אָ, וועט איר זיך טאַקע באַ-ווייזן פאַרן פאָלק. קומט! קומט! מען דאַרף איילן.

איך בין זייער קראַנק, — האָט קאַוואַלעראָוו אָפּגעזיפצט. ער האָט שטיל געשמייכלט, ווי ער וואָלט זיך אַנטשולדיקט דערפאַר, וואָס ער האָט קיין חשק נישט צו זוכן די הויזן, דאָס רעקל און די שיך. — עס מאַכט נישט אויס, וואָס איך בין אַ באָרוועסער?

איוואַן איז שוין געווען אין קאָרידאָר. קאַוואַלעראָוו האָט גע-איילט אים דעריאָגן.

„איך האָב לאַנג אומזיסט געליטן, — האָט קאַוואַלעראָוו אַ טראַכט געטון. — היינט איז געקומען דער טאָג פון מיין אויסלייזונג און לוין״.

דער שטראָם מענטשן האָט זיי אַוועקגעטראָגן מיט זיך. היינטערן נאָענטסטן ראָג האָט זיך באַוויזן אַ שיינענדיקער וועג.

— אָט איז זי! — האָט איוואַן אַ זאָג געטון און אַ דריק געטון קאַוואַלעראָווס האַנט. — אָט איז דאָס „פערטעלע״!

קאַוואַלעראָוו האָט דערזען: סעדער, קוילנאַרטיקע געוועלבן פון די בלעטער-ביימער, אַן אַרקע פון לייכטן דורכזיכטיקן שטיין, גאַלעריעס, דער געפלי פון אַ פילקע איבער אַ גרינעם פעלד.

— אַהער! — האָט איוואַן אַ קאָמאַנדעווע געטון.

זיי זענען אַוועקגעלאָפן אויף אַ וואַנט, וואָס איז געווען באַדעקט און באַפלאָכטן מיט אַ ווילדן געוויקס, דערנאָך איז אויסגעקו-צו שפּרינגען, די בלויע קאָלדרע האָט קאַוואַלעראָוון פאַרלייכטערט דעם שפּרונג, ער איז אין איר אַוועקגעשווומען איבערן עולם אין דער לופטן און אַראָפּגעלאָזט זיך צופוסן פון ברייטע שטיינערנע טרעפּ. ער האָט זיך אָבער גלייך דערשראָקן דערפאַר און גענומען זיך קריכן אונטער דער קאָלדרע, ווי אַן אינזעקט לייגט צונויף אירע פליגל — אַזוי האָט ער זיך היינטער די קאָלדרע באַהאַלטן. מען האָט אים נישט באַמערקט. ער האָט זיך צוגעזעצט הינטערן צאָקאָל.

אויפן שפּיץ פון די טרעפּ איז געשטאַנען אַנדריי באַביטשעוו אַרומגערינגלט מיט אַסאַך מענטשן. ער איז געשטאַנען, אַרומנעמענדיק פאַר די אַקסלען וואָלאָדיען און צוציענדיק אים צו זיך.

— באַלד וועט מען זי ברענגען! — האָט אַנדריי מיט אַ שמייכל געזאָגט צו זיינע פריינט.

און דאָ האָט קאַוואַלעראָוו דערזען אָט וואָס: אויפן אַספאַלטע-נעם וועג, וואָס האָט געפירט צו די טרעפּ איז געגאַנגען אַן אָרקעס-טער, און איבערן אָרקעסטער האָט זיך געטראָגן וואַליע. דער געקלאַנג פון די אינסטרומענטן האָט זי געהאַלטן אין דער לופטן. אויפן קלאַנג האָט זי זיך געהאַלטן. זי האָט זיך אָט אַראָפּגעלאָזט און אָט צוריק אויפגעהויבן איבער די טרומפייטן, אָפּהענגיק פון דער קראַפט פונם קלאַנג. די לענטעס אירע זענען אויפגעפלויגן העכער פאַר איר קאָפּ, דאָס קלייד האָט זיך אָנגעבלאָזן, די האָר זענען קאַפּויר געשטאַנען.

דער לעצטער פּאַסאַזש האָט זי אַרויפגעוואָרפן אויפן שפּיץ פון

די טרעפּ, און זי איז אַריינגעפאַלן צו וואָלאָדיען אין די הענט. אַלע זענען אָפּגעטראָטן. אין קרייז זענען זיי געבליבן אין צווייען.

וואָס ווייטער איז געווען האָט קאַוואַלעראָוו נישט געזען. אַ פלוצלינגדיקער שוידער האָט אים אָנגעכאַפּט, אַ מאָדנער שאָטן האָט זיך פלוצלינג פאַרויס אים אַ רוק געטון. ער האָט געגליווערט און פאַמעלעך זיך אומגעדרייט. אויפן גראָז, אַ טריט הינטער אים איז געזעסן אָפּעליע.

— אַ-אַ-אַ! — האָט ער שרעקלעך זיך צעשריען. ער האָט זיך אַ לאָז געטון לויפן. אָפּעליע האָט אַ בריאַזגע געטון און אָנגעכאַפּט אים פאַר דער קאָלדרע. אַ נאַקעטער, אַ פאַרשעמטער, ספּאָטיקנדיק זיך, פאַלנדיק, קלאַפּנדיק זיך מוטן קין אָן די טרעפּ, האָט ער זיך ווי נישט איז אַרויפגעקאַראַבקעט אויפן שפּיץ פון די טרעפּ. די, וואָס זענען דאָרטן געשטאַנען, האָבן געקוקט אויף אים. די פּרעכטיקע וואַליע איז געשטאַנען אַן אָנגעבויגענע איבער אים.

— אָפּעליע, צוריק! — האָט זיך דערהערט איוואַנס שטים. — זי פאָלגט מיך נישט... אָפּעליע, שטיי!

— האַלט זי!

— זי וועט אים טויטן!

— אַ!

— זעט! זעט: זעט!

קאַוואַלעראָוו האָט זיך פון מיטן די טרעפּ אומגעדרייט און אַ קוק געטון. איוואַן האָט זיך געפּרוּווט קלעטערן אויף דער וואַנט, דאָס געוויקס האָט זיך געריסן. דער עולם איז אָפּגעטראָטן. איוואַן איז געבליבן הענגען אויף דער וואַנט אויף די ברייט-צעוואָרפענע הענט זיינע. אַ שוידערלעכע אייזערנע זאַך האָט זיך פאַמעלעך גערוקט איבערן גראָז, געגאַנגען צו איוואַנען. פון דעם, וואָס מען האָט גע- קאָנט אָנרופן דער קאָפּ פון דער זאַך, האָט זיך פאַמעלעך אַרויס- גערוקט אַ גלאַנציקע נאָדל. איוואַן האָט געוואָיעט. די הענט זיינע האָבן נישט אויסגעהאַלטן. ער איז אַראָפּגעפאַלן, דער האַרטער הוט זיינער האָט זיך אַוועקגעקוילערט אין די בלומען. ער איז געזעסן מיט דער פּלייצע אָנגעשפּאַרט אָן וואַנט און מיט די הענט פאַרדעקט דעם פּנים. די מאַשין האָט זיך באַוועגט און אויפן וועג געריסן די בלומען.

קאַוואַלעראָוו האָט זיך אויפגעהויבן און מיט פולער פאַרצווייפ- לונג אין דער שטים אַ געשריי געטון:

— ראַטעוועט אים! נישט שוין-זשע וועט איר דערלאָזן דערצו, אַז אַ מאַשין זאָל טויטן אַ מענטשן.

קיין ענטפער האָט ער נישט באַקומען.

— מיין אָרט איז נעבן אים! — האָט קאַוואַלעראָוו אַ זאָג געטון,

— לערער! איך וועל שטאַרבן צוזאַמען מיט אייך!

אָבער עס איז שוין געווען שפּעט. איוואַנס האָזנגעיאָמער האָט אים אַראָפּגעשליידערט. ווען ער איז געפאַלן, האָט ער דערזען איוואַנען אַ צוגענאָדלטן מיט דער נאָדל צו דער וואַנט.

איוואַן האָט זיך שטיל אָנגעבויגן, דרייענדיק זיך אַרום דער שוידערלעכער אַקס.

קאַוואַלעראָוו האָט פאַרשטעקט דעם קאָפּ אין די הענט, אַז ער זאָל מער גאָרנישט זען און נישט הערן. אָבער דאָך האָט ער אַ געקלונג געהערט. די מאַשין האָט זיך אויפגעהויבן אויף די טרעפּ.

— איך וויל נישט! — האָט ער מיט אַלע כּוחות זיך צעשריען.

— זי וועט מיך טויטן! זייט מיר מוחל! זייט מיר מוחל! דערבאַרעמט זיך אויף מיר! נישט איך האָב עס פאַרשעמט די מאַשין! איך בין נישט שולדיק. וואַליע! וואַליע! ראַטעווע מיך!

12

קאַוואַלעראָוו האָט געקרענקט דריי מעת־לעת. ווען ער איז געזונט געוואָרן, איז ער אַנטלאָפן.

ער איז אַראָפּגעקראָכן פון דער בעט און געקוקט רק אין איין פּינטל אין ווינקל, אונטער דער בעט. ער האָט זיך אָנגעטון, ווי אַן אויטאָמאַט, און פּלוצלינג האָט ער דערשפּירט אַ נייעם רימענעם שלייף אויף די שעלקעס. די אַלמנה דאָט פון דאָרט אַרויסגענומען די זיכערנאָדל. ווו האָט זי עס גענומען אַזאַ מין שלייף? זי האָט עס אָפּגעטרענט פון איר מאַנס אַלטע שעלקעס? קאַוואַלעראָוו האָט פולשטענדיק באַנומען די גאַנצע נידערטרעכטיקייט פון זיין לאַגע. ער איז אַרויסגעלאָפן אין קאָרידאָר אָן אַ רעקל. אויפן וועג האָט ער אָפּגעשפּיליעט און אַוועקגעוואָרפן די רויטע שעלקעס.

אויפן שוועל פון די טרעפּ האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, קיין שטימען האָבן זיך אין הויף נישט געהערט. דעמאָלט האָט ער אַ שפּאַן

געטון אויף די טרעפּ, און אַלע געדאַנקען זיינע האָבן זיך צעמישט ביי אים. עס זענען אויפגעקומען אין אים די זיסטע שפּירונגען — לייכטע פאַרמאַטערטקייט, פרייד, דער פרימאָרגן איז געווען אַ פּרעכטי-קער. עס האָט געבלאָזן אַ לייכט ווינטעלע (ווי מען וואָלט אַ בוך געבלעטערט), דער הימל האָט זיך געבלויט. קאַוואַלעראָוו איז געשטאַ-נען אויף אַ פאַרפּאַסקודזעט אָרט. די קאַץ, אַ דערשראָקענע פון זיין ריס, האָט זיך אַ וואָרף געטון פון מיסטקאַסטן און עפּעס א פּאַ-סקודסטווע האָט זיך אַ שאָט געטון פון איר. וואָס האָט געקאָנט זיין פּאָטעטישעס אין אָט דעם פיל-פאַרשאָלטענעם העק? און ער איז גע-שטאַנען מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ און מיט אויסגעצויגענע הענט.

אין יענער סעקונדע האָט ער דערשפּירט, אַז אָט איז געקומען די רגע, אַז אָט דאָס איז דער שטריך, די גרענעץ צווישן די צוויי עקזיסטענצן זיינע — עס איז געקומען די רגע פון אַ קאַטאַסטראָפע! — צערייסן, צערייסן מיט אַלעמען, וואָס איז געווען... גלייך, אויבן אָרט, מיט צוויי האַרץ-קלעפּ, נישט מער, — מען דאַרף איבערטרעטן די גרענעץ, און דאָס העסלעכע, נידערטרעכטיקע, דאָס פרעמדע, נישט זיין לעבן — וועט בלייבן פון הינטן...

ער איז געשטאַנען מיט ברייט-צעעפנטע אויגן אין דער גאַנצער ערום, דאָס אַלץ, וואָס זיין בליק האָט נאָר געקאָנט פאַרכאַפּן, האָט פון געלויף און פון צערודערטקייט, ווי אויך דערפון, וואָס ער איז נאָך שוואַך געווען, פולסירט, געהוידעט זיך און גערויטלט זיך אין זיינע אויגן.

ער האָט באַנומען דעם גראַד פון זיין געפאַלנקייט. דאָס האָט געמוזט פּאַסירן. אַ צו לייכטן, זעלבסטבאַגלויבטן לעבן האָט ער גע-פירט, אַ צו הויכע מיינונג איז ער וועגן זיך געווען, — ער, דער פוילער, דער אומריינער און צעלאָזענער...

אַלץ האָט קאַוואַלעראָוו באַנומען, פליענדיק איבער אָט דעם ווינקל.

ער האָט זיך אומגעקערט, אויפגעהויבן די שעלקעס, אָנגעטון זיך. עס האָט אַ קלונג געטון אַ לעפל — די אַלמנה האָט זיך אַ לאָז געטון נאָך אים, — אָבער נישט אומקוקנדיק זיך אַפילו, איז ער אַוועק פון דער שטוב. ווידער האָט ער געגעכטיקט אויפן בולוואַר. און ווי-דער האָט ער זיך צוריקגעקערט. אָבער ער האָט פעסט באַשלאָסן:

„איך וועל וויזן דער אַלמנה איר אָרט. איך וועל איר נישט דערלויבן אַפילו אַ פּיפּס טון וועגן דעם, וואָס איז פאָרגעקומען. מאַלע

וואָס עס פּאַסירט שיכּורערהייט. און לעבן אויף דער גאַס קאָן איך נישט".

די אַלמנה האָט איבער דער קיך אַ ברענגענדיק קינעלע. זי האָט אַ קוק געטון אויף אים פון הינטערן שלייף און זעלבסטצופרידן אַ שמייכל געטון. ער איז אַריין אין צימער. אויף אַ ווינקל-שאַפע איז געווען אָנגעטון איוואַנס האַרטער הוט.

איוואַן איז געזעסן אויף דעם בעט. ער איז געווען ענלעך אויף זיין ברודער. ער איז נאָר געווען אַביסל קלענער. די קאָלדרע האָט אים אַרומגעהילט ווי אַ וואָלקן, אויפן טיש איז געשטאַנען אַ ווײַן-פלאַש. איוואַן האָט געזופּט פון אַ גלאָז רויטן ווײַן. ווייזט אויס, אַז ער האָט זיך נאָר וואָס פון שלאָף אויפגעכאַפּט; זיין פּנים האָט זיך נאָך נישט אויסגעגלעט פון שלאָף, און ער האָט נאָך שלעפעריק ער-געצווו הינטער דער קאָלדרע זיך געקראַצט.

— וואָס באַטייט עס? — האָט קאַוואַלעראָוו פאַרגעבן די קלאַ-סישע פראַגע.

איוואַן האָט זיך לויטער צעשמייכלט.

— דאָס באַטייט, מיין פריינט, אַז מיר דאַרפן נעמען אַ קאַפּל. אַניטשקע, אַ גלאָז!

עס איז אַריין אַניטשקע, אוועק צום בופעט.

— דו אייפער נישט, קאָליע, — האָט זי אַ זאָג געטון, אַרומ-נעמענדיק קאַוואַלעראָוון, — ער איז זייער אַן איינזאַמער, אַט אַזאַ, ווי דו, אַ רחמנות כאַפּט מיך אָן אויף אייך ביידן.

— וואָס באַטייט עס? — האָט קאַוואַלעראָוו שטיל אַ פרעג געטון.

— נו, וואָס האָט איר זיך צוגעקלעפּט? — איז איוואַן אין כעס געוואָרן. — גאָרנישט באַטייט עס נישט.

ער איז אַראָפּגעקראָכן פון בעט, צוגעהאַלטן זיך די גאַטקעס מיט איין האַנט און מיט דער צווייטער אָנגעגאָסן קאַוואַלעראָוון ווײַן.

— לאָמיר אויסטרינקען, קאַוואַלעראָוו... מיר האָבן אַסאַך גע-רעדט וועגן געפילן... און די הויפּטזאַך, מיין פריינט, האָבן מיר פאַר-געסן... וועגן גלייכגילט... נישט אמת? אינדערעמתן... איך מיין, אַז גלייכגילט איז דער סאַמע בעסטער צושטאַנד פונם מענטשנס וועזן. לאָמיר זיין גלייכגילטיק, קאַוואַלעראָוו. גיט אַ קוק! מיר האָבן געפונען די רו, מיין ליבער. טרינקט. פאַר גלייכגילט. הוראַ! פאַר אַניטשקען! און היינט, אַגב... הערט: איך... וועל אייך באַלד זאָגן עפּעס אָנגע-נעמס... היינט, קאַוואַלעראָוו איז אייער רייע צו שלאָפן מיט אַניטש-קען. הוראַ!